פערלאג
מענדעלע
ווארשע

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים
(ש. י. אַבראַמאָוויץ)

זעקסטער באַנד

נייע פערבעסערטע אויסגאַבע

פערקויף: געזעלשאַפט „צענטראַל", וואַרשא, נאַוואָליפקי 7
1928

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים
(ש. י. אַבראַמאָוויץ)

דער לופט-באַלאָן

דער פיש
וואָס האָט איינגעשלונגען יונה הנביא

פערלאַג „מענדעלע", וואַרשא
1928

דער לופט באלאָן

דער פיש

„דער לופט־באלאָן“—זאָגט מענדעלע אין זיינע ביאָגראַפישע נאָטיצן ¹) —איז אַ שעהנע מעשה, פערפאַסט מיט דער הילף פון מיין פריינד הר״ל בינשטאָק. צוערשט איז עס ערשינען לערך אין 1869 אין זשיטאָמיר.

אייגענטליך איז עס אַ בעאַרבייטונג פון דעם ווערק „די לופט־רייזע דורך אפריקע“, וואָס איז אין יענער צייט דערשינען פון דעם שפּעטער בעריהמט־געוואָרענעם ראָמאַניסט זשול ווערן, וועגען דעם דערצעהלט י. ל. בינשטאָק אין זיין מענדעלע־ביאָגראַפיע ²).

הגם די איבערזעצונג איז געמאַכט מיט אַ זעכציג יאָהר צוריק, קאָן זי מיט איהר אידיש נאָך איצט דינען אלס מוסטער. אין יעדען זאַץ פיהלען מיר מענדעלען דעם אויסגעצייכענטען אידישען שפּראַך־מייסטער. מענדעלע האָט אָנגעטאָן דער דערצעהלונג אַ אידישען לבוש, צוגעגעבען איהר דעם אמת'ן אידישען חן, וואָס נאָר אין מענדעלע האָט עס געקענט.

„דער פיש“, ווי דער „לופט־באלאָן“,—איז אויך פערפאַסט פון מענדעלען מיט דער הילף פון זיין פריינד י. ל. בינשטאָק, ס'איז ארויס־געגעבען געוואָרען דורך דער רעדאַקציע פונ'ם „קול מבשר“ אין אדעס אין 1870.

---

¹) זע „רשימות לתולדותי,“ און די יודישע איבערזעצונג אין דער אויסגאַבע.
²) זע „הַאָסבאָר“ XII 1884, „הויז־פריינד“ I און „השלח“ כרך ל״ד.

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1927

Printed in Poland

Zakl. Graf. „Stereotyp" Warszawa Nowolipki 7.

מענדעלע מוכר ספרים, ווי בעוואוסט, האָט אין יענע יאָרען ספּעציעל
זיך אָבגעגעבען מיט נאַטור־וויסענשאַפט. ער האָט בעאַרבעט אין העבּ־ע־
איש די נאַטור־געשיכטע פון לענץ מיט׳ן נאָמען „תולדות הטבע״, (אין 3
טייל, דערשינען אין די יאָהרען 1862, 1867, 1872). אין דער מעשה „דער
פיש״ ווערט בעשריבען דער האַי־פיש. מענדעלע פערפלעכט די דער־
צעהלונג מיט יונה הנביא, מיט אויסצוגען פון תלמוד און זוהר און מיט
בעשרייבונגען פון פאָרשער און רייזענדער וועגען די אייגענשאַפטען פון
דעם האַי־פיש, און פיהרט לסוף אויס, אַז „אלע געלעהרטע, וואָס גי־
בען זיך אָב היינטיגע צייטען מיט חכמת הטבע, זאָגען אלע בפה אחד,
אַז נאָר דער האַי־פיש האָט איינגעשלונגען יונה הנביא, און רופען אים
אין דער נאַטור־געשיכטע לכבוד דעם נביא, „יונה׳ס פיש, דאָס הייסט:
דער פיש וואָס האָט איינגעשלונגען יונה הנביא״.

מענדעלע דער נאַטור־פאָרשער און מענדעלע דער משכיל קוקען
ארויס פון אַט דער קליינער, איצט גאַנץ־פערעלטערטער דערצעהלונג.

נ. מ.

דער לופט־באַלאָן

א.

דעם 14 יאַנואַר 1862 האָט זיך אין לאָנדאָן פערזאַמעלט אַ גרויסע אסיפה פון אַ סך גרויסע געלערנטע לייט, וואָס גיבען זיך אָב מיט ווייטע נסיעות, אויפצוזוכען אומבעקאַנטע לענדער און פעלקער (געאָגראַפישע געזעלשאַפט). דער עלטסטער פון דער געזעלשאַפט, סיר פראַנסיס, האָט דער פערזאַמלונג געהאַלטען די דאָזיגע רעדע:

„ענגלאַנד האָט פון אייביג אָן, פריהער פון אַלע אומות אַרויסגעשיקט געלערנטע מענשען, זיי זאָלען אַרומפאָהרען בים וביבשה אין די ווייטע מקומות, צו געפינען נייע מדינות. היינט וויל דער דאָקטאָר פערגיסאָן נאָר פליהען אין אַ לופטבאַלאָן אין דער לופטען איבער גאַנץ אַפריקאַ און מאַכען אַ בעשרייבונג פון אַלע לענדער און מדבריות, וואָס ביז אַהער האָט קיין שום מענש אַהין ניט געקענט קומען: מיר האָפען, אַז דער דאָקטאָר סאַמועל פערגיסאָן וועט אונז ניט פאַרשעמען און וועט זיין שליחות טאָן בשליטות. אויב גאָט וועט זיין וועט מצליח זיין, וועלען מיר שוין וויסען פון אַלע מדינות, וואָס געפינען זיך אין אַפריקאַ, ווען אפילו חלילה ניט, וועט עס אונז וועניגסטענס זיין לכבוד פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז איין ענגלענדער האָט זיך איינגעשטעלט צו מאַכען אַזאַ סכנות'דיגע נסיעה".

אין דער אסיפה זענען געזעסען זעהר פיעל אַלטע רייזענדע מפירסמים, וואָס האָבען שוין אין זייער לעבען גאָר אָהן פחד געמאַכט גאַנץ גרויסע שרעקליכע נסיעות אין אַלע פינף טיילען פון דער וועלט. איטליכער פון זיי איז אין זיין ביסעל יאָהרען גענוג אויסגעשטאַנען: דער האָט זיך אַ מאָל געמוזט ראַטעווען אין מיטען ים אויף אַ ברעט פון אַ צושלאָגען שיף; דער אַנדערער האָט זיך קוים אויסגעדרעהט, אין אינדיען פון ווילדע גזלנים; דער דריטער איז על פי נס ניצול געוואָרען, אין אויסטראַליען, פון די דאָרטיגע מענשענפרעסער, וואָס האָבען איהם געוואָלט לעבעדיגערהייט איינשלינגען.

ביי די אלע ליט האט פונדעסטוועגן גוט געטיאָכקעט דאָס האַרץ, אז זיי האָבען געהערט פון אזא מין נסיעה, וואָס דער דאָקטאָר פערגיסאָן וויל זיך אונטערשטעלען צו מאַכען, און האָבען פערלאַנגט, זיי ווילען אליין, מיט זייערע אויגען, זעהן דעם דאָקטאָר פערגיסאָן. דער עלטסטער האָט איהם געשיקט בעטען, איז ער גלייך געקומען. קוים האָט דער דאָקטאָר געעפענט די מיר, האָט די גאַנצע פערזאַמלונג איהם לכבוד, אָנגעהייבען צו פליעסקען און פּאַטשען אין די הענד. דער דאָקטאָר איז אלט געוועזען א יאָהר פיערציג, זעהר א שענע פערזאָן מיט זעהר קלוגע אויגען. מען האָט זיך געקענט אָנשטויסען אויף איהם קוקענדיג, אז ער איז נים קיין איבערגעשראָקענער און איז א גרויסער אַרביטסמענש.

דער עולם האָט נים אויפגעהערט צו פליעסקען און שרייען הוראַ ביז דער דאָקטאָר האָט נישט א מאַך געטאָן מיט דער האַנד צום צייכען, אז ער פערלאַנגט עפּיס צו רעדען. אלע זענען געבליבען שטיל. דער דאָקטאָר איז צוגעגאַנגען צו זיין שטול, וואָס מען האָט איהם אָנגעגרייט, און שטעהענדיג האָט ער אויפגעהויבען די האַנד צום הימעל און האָט מעהר נישט געזאָגט די פיער ווערטער:

ארויף אויף די וואלקען!

מען האָט נאָך אין ענגלאַנד קיין מאָל נישט געהערט אזא הוראַ־שרייען מיט אזא ליאַרעם ווי די פיער ווערטער האָבען אָנגעמאַכט. דער עולם איז געוועזען פּשוט אויסער זיך. מען האָט באַלד אריינגעשיקט דאָס מעלדען אין אלע צייטונגען און מען האָט אויך אָבגעדרוקט דעם דאָקטאָרס פיער ווערטער.

אז די אסיפה האָט זיך געענדיגט, האָט מען לכבוד דעם דאָקטאָר געמאַכט א גרויסען באַל אין אדעל־קלוב. אלע, וואָס זענען געוועזען געבעטען צו דעם מיטאָג, האָבען צום דאָקטאָר געטרונקען לחיים און צוגעווינשעוועט, ער זאָל מצליח זיין און בשלום קומען צוריק א היים.

ב.

דער דאָקטאָר פערגיסאָן האָט געהאַט א זעהר געטרייען פריינד א שאָטלענדער, וואָס האָט געהייסען קענעדי. די ערשטע בעקאַנטשאַפט האָט זיך ביי זיי אָנגעהויבען אין אינדיען, וואָס דאָרטען האָבען זיי ביידע געדיענט אין איין פאָלק. און האָטשע זיי ביידע האָבען ניט געהאַט קיין גלייכע נאַטור, דהיינו קענעדי האָט שטאַרק ליעב געהאַט יאַגט אויף ווילדע חיות, אויף לייבען, לעמפּערטען, עלפאַנטען און האָט געקענט זעהר גוט טרעפען אין ציעל, און דער דאָקטאָר—ער האָט אפילו ניט געקענט רעכט האַלטען א ביקס אין דער האַנד און פלעגט זיך תמיד נאָר אָבגעבען מיט געלערנטע זאַכען,—פונדעסטוועגען האָבען זיי ביידע געלעבט נפש אחת.

אז די ביידע פריינד זענען צוריק געקומען קיין ענגלאַנד, האָבען זיי זיך דאָרט געמוזט צושיידען, מחמת דער דאָקטאָר האָט געדאַרפט אויף א לאַנגער צייט אַוועקפאָהרען קיין הינא. צוריקקומענדיג אַ היים פלעגט ער זיך אָפט זעהן מיט זיין פריינד און שוין מעהר נים גערעדט פון ווייטע נסיעות, אַזוי ווי זיין שטייגער איז געוועזען. קענעדי האָט גאָר אָנגעקוואָלען, ער האָט געמיינט, אז דער דאָקטאָר האָט שוין אויף תמיד אָנגעוואָרען דעם חשק צו שלעפּען זיך צווישען מענטשען־פרעסער און ווילדע חיות. ער פלעגט איהם אויך תמיד זאָגען: גענוג זיין נע ונד, האָסט שוין, כ'לעבען, גענוג קונה שם געוועזען אויף דער וועלט. דער דאָקטאָר אָבער האָט איהם קיינמאָל נים געענטפערט אויף די רעד, פלעגט זיך זיצען פערטראַכט און מאַכען עפּיס חשבונות. גאַנצע נעכט האָט ער נאָר גערעכענט און צונויפגעשטעלט מאַשינדלעך, וואָס קיינער האָט עס נים געקענט פערשטעהן. אַזוי איז דער דאָקטאָר אָבגעזעסען ביי זיין פריינד אין שאָטלאַנד צוויי יאָהר.

וואָס קען דאָס באַטייטען, האָט קענעדי ביי זיך געטראַכט, אז מיט א מאָל האָט זיך דער דאָקטאָר, אין חודש יאַנואַר,

אויפגעהויבען און אוועקגעפאָהרען קיין לאָנדאָן. וואָס וויל ער דאָרט מאַכען?

נאָר באַלד אָבער איז קענעדי געוואָהר געוואָרען פון דער ענגלישער צייטונג „דע—לי—טעלעגראַף״ וואָס זיין פריינדס אוועקפאָהרען באַטייט.

— באמונות, האָט ער געזאָגט, ער איז ריין משוגע, אַ קליינינקייט איבערפליהען גאַנץ אַפריקא אין אַ לופטבאַלאָן, נאָך דאָס נעהם איהם אָב, דעם שלימזול. אָט דאָס, אַ פּנים, איז ער געזעסען און האָט געטראַכט די גאַנצע צוויי יאָהר. קענעדי האָט זיך פשוט די האָר ניט אויסגעריסען פאַר עגמת נפש.

זיין אַלטע טוהטע עליסבעטע האָט איהם געוואָלט איינרעדען, אַז די גאַנצע מעשה איז ליגען.

— נעה שוין, נעה שוין, נאַרעלע, — האָט זי געזאָגט, — האָבּט שוין אַ מאָל געזעהן, מענשען זאָלען פליהען, עס איז אודאי אַזוי אמת, ווי די קוה איז געפלויגען איבערן דאַך. זאָרג זיך ניט, זאָרג זיך ניט, קענעדי, דיין פריינד וועט, כ׳לעבען, באַלד קומען.

— האָט מיר ניט קיין פאַראיבּעל, טוהטע־לעבען, איך קען איהם בעסער פון איך. ער קען אין דער לופט אויך פליהען. נאָר איך וועל עס איהם אָבער ניט דערלאָזען: לאָז נאָר נאָך דעם משוגע׳נעם די לייצעטע ער אוועקפליהען אויף דער לבנה.

קענעדי האָט ניט געמאַכט קיין כך שיהות און איז מיט דער אייזענבאַהן אוועקגעפאָהרען קיין לאָנדאָן. אין דריי פערטעל שעה איז ער שוין געשטאַנען נעבען זיין פריינדס הויז און האָט אַ שטאַרקען ציה געטאָן פאַר דעם גלעקיל נעבען דער טיר.

— שלום עליכם, קענעדי, האָט איהם דער דאָקטאָר אַ זאָג געטאָן בשעת ער האָט איהם געעפענט די טיר. ווי קומט עס, דו זאָלסט אוועקוואַרפען דאָס געיעג און קומען פלוצלים קיין לאָנדאָן.

— איך בין אומיטנע געקומען, — האָט קענעדי געענטפערט, — דיר אַרויסצושלאָגען דיין שגעון פון קאָפּ: ס׳טייטש, איז דאָס טאַקי אמת, וואָס די גאַזעטען שרייבען, אַז דו ניטהמכט זיך אונטער איבערצופליהען גאַנץ אַפריקא אין אַ לופטבאַלאָן, און טאַקי בשעת רעדע האָט

ער אַרויסגענומען אַ נומער פון דער גאַזעטע „דע—לי—טעלעגראַף״, אין וועלכען עס איז געשטאַנען בעשריבען די נסיעה, וואָס דער דאָקטאָר וויל מאַכען.

— אַ, האָט דער דאָקטאָר גאַנץ רוהיג געזאָגט, פון מיין נסיעה רעדסט דו, יאָ, עס איז טאַקי אמת, איך גרייט מיך שוין אפילו צו אין וועג אַריין.

קענעדי איז געבליבען שטעהן אויסער זיך פון דעם דאָקטאָרס רעד.

— גלויב מיר, — האָט ער געזאָגט מיט כעס, — איך וועל דיך בשום אופן ניט לאָזען.

— שאַ, בייזער זיך ניט, מיין פריינד, — האָט איהם דער דאָקטאָר אַלץ רוהיג געענטפערט, — איך פאַרשטעה, פאַר וואָס דו ביסט ברוגז, אודאי דערפאַר, וואָס איך האָב דיר ניט מודיע געוועזען דערפון. איך בין אָבער געוועזען זעהר טרוד. נאָר גלויב מיר, אַז אָהן דיר וואָלט איך ניט אוועקגעפלויגען, מחמת איך וויל דיך טאַקי מיטנעהמען.

קענעדי האָט אַ שפּרונג געטאָן, ווי אַ ווילדע ציג, מיט אַ געשריי.

— וואָס, ביסטו חסר־דעה? ווילסט, מען זאָל אונז ביידע האַלטען פאַר משוגעים.

— כ׳לעבען, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, איך בין אסור ניט משוגע. אַ סך מענשען האָבען זיך געבעטען, איך זאָל זיי מיטנעהמען, נאָר איך האָב אַלע אָבגעזאָגט צוליעב דיר. אַז דו וועסט מיך אויסהערען, וועסט־דו מיר דערנאָך דאַנקען. לאָמיר זיך נאָר אַנידערזעצען און בעטראַכטען דעם עסק אָהן כעס.

די ביידע פריינד האָבען זיך אַנידערגעזעצט נעבען אַ טישיל, וואָס אויף איהם איז געשטאַנען אָנגעגרייט אַ גוטער פריהשטיק.

— מיין ליבער סאַמועל, האָט קענעדי אָנגעהויבען, איך בין ריין גאַנצען עסק ניט גורם. איך זאָג דיר נאָך אַ מאָל, דיין פּלאַן איז משוגע.

— דאָס װעלען מיר זעהן שפּעטער, אז מיר װעלען פּרוּװען,—האָט דער דאָקטאָר געענטפערט.

— פּרוּװען טהאָר מען אָבער נישט, מײן ליבער פרײנד, — האָט קענעדי געזאָגט, — מחמת אין אזא רײזע שטעקט פיעל סכנות און גרױסע שװעריגקײטען.

— פאַר שװעריגקײטען האָב איך כּלל קײן מורא נישט, — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, — אי סכּנות, פאַר דעם קען מען נישט אנטלױפען. זיצענדיג דאָ נעבען טיש קען אױך זײן א סכּנה. װאָס איז באַשערט—דאָס איז באַװערט.

קענעדי האָט נאָך לאַנג גע'טענה'ט און ראיות געבראַכט, אז דורכפליהען גאַנץ אפריקא אין א לופטבאַלאָן איז אונמעגליך.

— נאָר אז דו האָסט זיך שױן יאָ אײנגעשפּאַרט, — האָט ער צום סוף דעם דאָקטאָר געזאָגט, — פאַר װאָס זשע זאָלסט־דו ניט פאָהרען װי לײטען גלײך? צו װאָס פליהען?

— װײסט־דו, פאַר װאָס איך װיל פליהען? מחמת דורכגעהן אפריקא מיט דער אַקס אָדער צו־פוס איז נאָך קײנעם ניט געראָטען. הײב אָן פון דעם רײזענדען מונגא־פּאַרקא, װאָס איז, נעבעך, גע'הרג'עט געװאָרען נעבען דעם טײך ניגערע ביז דעם מאַיאָר לענגאָ, װעלכען די װילדע האָבען פערפײניגט אין יאָהר 1860, זענען אלע, נעבעך, אומגעקומען, װײל מען קען זיך ניט ראַנגלען אי מיט הונגער, מיט דאָרשט, מיט פיבער, אי מיט װילדע חיות און מענשען, װאָס זענען נאָך װילדער פון די חיות. װען מען קען א זאַך ניט דערלאַנגען מיט אײן מיטעל, פּרוּװט מען א אנדערען, מחמת געהן אָדער פאָהרען אין אפריקא איז אונמעגליך, עס איז דאָ א סך מדבריות, װאָס מען מוז איבער זײ אָדער אריבערפליהען, אָדער זיך גאָר צוריקקעהרען. גלױב מיר, איך האָב אלצדינג בעװאָרענט, מײן לופטבאַלאָן װעט ניט אראָבפאַלען. װען חלילה יאָ, װעל איך מיך בשלום אַראָבלאָזען אױף דער ערד און װעל מיר האַנדערען, װי אלע אַנדערע. הײנט פאַרגעס טאַקי ניט די מעלות פון מײן לופטבאַלאָן. מיט איהם האָב איך נישט קײן מורא ניט פאַר היץ, ניט פאַר קעלט, ניט פאַר װאַסער, ניט פאַר שטורם, ניט גאָר אומגעזונדער לופט, ניט פאַר װילדע חיות און פאַר קײן מענשען האָב איך אױך קײן מורא נישט. איז מיר צו הײס, הײב איך מיך אױף אין דער הײך. איז

מיר צו קאַלט, לאָז איך מיך אַראָב; זעה איך א באַרג, א טיפען אָבגרונד אָדער א װאַסער, פליה איך זײ איבער װי א פױגעל; װערט א שטורמװינד, הײב איך מיך אױף הױך איבער איהם: איך טראָג זיך איבער פון אײן אָרט אױף דעם אַנדערען און װער ניט מיד, איך פליה איבער שטעדט און דערפער, װײט אָדער נאָהענט פון זײ, װי איך װיל, און בעטראַכט מיר גאַנץ אַפריקא װי אױף דער האַנד.

די רעד פון דעם דאָקטאָר האָבען קענעדי'ן נאָר דעם קאָפּ פאַרדרעהט. ער האָט געקוקט אױף פערגיסאָן מיט גרױס בעװאונדערונג און עס האָט זיך איהם שױן אױסגעװיזען, אז ער פליהט אין דער לופט.

— אָט, א פּנים, אַז דו קענסט רעכטעװען דעם לופטבאַלאָן?—האָט ער דעם דאָקטאָר געפרעגט.

— דאָס גראָד קען איך נישט.—האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, דאָס הענגט־אָב פון זײן ליבען נאָמען. נאָר פונדעסטװעגען װעל איך פאָרט פליהען פון מזרח קײן מערב, מכּח איך װעל מיך בענוצען אין דער רײזע מיט די װינטען, װאָס בלאָזען תּמיד אין יענע מקומות פון מזרח קײן מערב. זאָלסט װײטער װיסען, אז די ענגלישע מלוכה האָט אַרױסגעשיקט שיפען, זאָלען שטעהן נעבען דעם ברעג פון אַפריקא אין מערב־זײט און דאָרטען װאַרטען, ביז מיר װעלען אַהין אָנקומען. אין דרײ חדשים אַרום װעל איך זײן אױף דער קעמפּע זאַנזיבאַר, דאָרט װעל איך אָנפילען מײן לופטבאַלאָן מיט גאַז, און מיר װעלען זיך אװעקלאָזען.

— װאָס הײסט מיר, האָט געפרעגט קענעדי.

— דו האָסט נאָך עפּיס טענות, מײן ליבער פרײנד, — האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען.

— טענות כּחול הים—דאָס קענעדי געזאָגט.— גיב מיר נאָר צו פאַרשטעהן, דו װילסט בעטראַכטען יענע מקומות און דו װילסט זיך אױפהױבען און אַראָבלאָזען. בײ דעם אַראָבלאָזען אָבער מוזט־דו דאָך אַרױסלאָזען דעם גאַז פון דעם לופטבאַלאָן, — מיט װאָס־זשע װעסט־דו װײטער פליהען. — איך װעל דיר נאָר אײן זאַך זאָגען, מײן קענעדי, איך װעל ניט אַרױסלאָזען קײן אײן פּיצעל גאַז.

— װי אַזױ־זשע װעסט־דו זיך אַראָבלאָזען?

— דאָס איז שוין מיין סוד, — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, — זאָג נאָר בעסער, ביסט־דו מרוצה מיט מיר צו פאָהרען אָדער ניין?

— איך בין מרוצה, — האָט קענעדי געענטפערט.

ביי זיך אָבער האָט ער געטראַכט, ער וועט פאַרט ניט לאָזען פאָהרען זיין פריינד.

דער דאָקטאָר פערגיסאָן האָט זיך לעת עתה גאַנץ שטאַרק צוגעגרייט צום וועג. ער אַליין האָט צורעכט געמאַכט די מאַשינדלעך אין זיין לופטבאַלאָן נאָר אויף איין אַנדער אופן און האָט זיך אין דער צייט אויסגעלערענט אַראַביש און נאָך אַנדערע לשונות פון די ווילדע פעלקער אין אַפריקא. קענעדי האָט די גאַנצע צייט פון איהם ניט אָבגעטראָטען, האָט איהם אַלץ געבעטען און גע'חלש'ט פאַר איהם, ער זאָל אָבזיצען פון זיין נסיעה, דער דאָקטאָר אָבער האָט איהם גאָרנישט געוואָלט הערען. קענעדי פלעגט פערציטערט ווערען, אַז ער האָט דערזעהן דעם בלויען הימעל און אין שלאָף פלעגט זיך איהם תמיד אויסווייזען, אַז ער פאַלט אַראָב פון דער הויך. איינמאָל איז ער טאַקי אַראָבגעפאַלען פון דעם בעט און האָט זיך צושלאָגען דעם שטערען.

— זעהסט־דו, כאַמועל, — האָט קענעדי צום דאָקטאָר געזאָגט, — אָט אַ דאָס בולקעלע אויף דעם שטערען האָב איך בעקומען אַראָבפאַלענדיג נאָר פון דעם בעט, הײנט ווער שמועסט פון דער הויך — קען דאָך קיין גאַנץ ביינדעל ניט בלייבען.

— האָב נאָר קיין מורא ניט, קענעדי, מיר וועלען ניט אַראָפּפאַלען, — האָט איהם דער דאָקטאָר געענטפערט.

קענעדי'ן איז פערקילט געוואָרען אין בויך, אַז ער האָט געזעהן, אַז דער דאָקטאָר בלייבט טאַקי ביי זיינעם און עס איז איהם גאָר ניט אַראָבצופיהרין. און האָטשע קענעדי האָט במחשבה געהאַט בשום אופן ניט צופליהען, פונדעסטוועגען האָט ער געשריבען צו זיין מוהמען, זי זאָל איהם שיקען זיינע קליידער און די כלי־זין. בכדי אָבער די נסיעה זאָל זיך שלעפען אין דער לאַנגער באַנק אריין, האָט ער אַלץ אויסגעזוכט נייעמיני שאלות: אַ שטייגער, דאַרף מען טאַקי גאַנץ נויטיג וויסען, פון וואַנען דער טייך נילוס הייבט זיך אָן, און אַז מען וועט עס חלילה ניט

וויסען, קען מען גאָר ניט לעבען, אָדער אַז מען וועט שוין פאָהרען און אויסלערנען די ווילדע מענשען אין אַפריקא, וועלען זיי דען דורכדעם גליקליכער זיין. איבריגענס, וואָס איז דאָס אַילעניש. זיי וועט איינער שפּעטער אַביסעל ניט געפינען אַ מיטעל, פאָהרען קיין אַפריקא אָהן סכנות נפשות.

— אַ שיינעם דאַנק דיר, קענעדי, פאַר דער גוטער עצה, — האָט איהם דער דאָקטאָר געענטפערט. — איך וויל אָבער ניט וואַרטען ביז וואַנען יענער וועט געפינען, איך וויל אַליין פאָהרען און דוקא אין לופטבאַלאָן. פיעל מענשען וואַנדערען שוין איצט אין רעכטען מיטען אַפריקא, אי צו־פוס, אי אויף מוילעזלען און זוכען די קוועלען, פון וואַנען דער טייך נילוס, אין מצרים, געהט אַרויס. אַ טייל פון זיי זענען, נעבעך, שוין דאָרט גע'הרג'עט געוואָרען, דער בעריהמטער רייזענדער פאָגעל, שמועסט די וועלט, זיצט דאָרטען ביי אַ ווילדען קעניג אין געפענגעניש, פונדעסטוועגען שרעקען זיך לייט ניט און מען וואַנדערט ווייטער.

— מהיכא־תיתי — האָט קענעדי צוריק געענטפערט, — לאָזען זיי זיך וואַנדערען געזונטערהייט און געפינען די מציאה, צו וואָס נאָך זאָלען מיר איינשטעלען דאָס לעבען.

דער דאָקטאָר אָבער האָט אויף דעם גאָרנישט געענטפערט און האָט זיך ווייטער גענומען צו זיין אַרבייט.

דער דאָקטאָר פערניסאָן האָט געהאַט אַ בעדינטען, וואָס ער האָט געהייסען דזשאָע. אַזוי אַ מענשען איז זעהר זעלטען צו געפינען. ער איז געוועזען צוגעבונדען צו זיין בעל־הבית מיט דעם גאַנצען לעבען. קיין שום זאַך האָט מען איהם ניט געדאַרפט אָנזאָגען, ער האָט אַלצדינג אַליין געטאָן און תמיד איז ער געוועזען פרעהליך. דער דאָקטאָר האָט זיך אויף איהם אינגאַנצען פערלאָזט, און באמת האָט מען זיך געטענט אויף איהם פערלאָזען, ווארום ער איז געוועזען זעהר אַ ספּריטנער און איין ערהליכער מאַן. האָט ער ערגעץ בעשטעלט אַ מיטאָג, האָט איהר געטענט זיין זיכער, אַז ער וועט זיין געשמאַק מיט אַלע פּישצעווקעס; זייט איהר געפאָהרען אין וועג אַריין, האָט ער אַלצדינג איינגעפּאַקט און קיין שום זאַך ניט פערגעסען; האָט איהר איהם איבערגעגעבען שליסעל אָדער עפּיס אַ סוד, האָט איהר געטענט שלאָפען גאַנץ רוהיג. דזשאָע האָט געהאַלטען פון זיין בעל־הבית גאָר איין עולם. זיינע רעד זענען בײַ איהם געוועזען הייליג, ער האָט געטענט זאָגען אויף טאָג נאַכט, האָט ער איהם געגלויבט. וואָס נאָר ער האָט איהם בעפוילען, האָט ער געטאָן אָהן טענות און קיין שום זאַך איז איהם ניט שווער געוועזען. דעריבער איז בײַ דזשאָען גאַנץ רעכט געוועזען, אַז דער דאָקטאָר וועט פליהען איבער אַפריקאַ און וועט איהם מסתמאַ מיט זיך מיטנעהמען. באמת איז דזשאָע אין אַזאַ מין נסיעה געוועזען זעהר נייטיג, מחמת ער האָט געקענט זעהר געשווינד שפּרינגען און קלעטערן, נאָך בעסער פון אַ מאַלפּע, און אַ חוץ דעם האָט ער דורכגעוואַנדערט מיט זיין בעל־הבית כמעט די גאַנצע וועלט, איז געוועזען אַ געניטער און האָט געהאַט אַ שטאַרקע ראיה, אַז ער האָט געקענט זעהן די קלענסטע שטערען אָהן אַ שפּאַקטיוו. מיט קענעדי'ן פלעגט ער זיך תמיד האַמפּערען דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געוואָלט גלויבען, אַז דער דאָקטאָר וועט פליהען.

אָט באַלד, קענעדי, וועט איהר זעהן, ווי מיר וועלען אַוועקפליהען אין דער לבנה אַריין.

— אַי, דזשאָע, וועסט־דו מיט דיין בעל־הבית זיך פערפּראַשען ד... נען — האָט זיך קענעדי צו איהם אָנגערופען.

— נישקשה — האָט דזשאָע געענטפערט — מיט מיין דאָקטאָר איז קיין שום סכנה ניט צו פאָהרען.

— וואָס, משוגענער? — האָט זיך קענעדי אָנגערופען — דו מיינסט טאַקי באמת פליהען מיט דיין בעל־הבית?

— איך וועל אם ירצה השם אודאי פליהען מיט איהם, וואוהין ער וועט וועלען. ווי קען איך דען איהם לאָזען אַליין. טאָמער ווערט ער, חלילה, קראַנק, אָדער עס וועט זיך איהם טרעפען עפּיס איין אַנדער אומגליק, — ווער וועט איהם העלפען? איבריגענס פאָהרט איהר דאָך אַליין טאַקי אויך מיט אונז.

— יאָ! — האָט קענעדי געזאָגט — איך וועל פאָהרען מיט דעם שיף, אפילו ביז דער קעמפּי זאַנזיבאַר, איך זאָל דיין בעל־הבית דעם שגעון פון קאָפּ אַרויסשלאָגען.

דזשאָען האָט עס אָבער פערדראָסען און ער האָט זיך אָנגערופען:

— איך בעט אייך איבער, מיין ליבער האַר, מיין בעל־הבית איז ניט משוגע, ער בעטראַכט איין עסק פריהער גאַנץ גוט, איידער ער טהוט עס. האָט ער זיך שוין אָבער בעשלאָסען, מעג שוין אפילו קומען די גאַנצע וועלט, וועט נישט העלפען. מאַכט, כ'לעבען, ניט קיין מחזקות. איהר וועט אם ירצה השם אויך פאָהרען מיט אונז, און וועט אונז שיסען גוטע פייגעל צום עסען. ווייסט איהר בעסער, אַז היינט געהען מיר זיך איבערוועגען, מחמת מען דאַרף אויסרעכענען אַקוראַט די משא פאַר דעם לופטבאַלאָן.

— איך, — האָט זיך קענעדי אָנגערופען — לאָז מיך ניט איבערוועגען, מען וועט זיך קענען באַגעהן אָהן מיר.

— ווי באַלד אָבער, מיין ליבער האַר, מען וועט ניט פריהער אויסרעכענען אַקוראַט די משא, וועט דאָך דער לופטבאַלאָן נישט קענען זיך אויפהייבען — האָט דזשאָע געזאָגט.

— זעהר אַ גרויסע דאגה, נו, וועט איהר בלייבען זיצען אין דער היים.

— מיר דאַכט זיך — האָט דזשאָע געענטפערט — אַז אויב אויף אייב

וועט איהר דעם דאָקטאָר נישט קענען אָבזאָגען, איהר וועט ניט וועלען איהם אָנטאָן קיין ענמת נפש און וועט זיך אודאי געהן איבערוועגען.

אַזוי ווי זיי האָבען דאָ געטענה'ט, איז אַריינגעקומען דער דאָקטאָר און האָט זיי געבעטען צו געהן מיט איהם אין דער פאַבריק, וואָס דאָרט האָט מען געאַרבייט דעם לופטבאַלאָן, און זאָלען זיך איבערוועגען. קענעדי האָט ניט איבערגערעדט קיין וואָרט און איז געגאַנגען.

קענעדי האָט געוואויגען	153 פונט.
דזשאָע	— 120
דער דאָקטאָר	— 135

— אַלע אינאיינעם — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — וועגען מיר נישט מעהר פון 408 פונט. דאָס אַלצדינג דאַרף מען האָבען, בכדי איך זאָל וויסען, וויפיעל משא דער לופטבאַלאָן דאַרף אויפהייבען.

— טאָמער איז צופיעל משא, האָט זיך דזשאָע אָנגערופען, וועל איך פאַסטען עטליכע טעג און גרינגער ווערען אויף דער וואָג.

— מעגסט עסען, וויפיעל דו ווילסט — האָט איהם דער דאָקטאָר געענטפערט, עס וועט דעם לופטבאַלאָן ניט שאַדען.

ד.

דער דאָקטאָר פערגיסאָן האָט זיך ביז דער לעצטער מינוט נאָר אָבגעגעבען מיט זיין לופטבאַלאָן. ער האָט איהם אָנגעפילט מיט גאַז, וואָס די חכמי-הכעמיע ציהען איהם אַרויס פון וואַסער. דער גאַז האָט די מעלה, וואָס ער איז ערשטענס 14 מאָל גרינגער פון דער לופט, און צווייטענס איז איהם זעהר גרינג צו מאַכען, מיט גאָר אַ קליינער תחבולה. דער דאָקטאָר האָט בערעכענט, אַז אַלע נייטיגע זאַכען און מאַשינען, וואָס ער וועט דאַרפען מיט זיך פיהרען אויף דער נסיעה, וועלען וועגען 4000 פונט, און דאָס אַלצדינג וועט דער לופטבאַלאָן דאַרפען טראָגען. נאָר אַזוי ווי עס קען זיך טרעפען, אַז דער לופט-באַלאָן זאָל אין וועג צוריסען ווערען, וועט דאָך דער גאַז אַרויסגעהן און ער וועט אַראָבפאַלען, אָדער חלילה עפּיס איין אַנדער אומגליק, איז דער דאָקטאָר געפאַלען אויף אַ שכל צו מאַכען נאָך אַ לופטבאַלאָן, אַ קלענערען, וואָס ער זאָל אַריינגעהן אין גרעסערען אַזוי, אַז ווען דער גרויסער וועט אפילו צוריסען ווערען, זאָלען זיי קענען פליהען מיט דעם קלענערען. ביידע לופטבאַלאָנען זענען געמאַכט געוועזען פון זעהר אַ שטאַרקער מאַטעריע, אויבען בעלעגט מיט גוטאַ-פערטשע, בכדי דער גאַז זאָל ניט קענען אַרויסגעהן פון אינוועניג און עס זאָל ניט דורכנעצען פון דרויסען. צום לופטבאַלאָן איז אונטען געוועזען צוגעבונדען מיט שטאַרקע שטריק אַ שיף פאַר די רייזענדע און פאַר אַלע נייטיגע זאַכען, וואָס מען דאַרף האָבען אויף דער נסיעה. צווישען די זאַכען האָבען זיך געפונען צוויי באַראָמעטערס, וואָס מיט זיי וועגט מען די לופט, צוויי טערמאָמעטערס, וואָס ווייזען די גראַדוסען פון היץ און קעלט, איין עלעקטרישע מאַשינע, פיער אייזערנע קעסטעלעך מיט וואַסער, צוויי אויף צום טרינקען, און צוויי פון גאַז וועגען, און אַ קופּערנע רעהר. אויך האָט ער מיטגענומען דריי אייזערנע אַנקערס און אַ זיידענעם לייטער. פון עסענוואַרג האָט ער גענומען טהעע, קאַווע, צוקער,

סעהערעס, געזאַלצען פלייש און געגנת בראַנפען. א חוץ דעם האָט ער געפיהרט א פּאַלאַטקע, בעטגעוואַנד, קענעדי'ס כּלי־זין, פולווער און קילען. דאָס איז דער חשבון, וויפיעל אלע זאַכען האָבען געוויגען:

דער דאָקטאָר פערגיסאָן	135 פונט
קענעדי	153 —
דזשאָע	120 —
דער גרויסער לופטבאַלאָן	650 —
דער קליינער לופטבאַלאָן	510 —
די שיף און די סיערקי אַרום איהר	280 —
די אַנקערס, דאָס כּלי־זין, דאָס בעטגעוואַנד, די פּאַלאַטקע און אַנדערע זאַכען	690 —
פלייש. סעהערעס, טהעע, קאַווע און בראַנפען	386 —
וואַסער	400 —
די מאַשינען אינוועניג	276 —
די וואָג פון דעם גאַז	200 —
משא	200 —
ס"ה	4000 פונט

— אָט די פיערטויזענד פונט, — האָט דער דאָקטאָר בערעכענט, — דאַרף אויפהייבען דער לופטבאַלאָן. די צוויי הונדערט פונט משא האָט ער גענומען, כּדי מען זאָל זיך מיט איהר קענען אַרויסהעלפען אין א נויט־פאַל. אַזוי ווי מיר וועלען ווייטער זעהן.

ה.

דעם 10 פעברואַר איז דער דאָקטאָר פערגיסאָן שוין אינגאַנצען פאַרטיג געוואָרען צו זיין נסיעה מיט הכל באשר לכל, מען האָט געפּריווט די לופטבאַלאָנען אָנפילען מיט גאַז, און זיי האָבען גליקליך אויסגעהאַלטען די פּראָבע. דעם 16 פעברואַר איז די שיף, וואָס הייסט „רעזאָליוטאַ", אָנגעקומען קיין גרינוויטש, ניט ווייט פון לאָנדאָן. אין דער שיף האָט מען דעם 18 פעברואַר איבערגעטראָגען ביידע לופטבאַלאָנען מיט דעם שיפעל אויף צו זיצען, די אַנקערס און אלע פּריפּאַסען מיט די קעס־טעלעך אויף וואַסער, וואָס מען האָט זיי בעדאַרפט אָנפילען, קומענדיג אויף דעם אָרט. אויך האָט מען גענומען גענוג אָלים און אַלט אייזען, וואָס פון די ביידע מאַכט מען גאַז. קענעדי דער עקשן איז, נעבעך, אויך מיטגעפאָהרען און האָט מיטגענומען א פּאַר ביקסען, איטליכער מיט צוויי רעהרען, א פּיסטויל מיט זעקס רעהרען און א קורץ ביקסעל. מיט די מיני ביקסלעך האָט קענעדי געקענט טויזענד איילען פונדערווייטענס טרעפען אפילו א סאַרני גלייך אין אויג אַריין. דעם 10 פעברואַר זענען אַנדערע דריי רייזענדע אַרויפגעגאַנגען אויף דער שיף. דער קאַפּיטאַן און די אָפיצירען פון דער שיף האָבען זיי מקבל פנים געווען און געבעטען צום מיטאָג, וואָס איז געווען אָנגעגרייט פון זייערטוועגען. צו דעם מיטאָג האָט מען געבעטען די גאַנצע געאָגראַפישע געזעלשאַפט מיט זייער עלטסטען, סיר פּראַנסיס. אַלע האָבען זיך זעהר משמח געווען. האָבען זיך דערנאָך געזעגענט מיט די רייזענדע און צוגעווינשעוועט, זיי זאָלען פאָהרען בשלום.

דעם 20 פעברואַר איז די שיף למזל אַוועקגעגאַנגען און דעם 12 אַפּריל, זייגער עלף אין דער פריה, איז זי אָנגעקומען צו דער קעמפּע זאַנזיבאַר, וואָס זי איז אָבגעטיילט פון אפריקא מיט א קאַנאַל פון דרייסיג מייל די ברייט. די קעמפּע איז זעהר א גרויסע, און געהער צו דעם סולטאַן פון מאַסקאַט. דער סולטאַן, וואָס הייסט אויך אימאַם (גייסטליכער),

האָט פֿון לאַנג אָן כּורת ברית געווען מיט פֿראַנקרייך און ענגלאַנד, און די שיפֿן פֿון די צוויי לענדער שטעלן זיך אָפּ תמיד נעבן זיין קעמפּע. דער גאַנצער האַנדעל אויף דער קעמפּע איז מיט גומי, מיט עלפֿנביין, דאָס רוב אָבער מיט שקלאַפֿן, און אין דער שטאָדט זאַנזיבאַר זענען די גרעסטע ירידים מיט שקלאַפֿנהאַנדעל. באַלד ווי די שיף רעזאָליוטאַ איז אָנגעקומען, האָט זיך דער ענגלישער קאָנסול אין זאַנזיבאַר געמעלדעט צום דאָקטאָר און האָט איהם געזאָגט:

— איך האָב ביז אַהער ניט געגלויבט אונזערע גאַזעטן, אַז איהר וועט באמת פֿליהען איבער אַפֿריקאַ, נאָר איצט, אַז איך זעה אייך דאָ, בין איך שוין ניט מעהר מסופּק און בעט אייך מיט אייערע מענשען צו מיר אויף סטאַנציע. ער האָט געוויזען דעם דאָקטאָר די בריעף, וואָס ער האָט מקבל געווען פֿון דעם קאַפּיטאַן ספּעק, פֿול מיט יללות, ווי ער מיט זיינע מענשען ליידען דאָס אַביסעל אין מיטען אַפֿריקאַ פֿון הונגער, פֿון דאָרשט, און שרייבט, אַז ער ווייסט ניט, ווען ער וועט קענען געבען פֿון זיך נאָך אַ מאָל אַ ידיעה.

— דאַכט זיך, — האָט איהם דער דאָקטאָר דערויף געענטפֿערט, — אַז מיר זענען פֿאַר אַזעלכע צרות בעוואָהרענט.

דער קאָנסול האָט געהייסען, מען זאָל איבערפֿיהרען אַלע זיינע געסט׳ס זאַכען צו זיך אַהיים. דער דאָקטאָר האָט געוואָלט אַנידערשטעלען זיין לופֿטבאַלאָן אויף דעם ברעג פֿון זאַנזיבאַר, מחמת דאָרט איז געווען אַ גלייכער פּלאַץ און פֿאַרשטעלט פֿאַר דעם מזרח־ווינד מיט אַ גרויסען טורעם, נאָר ווייבאַלד מען האָט אָנגעהויבען אַרויסנעהמען דעם לופֿטבאַלאָן פֿון דער שיף איז געוואָרען אַ רעש, אַ געפֿילדער צווישען די איינוואוינער פֿון דער קעמפּע. מ׳, האָט געשווינד דערפֿון געמעלדעט דעם קאָנסול.

מעשה שהיה כּך היה: ווי באַלד די נעגערען, וואָס זענען שטאַרק פֿערפֿיהרט אין זייער נאמנה, זענען געוואָהרגעוואָרען, אַז עפּיס איין ענגלענדער איז געקומען צו פֿאָהרען און וויל פֿליהען אין הימעל אַריין, זענען זיי שרעקליך אין כּעס אַריינגעקומען, וואָרום זיי האָבען געמיינט, אַז ער פֿליהט מלחמה האַלטען מיט זייערע אָפּגעטער, מיט דער זון און מיט דער לבנה. דער קאָנסול איז באַלד געקומען און האָט דערצעהלט דעם דאָקטאָר און דעם קאַפּיטאַן פֿון דער שיף, וואָס עס טהוט זיך אויף

דער קעמפּע. דער קאַפּיטאַן האָט זיך אָנגערופֿען, אַז ער לאַכט פֿון די נעגערען און אַז עס וועט אויסקומען איינס, וועט ער מיט זיי מלחמה האַלטען. נאָר דער קאָנסול אָבער האָט איהם אָבגעשלאָגען און האָט איהם אַזוי געזאָגט:

— אמת טאַקי, מיר קענען די איינוואוינער בייקומען, נאָר ווען, חלילה, אַ קויל פֿון זיי וועט טרעפֿען אין לופֿטבאַלאָן, איז דאָך פֿערלאָרען איינגאַנצען דעם דאָקטאָרס מיה. דעריבער מוז מען דאָ זיין זעהר פֿאָרזיכטיג.

— אדרבּה, — האָבען די רייזענדע צו איהם געזאָגט, — לערענט איהר אונז, וואָס צו טאָן; אויב אין גאַנץ אַפֿריקאַ זענען די מענשען אַזוי, וועט דאָך אומעדום זיין אַסכּנה אָנצופֿילען דעם לופֿטבאַלאָן.

— מיין עצה איז, — האָט דער קאָנסול געענטפֿערט, — אַז איהר זאָלט אָנלאָדען אייער לופֿטבאַלאָן אויף איינער פֿון די פּוסטע קעמפּעס, וואָס זענען ניט ווייט פֿון דאַנען, איהר זאָלט אַרומשטעלען די קעמפּע מיט מאַטראָזען, וועט איהר שוין פֿאַר קיינעם קיין מורא נישט האָבען.

דער דאָקטאָר און דער קאַפּיטאַן האָבען געפֿאָלגט דעם קאָנסולס עצה און זענען צוגעפֿאָהרען מיט דער שיף צו דער קעמפּע קומבעניע. דאָרט האָבען זיי אַרויסגענומען דעם לופֿטבאַלאָן און איהם אַנידערגעשטעלט אויף אַ גרויס אָרט אין מיטען וואַלד. דעם 17 אַפּריל האָט מען זיך אָבגעגעבען אַ גאַנצען טאָג מיט גאַז־מאַכען פֿון דעם לופֿטבאַלאָנס וועגען. אויף דעם אַנדערען טאָג אין דער פֿריה זענען בּיידע לופֿטבאַלאָנען, איינער אין דעם אַנדערען איינגעפּאַסט, שוין פֿאַרטיג געוועזען האָטשע צום פֿליהען, נאָר דער לופֿטבאַלאָן איז געוועזען צוגעבונדען צו אַ בּוים. אין דעם שיפֿעלע האָט מען אויסגעשטעלט אַלע זאַכען, איטליכע אויף איהר אָרט. די משאָ פֿון 200 פֿונט זאַמד האָט מען איינגעפּאַקט אין קליינע זעקעלעך און געלעגט צו דער האַנד, אַז באם מען וועט דאַרפֿען, זאָל מען זיי קענען באַלד אַראָבוואַרפֿען. מיט וואַסער האָט מען זיך אויך פֿערזאָרגט.

די נעגערען האָבען טאַקי אַלץ געפֿילדערט, געליאַרמעט, עטליכע פֿון זיי האָבען אפילו געוואָלט צו־שווימען צו דער קעמפּע קומבעניע, נאָר די סאָלדאַטען, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער וואַך, האָבען זיי אַוועקגעטריבען. די מכשפים פֿון דער קעמפּע האָבען פֿירגעזאָגט דעם עולם,

אַז זיי וועלען לאָזען רעגענען אויף די ענגלענדער האָגעל מיט שטיינער. אין בכדי אראָבצוברענגען דעם רעגען האָבען זיי אָנגעריסען בלעטער פון ביימער און דערשטאָכען אַ שעפּעלע מיט אַ לאַנגער נאָדעל. די ביידע אינאיינעם האָבען זיי געשטעלט קאָכען אין אַ קעסעלע אויף פייער. נאָר עס פאַרשטעהט זיך, אַז די אַלע צערעמאָניעס האָבען זיי גאָרנישט געהאָלפען און דער הימעל איז געבליעבען לויטער אָהן אַ פּיצעל וואָלקען ווי פריהער

אַרום זייגער זעקס אויף דער נאַכט האָבען זיך די רייזענדע אינאיינעם מיט דעם קאַפּיטאַן און מיט די אָפיצירען געזעצט צום טיש. קענעדי איז געזעסען שטיל און האָט גאָר אָנגעקוקט דעם דאָקטאָר. דאָס גאַנצע מאָלצייט איז געוועזען זעהר טרויעריג, איטליכער האָט גאָר געטראַכט דערפון, וועלען נאָך די רייזענדע קומען אַ מאָל אַ היים, צו זייערע פריינד און פאַמיליע, אָדער ניין; וואָס וועט, געבעך, זיין מיט זיי, אַז זיי וועלען אין מיטען אַפריקא ניט קענען פליהען און וועלען בלייבען ערגיץ צווישען די ווילדע פעלקער. דער דאָקטאָר האָט געוואָלט מיט רייד אַרויסשלאָגען זיי די מרה שחורה, נאָר עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפען.

אַלע רייזענדע זענען געבליבען נעכטיגען אויף דער שיף רעזאָליוטאָן. זייגער זעקס אין דער פריה זענען זיי אינאיינעם מיט דעם קאַפּיטאַן און די אָפיצירען אַריבערגעפאָהרען אויף דער קעמפּע קומבעניע. אַ מזרח־ווינד האָט גאַנץ פאַמעליך געשאָקעלט דעם לופטבאַלאָן. קענעדי איז אין דער מינוט צוגעגאַנגען צו דעם דאָקטאָר און האָט איהם געזאָגט:

— איך האָב מיינס געטאָן, סאַמועל, איך האָב אַלצדינג איינגעווענדעט דיך צוריקצוהאַלטען פון דיין נסיעה. נאָר איצט, אַז עס איז שוין אַלץ אָבגעמאַן און דו האָסט זיך טאַקי בעשלאָסען פליהען, פאָהר איך מיט דיר

— איך האָב געוואוסט, מיין ליבער פריינד, האָט איהם דער דאָקטאָר געענטפערט, — אַז דו וועסט מיך נישט פערלאָזען און האַלטען מיט מיר קאָמפּאַניע.

דער קאַפּיטאַן און די אָפיצירען האָבען זיך הערצליך געזעגענט מיט די רייזענדע. ניין דעם זייגער האָבען זיך אונזערע אַלע דריי רייזענדע אַריינגעזעצט אין שיפעלע פון דעם לופטבאַלאָן. דער דאָקטאָר האָט אָנ-

געצונדען דאָס גאַזרעהריל, וואָס איז צוגעריכט ביי דעם לופטבאַלאָן. דור. דעם האָט זיך דאָרט אינוועניג דער אַריינגעלאָזטער גאַז שטאַרק דערוואָרעמט, און דער לופטבאַלאָן, וואָס איז ביז אַהער געשטאַנען אויף דער ערד, האָט זיך אָנגעהויבען ביסלעכווייז אויפצוהויבען. די מאַטראָזען האָבען נאָכגעלאָזט די שטריק, דאָס שיפעלע האָט זיך אויפגעהויבען עטליכע אַרשין אין דער הויך.

— מיינע פריינד, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר שטעהענדיג צווישען קענעדי'ן און דזשאָען, — לאָמיר אַ נאָמען געבען אונזער לופטשיף מיט דעם נאָמען פון אונזער קעניגין וויקטאָריע. דער נאָמען וועט אונז אוודאי מזל'דיג זיין.

די מאַטראָזען האָבען פון אותטען אַ געשריי געטאָן; הוררא! עס זאָל לעבען אונזער קעניגין וויקטאָריע!

דער לופטבאַלאָן האָט אָנגעהויבען אַלץ העכער צו פליהען און די רייזענדע האָבען פון אויבען אַראָבגעשריגען דעם לעצטען „זיי געזונד" צו זייערע פריינד. אַז „וויקטאָריע" איז שוין גאַנץ הויך געוועזען, האָבען אויסגעשאָסען מיט אַ מאָל אַלע האַרמאַטען פון דער שיף רעזאָליוטס.

ה.

די לופט איז געוועזן ריין. עס האָט געבלאָזן אַ קליין ווינטעלע און דער באַראָמעטער האָט געוויזן, אַז דער לופטבאַלאָן וויקטאָריע האָט זיך אויפגעהויבן אויף אַכט הונדערט איילען הויך פון דער ערד. דאָרט האָט דער ווינד איהם אַ טראָג געגעבן מעהר קיין מערב-זייט: אַראָבקוקענדיג פון דעם שיפעל האָט זיך די גאַנצע קעמפע זאַנזיבאַר אויסגעוויזן אונזערע רייזענדע ווי אַ שען געמעהל. אַלע פערזאַקסענע פעלדער האָבען אויסגעזעהן ווי קליינע קוויטען, די וועלדער מיט זייערע הויכע בוימער — ווי זאַזאָנעס און די מענשען — ווי פליגען. דאָס געשריי פון די איינוואוינער האָט מען שוין ניט מעהר געהערט, נאָר דאָס שיסען פון די האַרמאַטען האָט נאָך אַביסעל געהידעט אין דער לופט. פליהענדיג איבער דעם ים האָט זיך דער דאָקטאָר געהאַלטען אַלץ אין איין הויך, כדי ער זאָל קענען גוט בעטראַכטען דעם ברעג. וויקטאָריע איז געפלויגען אַכט מייל אַ שעה, און אין צוויי שעה אַרום איז זי געקומען נאָהענט צו דעם ברעג. דער דאָקטאָר האָט געטראַכט זיך דאָרט אַראָבצולאָזען אויף דער ערד. ער האָט פאַרקלענערט דעם פלאַם אין דעם גאַזרעהריל און האָט זיך אַראָבגעלאָזט ביז הונדערט און פופציג איילען פון דער ערד. אין דער דאָזיגער הויך איז „וויקטאָריע" איבערגעפלויגען איבער אַ דאָרף, וואָס הייסט קאַהאָלע. די אַלע איינוואוינער פון דעם דאָרף האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען און האָבען אָנגעהויבען צו שרייען און צו שיסען מיט פיילען פון זייערע בויגענס אַקעגען דעם לופטבאַלאָן, נאָר דער לופטבאַלאָן איז זיך געפלויגען בשלום זיין וועג; דער ווינד האָט איהם געטראָגען אַלץ קיין מערב-זייט און דער דאָקטאָר האָט אַרויסגעזעהן, אַז זיי וועלען קומען אויף יענעם אָרט, וואָס די קאַפּיטאַנען בורטאָן און ספעק זענען דאָרט געוועזען.

— אַ כפרה דיליושאַנסען און דאַמפּפשיפען אַקעגען לופטבאַלאָנען. — האָט זיך קענעדי אָנגערופען.

— און אַפילו אייזענבאַהנען זענען אויך גאָרנישט, — האָט איהם דזשאָע געענטפערט. אין אייזענבאַהן פאָהרסט-דו דורך אַ גאַנצע וועלט און זעהסט גאָר נישט, מיט דעם לופטבאַלאָן איז שוין גאָר עפּיס אַנדערש, אי דו פיהלסט ניט, ווי דו פאָהרסט און איטליכעס שטיקעל ערד ליגט אויסגעשפּרייט פאַר דיינע אויגען. אַלצדינג איז שען, גאָר מחיה נפשות. נאָר קיין טאַנץ געהט ניט פאַר דעם עסען, עס וואָלט, כ'לעבען, ניט געשאָדט עפּיס איבערצוביסען. קאָכען דאַרף מען נישט, מיר האָבען גרייטע סעהערעס און געריויכערט פלייש.

— דערפאַר אָבער וועסט-דו אונז קאָכען קאַווע, האָט איהם דער דאָקטאָר געזאָגט, איך וועל דיר ערלויבען נעהמען פייער פון דעם גאַזרעהריל און פאַר אַ שרפה האָסט-דו ניט וואָס מורא צו האָבען.

— אַ שענער משא ומתן, כ'לעבען, — האָט זיך דזשאָע אָנגערופען, — מיר זאָלען נאָך דאָ האָבען אַ שרפה. מיר דאַכט זיך, אַז אָהע דעם זיצען מיר אויך אויף סכנות, איבער אונזערע קעפּ איז אַ גאַנצער מאַגאַזין מיט פולווער.

— עט, עס איז נישט אַזוי די מעשה, האָט איהם דער דאָקטאָר געענטפערט, — ווען אפילו דער גאַז זאָל זיך אָנצינדען, וואָלט ער זיך ביסלעכווייז געברענט און מיר וואָלטען דערווייל זיך פאַמעליך אַראָבגעלאָזט אויף דער ערד. נאָר זייט גאַנץ רוהיג, אונזער לופטבאַלאָן איז אַזוי גוט פערשרויפט, אַז דער גאַז קען בשום אופן זיך ניט אָנצינדען, נאָר זיך דערוואַרעמען.

דזשאָע האָט דערלאַנגט צום טיש אַ גאַנץ גוטען פריהשטיק און דריי הייסע גלעזער קאַווע, ערשט פון דעם זאָדט. די רייזענדע האָבען אָפּגעגעסען און האָבען זיך געזעצט רוהיג אַראָבקוקען אויף דעם לאַנד אונטער זיי. דאָס לאַנד איז געוועזען איין ארץ זבת חלב ודבש. דער לופטבאַלאָן איז געפלויגען איבער פעלדער, וואָס אויף זיי איז געשטאַנען פאַרטיג שוין צום שניט: טאַבאַק, טערקישע ווייץ און גערשטען, און איבער פעלדער מיט רייז, וואָס האָבען ערשט געבליהט. שעפעלעך און ציגען זענען געוועזען פערמאַכט אין גרויסע שטייגען, וואָס זענען געשטאַנען אויף די הויכע פאַלעס, בכדי זיי זאָלען זיין בעוואָהרענט פאַר דעם לעמפּערט און פאַר אַלע אַנדערע ווילדע חיות. די גאַנצע ערד איז בעדעקט געוועזען מיט אַלערליי קרייטעכצער, ווי מיט אַ שענעם אויסגעשטיקטען דיוואַן. דורך וואָס פאַר אַ דאָרף דער לופטבאַלאָן איז דורכ-

נעפּלוינגען, זענען זיך די איינוואוינער צונויפגעלאָפן און געשאָסן מיט פיילען, נאָר אַז זיי האָבן געזעהן, אַז די פיילען גרייכען ניט צום לופטבאַלאָן, האָבן זיי איהם בעגלייט מיט טויטע קללות. אַרום האַלבען טאָג האָט דער דאָקטאָר אַ בליק געטאָן אויף זיין לאַנדקאַרטע און האָט געזעהן, אַז ער געפינט זיך אין לאַנד אוזאַראַמאָ. דאָרט וואַקסען שוין אויף די פעלדער בוימוואָל און קאָקאָסבוימער. איצט זענען שוין אונזערע רייזענדע געפלויגען צוועלף מייל אַ שעה.

פליהענדיג איבער דעם דאָרף טאַנדאַ, האָט דער דאָקטאָר דערציהלט, ווי בורטאָן און ספעק האָבן דאָרט בעקומען אַ שרעקליך פיבער און האָבן געמיינט, אַז זיי וועלען שוין ניט ווייטער קענען געהן. אין דעם לאַנד איז טאַקי זעהר איין אומגעזונדע לופט, עס געהען דאָרטען אַרום אַלע שרעקליכע קראַנקהייטען. בכדי אויסצומיידען די אומגעזונדע לופט, האָט זיך דער דאָקטאָר אויפגעהויבען גאַנץ הויך. אויף דער רייזע האָבן זיי צייטענווייז בעגעגענט גאַנצע שיירות מיט קעסלען שטעהענדיג אין די קראַאַלען. אַ קראַאַל איז אַ גאַנץ גרויס אַרומגעצוימט פּוסט אָרט. דאָרטען רוהען זיך אויס די שיירות (קאַראַוואַנען) ביי טאָג, און בעהאַלטען זיך פאַר היץ, פאַר חיות רעות און פאַר גזלנים.

אַז די דאָרטיגע איינוואוינער האָבן דערזעהן פליהען דעם לופטבאַלאָן, זענען זיי פאַר שרעק זיך צולאָפען. קענעדי האָט זיי געוואָלט בעטראַכטען פון דער נאָהענט, נאָר דער דאָקטאָר האָט איהם ניט געוואָלט צו ליב טאָן.

— זייערע עלטסטע, האָט ער געזאָגט, טראָגען גאָלדענע ביקסען און קענען, חלילה, שיסען אין אונזער לופטבאַלאָן. אמת טאַקי מיט אַ מאָל אַראָבפאַלען וועלען מיר נישט, אפילו די קויל וועט דורכלעכערן דעם לופטבאַלאָן, מחמת דער גאַז וועט פערשווינדען דורך דעם לאָך ביסלעכווייז, נאָר אַז מיר וועלען זיך שוין אַראָבלאָזען אויף דער ערד, וועלען מיר בלייבען זיצען און נישט האָבען, מיט וואָס ווייטער צופליהען.

— אויב עס איז יאָ אַזוי, האָט דזשאָ זיך אָנגערופען, איז שוין טאַקי גלייכער, מיט זיי קיין נאָהענטע מחותנים נישט צו זיין. מיר דאַכט זיך, אַז זיי זעהען אונז פליהען, האַלטען זיי אונז פאַר אָבגעטער. נאָר זיי

שעמען זיך אפילו קוקען צו אונז, אָבער אַלץ פון דער ווייטענס.

— בעטראַכט בעסער דאָס לאַנד, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, — דערפער ווערען וועניגער, די קאָקאָסבוימער וועהט מען שוין ניט מעהר, קליינע בערגעלעך הויבען זיך אָן צו ווייזען אויף דער ערד, דאָס איז אַ סימן, אַז די גרויסע בערג זענען שוין אויך ניט וויט. אין מערב־זייט, נישט וויט פון דאַנען, דאַרף זיין דער הויכער באַרג די מוטי. דאָרטען, דענק איך, זאָל מען נעכטיגען, איך וועל איצט פאַרגרעסערן דעם פלאַם אין גאַז־רעהריל, מחמת מיר מוזען זיך אויפהייבען נאָך העכער מיט דריי הונדערט איילען.

דער דאָקטאָר האָט אַ דרעה געטאָן דעם קראַנט, און דער לופטבאַלאָן האָט זיך אויפגעהויבען העכער.

— קוקט נאָר, — האָט זיך דזשאָ פערוואונדערט אָנגערופען — וואָס פאַר אַ גרויסע בוימער זענען דאָרט. מיר דאַכט זיך, אַז פון אַ מין אַזעלכע וואָלט בעי אונז געקענט מאַכען אַ גאַנצען וואַלד.

— דאָס זענען די באַאָבאַבען, — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, — בעטראַכט נאָר דאָרט יענעם שטעמעל, האַלט ער געווים פופציג איילען אַרום און אַרום. עס קען זיין, אַז אונטער דעם בוים איז גע'הרג'עט געוואָרען אין 1845 יאָהר דער פראַנצויז מעזאַן. מיר פליהען איצט פּינקט איבער דעם דאָרף דע־זע־לאַ־מאַראַ. אַהינצו האָט זיך דער פראַנצויז אַליין אַוועקגעלאָזט, דער עלטסטער האָט איהם דאָ געחאַפּט און צוגעבונדען צו אַ בוים באַאָבאַב און דערנאָך האָט ער איהם זינגענדיג געשניטען גלידערווייז. ער האָט איהם אַביסעלע איינגעשניטען דעם האַלז און זיך געשטעלט פאַר זיינע אויגען שאַרפען דאָס שטומפּיג מעסער, דערנאָך האָט ער איהם נאָר אָבגעריסען דעם קאָפּ מיט די הענד. פראַנקרייך האָט זיך פאַר דער רציחה אָנגענומען און צוגעשריבען צו דעם קאָמענדאַנט פון זאַנזיבאַר, מען זאָל חאַפּען דעם רוצח. דער קאָמענדאַנט האָט אַלצדינג געטאָן, נאָר ער האָט איהם אָבער נישט געקענט געפינען. דזשאָען איז די מעשה נישט געפעלען און האָט אַ זאָג געטאָן:

— איך וואָלט אייך געבעטען, מיין ליבער האַר, מיר זאָלען אין דעם קאַנט פליהען נאָך אַביסעל העכער. כ'לעבען, עס וועט אַסך געזינטער זיין.

— דו ביסט גאנץ גערעכט, דזשאָע, — האָט איהם דער דאָקטאָר געענטפערט, — איך מוז ממילא פליהען העכער, ווייל דער בארג דיטומי וועט אונז באלד אַקעגען קומען, און ווערליג ווי מיר דאַכט זיך, וועלען מיר זיינער זיבען אויף דער נאַכט איבער איהם אריבערפליהען.

— און דו ווילסט טאַקי היינט דאָרטען נעכטיגען? — האָט קענעדי געפרעגט.

— ווי ווייט מעגליך, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, וועלען מיר ביי נאַכט ניט פליהען, עס איז אפילו ניט קיין שום סכנה, נאָר עס איז דאָך קיין שכל נישט גלאַט איבערצופליהען אַפריקא, דער עיקר איז דאָך דעם לאַנד צו באַטראַכטען.

ביז אַהער האָבען מיר זיך, דאַנקען גאָט, אויף גאָר נישט צו בעקלאָגען, האָט זיך דזשאָע אַריינגעמישט אין שמועס אַריין. אומעדום וואוהין מיר פליהען זעהען מיר פעלדער בעוואַקסען מיט תבואה, וועלדער מיט גוטע פירות און היינט געה גלויב די שרייבערס, אַז אַפריקא איז נאָר א סטעפּ.

— האָב נאָר אַביסעל צייט, דזשאָע, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, מיר וועלען ווייטער זעהען, וואָס עס וועט זיין.

ארום האלב זיבען פאַר נאַכט איז וויקטאָריע שוין געוועזען פאַר דעם באַרג דיטומי, דער באַרג איז אַזוי הויך, אַז מען דאַרף זיך אויפהויבען פופצעהן הונדערט איילען פון דער ערד, בכדי מען זאָל קענען איבער איהם אַריבערפליהען. דער דאָקטאָר האָט באַלד פאַרגרעסערט די היץ פון דעם גאַז מעהר מיט אכטצעהן גראַד און „וויקטאָריע" איז בשלום אריבער דעם באַרג.

זייגער זיבען האָבען זיי זיך אָנגעהויבען אַראָבצולאָזען פון יענער זייט באַרג. דזשאָע האָט אַרויסגעוואָרפען די אַנקערס פון דעם שיפעלע און איינער פון זיי [האָט זיך פערטשעפעט אין א טויטעלבוים. אונזער דזשאָע האָט זיך געשווינד אַראָבגעלאָזט אויף דעם שטריק פון דעם אַנקער און האָט איהם שטאַרק צוגעבונדען. דורך דעם זיידענעם לייטעריל, וואָס מען האָט איהם דערלאַנגט, איז ער גיך ווי א קאַץ אַרויפגעקלעטערט צוריק אין שיפעלע אַריין. דער לופטבאַלאָן איז געבליבען שטעהן ווי צוגעשמידט, מחמת ער איז געווען פאַרשטעלט פאַר דעם מזרח-ווינד,

באַלד האָט מען גרייט געמאַכט א וועטשערע און אונזערע רייזענדע, וואָס האָבען זיך גוט אויסגעהונגערט פליהענדיג א גאַנצען טאָג אין דער ריינער לופט, האָבען געגעסען זעהר געשמאַק.

— וויפיעל, א שטיינער, זענען מיר היינט איינגעפלויגען? — האָט קענעדי געפרעגט.

דער דאָקטאָר האָט א קוק געגעבען אין זיין לאַנדקאַרטע וואָס דאָרט איז געוועזען בעצייכענט דער וועג צו די גרויסע אָזערעס [illegible]זהין בורטאָן און ספעק זענען געגאַנגען, און האָט בערעכענט, אַז ער איז אין דעם טאָג איינגעפלויגען הונדערט און צוואַנציג מייל.

זיי האָבען צווישען זיך אָבגעמאַכט איינצוטיילען די נאַכט אין דריי וואַכען און איטליכער פון זיי זאָל צו זיין משמר ניט שלאָפען. דעם דאָקטאָרס משמר איז געוועזען ביז האַלבער נאַכט, קענעדי'ס פון האַלבער נאַכט ביז דריי און דזשאָעס פון דריי ביז טאָג. קענעדי און דזשאָע האָבען זיך געלעגט שלאָפען איינגעוויקעלט אין קאָלדרעס און דער דאָקטאָר האָט זיך אַנידערגעשטעלט אויף דער וואַך

ז.

די נאכט איז אָבגעלויפען בשלום, נאָר קענעדי האָט זיך אין דער פריה ביים אויפשטעהן געקלאָגט, אַז עס שווידערט איהם עפּיס דאָס לייב.

דער וועטער האָט זיך פאַרענדערט. דער הימעל איז געוועזען בעדעקט מיט שוואַרצע חמאַרעס און עס האָט אויסגעזעהן, אַז אָט גיסט זיך אַראָב אויף דער וועלט אַ גאַנצער מבול

זינגאָמערא, וואָס דאָרט האָבען זיך איצט געפונען אונזערע רייזענדע, איז טאַקי זעהר אַ טרויעריג לאַנד. אַ גאַנץ קיילעכדיג יאָהר געהט דאָרט רעגען, נאָר אַ פופצעהן טאָג אין חודש יאַנואַר בלישטשעט אַביסעל די זון. אַ שטאַרקער רעגען האָט אָבגעגאָסען אונזערע רייזענדע פון קאָפּ ביז די פיס. אויף דעם וועג אונטען זענען געלויפען גאַנצע טייכען וואַסער, און ביז דעם שיפעל האָט זיך אויפגעהויבען אַ געדיכטער טומאַן, וואָס האָט געהאַט אַ ריח פון סירקע.

— פון דעם מוכּ'ן האָט שוין בורטאָן לאַנג דער וועלט מודיע געוועזען, — האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען, — ער שרייבט, אַז אין דעם לאַנד איז דאָס רוב אַזאַ ריח גלייך ווי אונטער איטליכען בוים וואָלט געלעגען אַ נבלה, ער האָט טאַקי רעכט און קענעדי איז דעריבער נישט געזונד, ווייל מיר זענען דאָ אַ גאַנצע נאַכט געשטאַנען.

— מיר ווייזט זיך טאַקי אויס, אַז איך האָב אַ שטאַרק פיבער, האָט זיך קענעדי געקלאָגט.

—, עס איז ניט קיין חדוש, מיין לעבען! — האָט צו איהם דער דאָקטאָר געזאָגט — מיר געפינען זיך איצט סאַמע אין דעם אומגעווינ-

סטען שטיקעל לאַנד פון גאַנץ אפריקא, נאָר מיר וועלען באַלד אַוועק פון דאַנען.

דער ספּריטנער דזשאָע האָט אין איין מינוט אָבגעבונדען דעם אַנקער און דורך דעם זיידענעם לייטער איז ער צוריק אַריין אין דעם שיפעל. דער דאָקטאָר האָט גיך אָנגעוואַרמט דעם גאַז און וויקטאָריע איז ווידער אַוועקגעפלויגען. דורך דעם געדיכטען, אומגעזונטען טומאַן האָט מען קוים אַרויסגעזעהען עטליכע קליינע שטיבעלעך. אין אַפריקא איז קיין חדוש ניט, מען זאָל געפינען נאָהענט פון אַגאַנץ אומגעזונד שטיקעל לאַנד אַיין אָרט, וואו מען קען יאָ לעבען. קענעדי האָט זעהר געליטען, און דאָס פיבער האָט איהם געמאַכט גאָר אויס מענש.

— עס איז אָבער נים די צייט קראַנק צו זיין, האָט קענעדי געזאָגט, אַריינגעהענדיג אין דער פּאַלאַטקע אַביסעל זיך צו צולעגען.

— האָב אַביסעל געדולד, האָט זיך דער דאָקטאָר צו איהם אָנגערופען דו וועסט באַלד געזונד ווערען. טאָמער האָסט דו טאַקי באמת עפּיס אַיין אַיינגעדרעמעניש אין דיין אַפּטייקעל, וועל איך עס אַראָבשלינגען צו-מאַכענדיג די אויגען.

איך וועל דיר געבען אַזאַ מין רפואה, האָט דער דאָקטאָר געענט-פערט, וואָס עס קאָסט נישט קיין פּרוטה און זי וועט דיר געווים העלפען. מיר וועלען זיך אויפהויבען העכער פון די וואָלקען, וואָס רינגלען אונז אַרום, וועלען מיר פּטור ווערען פון דיזם פאַרפעסטעטען אויר. וואַרט נאָר אַביסעל, וועסט דו זעהן, וואָס ריינע לופט בעטייט.

עס האָט ניט געדויערט קיין צעהן מינוט, האָבען זיך אונזערע רייזענדע אויפגעהויבען איבער דער פייכטער לופט.

— דער לופטבאַלאָן איז פשוט אַ גן-עדן, האָט קענעדי געזאָגט, אַז עס איז איהם אַביסעל בעסער געוואָרען. דו שיקסט מיך, סאַמועל, געניסען די ריינע לופט אַקוראַט ווי בּיי אונז די דאָקטוירים שיקען זייערע קראַנקע קיין איטאַליען.

די וואָלקענס אונטער דעם שיפעלע האָבען זיך זעהר שען אויסגע-נומען, די שטראַהלען פון דער זון האָבען זיך אין זיי אָבגעשפּיגעלט אי

אלערליי קאַלירען. „וויקטאָריע״ איז דענסטמאָל געפלויגען הויך פון דער ערד צוויי טויזענד איילען. די ערד איז שווער געוועזען צו זעהן. אַ מייל פופציג פון דער ווייטענס האָט אַרויסגעקוקט דער גלאַנצענדיגער שפּיץ פון דעם גרויסען באַרג רובענאָ. דער ווינד האָט געטראָגען דעם לופטבאַלאָן צוואַנציג מייל אַ שעה, נאָר די רייזענדע האָבען גאָר נישט געפיהלט, ווי אַזוי גיך זיי פליהען. דער דאָקטאָר האָט טאַקי געטראָפען, אין דריי שעה אַרום האָט קענעדי שוין מעהר נישט געפיהלט קיין שום קעלט און האָט געגעסען מיט אַ גוטען אַפּעטיט. די ריינע לופט האָט איהם אַ סך בעסער געהאָלפען ווי חינא־פּראָשקעס. אַרום זייגער צעהן אין דער פריה האָט זיך אויסגעלייטערט. די וואָלקענס זענען זיך צוגאַנגען, די ערד האָט זיך אָנגעהויבען אַרויסצוזעהן און „וויקטאָריע״ האָט זיך אַראָבגעלאָזט אַביסעל נידריגער. דער דאָקטאָר האָט אין דער לופט געזוכט אַ ווינטעל, וואָס ער זאָל טראָגען דעם לופטבאַלאָן קיין צפון־זייט און אַזאַ מין ווינטעל האָט ער געפונען אין דער הויך דריי הונדערט איילען פון דער ערד. די ערד איז ווידער געוואָרען בערגיג, זינגאָמעראָ מיט איהרע קאָקוסבוימער האָט מען שוין מעהר נישט אַרויסגעזעהן, דערפאַר האָבען זיך באַלד געוויזען שאַרפע שפּיצען פון הויכע צעוואָרפענע בערג.

— מיר דאַכט זיך, — האָט קענעדי זיך אָנגערופען, — אַז אין די בערגלעך וועלען מיר בעקומען אַ גוטען קלאַפּ.

— האָב קיין מורא נישט! האָט איהם דער דאָקטאָר געענטפערט, מיר וועלען זיך קיין זעץ נישט טאָן.

— זעה בעסער, ווען מיר זאָלען דאַרפען דאָ געהן צו פוס, וואָלטען מיר איצט געמוזט ביז איבער די קניע קריכען אין דער אומגעזונדער בלאָטע. פון זאַנזיבאַר ביז אַהער וואָלטען אונזערע קעמלען בּיסלעכווייז אויסגע׳פגר׳ט, מיר אַליין וואָלטען אויך אַ פּנים געהאַט, ווי די מתים. בעשטענדיג וואָלטען מיר געהאַט צו טאָן מיט אונזערע קאָנדוקטאָרען. בּיי טאָג וואָלטען מיר געליטען פון דער פּייכטער היץ, בּיי נאַכט פון דער שרעקליכער קעלט און פון אַלערליי בייזע פליגען, וואָס בּייסען אַזש משוגע צו ווערען. איך רעד שוין נישט פון די חיות רעות און פון די ווילדע פעלקער. איהר זאָלט הערען, מיינע פריינד, די שרעקליכע מעשיות פון רייזענדע, וואָס זענען דאָ געגאַנגען צו־פוס. וואָלט איהר פּשוט געוויינט, ווי קינדער.

אַרום זייגער עלף זענען די רייזענדע געפלויגען איבער דעם אָזיעדע אימענזע. די איינוואוינער פון די דאָרטיגע בערגלעך האָבען, נעבעך, אומזיסט געפּרוּווט שיסען אַקעגען דעם לופטבאַלאָן, ער איז זיך ווייטער גאַנץ רוהיג געפלויגען.

— מיינע פריינד, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען, מיר קומען שוין גאַנץ נאָהענט צו דעם באַרג רובענאָ, וואָס אין דעם היגען לשון הייסט עס דער טויער פון די ווינטען. מיר מוזען זיך גאַנץ הויך אויפהויבען, בּכדי אויסצומיידען די שאַרפע שפּיצען פון דעם באַרג. וועדליג מיין לאַנדקאַרט ווייזט, וועלען מיר מוזען גרייכען ביז צוועלף־טויזענד מיט פינף הונדערט איילען אין דער הויך.

און טאַקי באַלד האָט דער דאָקטאָר אַ וואַרעם געטאָן דעם גאַז, איז דער לופטבאַלאָן אַרויף העכער און העכער.

— ווי הויך קען מען פליהען אין דער לופט? — האָט דזשאָ געפרעגט.

דער דאָקטאָר האָט איהם דערויף געענטפערט:

— דו זאָלסט וויסען, אַז די ערד איז אַרומגערינגעלט מיט דער לופט, וואָס מיר אָטהעמען, אַ ווערסט זעכציג אין דער הויך. מיט אַ גרויסען לופטבאַלאָן קען מען זעהר הויך פליהען. אַזוי ווי עס האָבען שוין דאָס געטאָן די גרויסע געלעהרענטע בריאָשי און געליוסאַק. נאָר בּיי זיי איז דענסטמאָל אַרויס בלוט פון דעם מויל און די אויערען. מיט עטליכע יאָהר צוריק האָבען זיך צוויי פראַנצויזען באַראַל און ביקסיאָ איינגעשטעלט פליהען נאָר הויך, העט, העט אין דער דינער לופט. זייער לופטבאַלאָן אָבער האָט זיך צוריסען. — און זיי זענען טאַקי אַראָבגעפאַלען? האָט קענעדי איבערגעשלאָגען דעם שמועס.

— סטייטש ווי דען, — האָט איהם דער דאָקטאָר געענטפערט, — זיי זענען אָבער אַראָבגעפאַלען ווי געלערענטע מענשען און האָבען זיך קיין שום זעץ נישט געטאָן. נאָר נחזור לעניננו, פליהען קען מען טאַקי הויך, איהר דאַרפט אָבער וויסען, אַז וואָס ווייטער פון דער ערד ווערט די לופט אַלץ דינער, אַזוי, אַז דריי טויזענד איילען אין דער הויך ווערט זי שוין אַזוי דין, אַז מען הערט נישט דאָרטען גוט דאָס קול, בּשעת מען רעדט, ווי אין דער נידעריג, און מען קען טאַקי דאָרטען אויך נישט אַזוי גוט זעהען. מענשען און חיות אויף דער ערד פערשווינדען גאָר פון די אויגען,

די ברייטע וועגן זעהען אויס ווי שמאָלע סטענגעלעך און די גרויסע אָזיערעם ווי קליינע קאַליוזשעס.

דער ווינד האָט זעהר שטאַרק געטראָגן דעם לופטבאַלאָן איבער הויכע פוסטע בערג, וואָס זענען אייביג בעדעקט מיט שנעע. דער דאָקטאָר האָט אָבגעמאָלט די בערג אויף פּאַפּיר. פון יענער זייט באַרג רובענאָ האָט זיך „וויקטאָריע" אָנגעהויבען אַראָבצולאָזען און איז אַלץ נעהענטער צוגעפלויגען צו דער ערד, וואָס דאָרט האָבען זיך געזעהען וועלדער. מען האָט אַראָבגעלאָזט די אַנקערס און איין אַנקער האָט זיך פאַרטשעפּעט אין אַ צווייג פון אַ גרויסען בוים. דזשאָע האָט זיך געשווינד אַראָבגעלאָזט און שטאַרק צוגעבונדען דעם אַנקער. דער דאָקטאָר האָט ניט פערלאָשען זיין גאַז=רעהריל, בכדי דער לופטבאַלאָן זאָל זיך האַלטען אין דער לופט. דער ווינד האָט זיך געלעגט.

— איצט, קענעדי, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, — נעהם, זיי מוחל, צוויי ביקסען פאַר דיר און פאַר דזשאָען און חאַפּט אַ גאַזעלע, דאָס איז אַ מין ווילדע ציג, צו מיטאָג.

— אַ נו, דזשאָע, האָט זיך קענעדי אָנגערופען אַראָבקו פון דעם שיפעלע, — קום לאָז מיר געהן אויף געיעג.

דזשאָע האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטען, איז ראַפּטום געשפּרונגען פון דעם בוים און דער דאָקטאָר האָט פערלאָשען דאָס רעהריל.

— פליהט נאָר נישט אַוועק, מיין האַר, — האָט דזשאָע געזאָגט.

— זייט גאַנץ רוהיג, האָט איהם דער דאָקטאָר געענטפערט, דער לופטבאַלאָן איז שטאַרק צוגעבונדען. איך וועל מיר דאָ דערווייל שרייבען, אויב איך וועל זעהן עפּיס אַ סכנה, וועל איך אויסשיסען מיט מיין ביקס, זאָלט איהר, למען השם, באַלד קומען.

ה.

דאָס אָרט, וואוהין קענעדי און דזשאָע האָבען זיך געלאָזט אויף יאַגד, האָט אויסגעזעהן ווי אַ מדבר, שטאַרק טרוקען און צושפּאַלטען פאַר גרויס היץ. ערטערווייז איז ניכר געווען אַ שפּור פון דורכגעצויגענע שיירות, און ביינער פון מענשען און פון חיות האָבען זיך דאָרטען געוואַלגערט אויף דער ערד אויסגעמישט מיט ליים און בלאָטע. אין אַ האַלבער שעה אַרום זענען אונזערע יעגער געקומען אין אַ וואַלד אַריין פון גוממיבוימער. זיי זענען געגאַנגען זעהר פאָרזיכטיג און האָבען געהאַלטען די געלאָדענע ביקסען גרייט צום שיסען. קענעדי האָט אַ ווינק געטאָן דזשאָען, ער זאָל נישט רעדען, און ביידע האָבען זיך פערטאַיעט אונטער אַ בוים צו=צוהערען, אויב עס ריהרט זיך ניט עפּיס אין וואַלד. באַלד האָבען זיי דערזעהן, אַז נישט ווייט פון זיי איז צוגעגאַנגען צו איין אויסגעטריקענט טייכעל אַ קליינע סטאַדע אינדען (גאַזעלען) צו שטילען דעם דאָרשט. קענעדי האָט זיך גאַנץ שטיל דורכגעשטופּט צווישען די בוימער, און אַז ער איז שוין נאָהענט געשטאַנען נעבען דער סטאַדע, האָט ער מיט אַמאָל אויסגעשאָסען און געטראָפען איין גאַזעלע. די איבריגע זענען זיך צולויפען.

די גאַזעלע איז זעהר אַ שענע חיה, איהר פלייש איז געשמאַק, עס האָט דעם זיבעטען טעם, דאָס פעל פאַרנעהמט די אויגען און דעריבער האָט קענעדי'ן הארציג באַנק געטאָן, וואָס ער קען ניט מיטנעהמען דאָס פעל, מחמת עס וועט זיין שווער פאַר דעם לופטבאַלאָן. נאָר דזשאָע אָבער האָט זיך צו איהם אָנגערופען:

— וואָס טויג אייך דאָס פעל, מאַכט בעסער אַ פּריפּעטשעק פון שטיינער, וועל איך מיך שטעלען אָבבראָטען דאָס פלייש פון דער חיה.

קענעדי האָט אויפגעשטעלט איין אייוועלע, דזשאָע האָט אויסגעשניטען די לערוועצע און אַלע גוטע חלקים פלייש און האָט געמאַכט

אַ גוט געבראָטענס. אין מיטען דער שמחה האָבען זיי דערהערט אַ שאָס פון אַ ביקס, איז זיי באַקום אַרויסגעפאַלען דער ביסען פאַר מורא, טאָמער האָט זיך דעם דאָקטאָר עפּיס אַיין אומגליק געטראָפען. זיי האָבען געשווינד גענומען זייער געבראָטענס און זענען גאָר אין איין אָטעם געלאָפען צו דעם לופטבאַלאָן. לויפענדיג האָבען זיי דערהערט נאָך אַ שאָס.

— אַך, האָט דזשאָע געזאָגט, לאָמיר לויפען גיכער, דער דאָקטאָר מוז זיין אין אַ גרויסער סכנה.

קוים זענען זיי נעהענטער צוגעקומען, האָבען זיי דערזעהען פון ווייטענס עפּיס ווי אַ גאַנצע מחנה נעגערען און עטליכע פון דער מחנה קלעטערען שוין מאַקע אויף דעם בוים, צו וועלכען דער לופטבאַלאָן איז צוגעבונדען. דער דאָקטאָר איז באמת געוועזען אין אַ גרויסער סכנה. דזשאָע האָט געציטערט פאַר שרעק. קענעדי אָבער האָט איהם געשטאַרקט.

— מיר דאַרפען איצט, האָט ער געזאָגט, זיין גאַנץ קאַלטבלוטיג. מיט אונזערע ביקסען קענען מיר פיער שטיק אַנידערלעגען.

איידער זיי זענען נאָך צוגעקומען, האָט דער דאָקטאָר ווידער אויסגעשאָסען און איינער פון די שוואַרצע איז אַראָבגעפאַלען טויט און געבליבען הענגען אויף דעם בוים.

— גיט נאָר אַ בליק, מיין ליבער האַר — האָט דזשאָע אַ געשריי געטאָן, — עפּיס הענגט דאָרטען דער שוואַרצער רוח גאָר אין דער לופט, מיט וואָס האַלט ער זיך צו? אַהאַ, זעהט נאָר, עס איז דאָך גאָר מאַלפּעס, און די דערשראָסענע הענגט פאַרטשעפּעט ביי דעם עק: נו, מיט זיי איז, כלעבען, פאַרט גלייכער האָבען צו טאָן ווי מיט די ווילדע מענשען

באמת איז דאָס טאַקי געוועזען ציינאָפּאַלען, דאָס הייסט זעהר שרעקליכע מאַלפּעס, וואָס האָבען קעפּ ווי ביי הינד. ווי באַלד קענעדי און דזשאָע האָבען אויף זיי עטליכע מאָל אויסגעשאָסען, זענען עטליכע געבליבען ליגען טויט אויף דעם אָרט, די איבריגע זענען זיך געשווינד צולאָפען, אין איין מינוט איז קענעדי אַרויפגעקראָכען אויף דעם לייטער אין שיפעל אַריין, דזשאָע האָט זיך אַרויפגעקאַראַפּקעט אויף דעם בוים, האָט אָבגעבונדען דעם אַנקער, אַריינגעשפּרונגען אין שיפעל און דער לופטבאַלאָן האָט זיך אויפגעהויבען אין דער הויך.

— ט, מיר האָבען געהאַט אַ גוט פּעקיל, — האָט זיך דזשאָע אָנגערופען, — עס איז נאָך אַ גליק, וואָס דאָס זענען געוועזען מאַלפּעס און מיר האָבען באַלד דערהערט דעם שאָס. נאָר אַז גאָט האָט אונז שוין יאָ געהאָלפען, לאָמיר זשע מאַכען אַ כוס'ע און פערבייסען מיט אַ פריש שטיקעל געבראָטענס.

דזשאָע האָט געגרייט צום טיש און האָט דערלאַנגט איטליכען אַ גוט קעלישיקעל אַראַק.

— מיר דאַכט זיך, האָט ער געזאָגט, אַז דער האַר קענעדי האָט נישט קיין חרטה, וואָס ער איז מיט אונז געפאָהרען. ער עסט אָהן עין־הרע גאַנץ געשמאַק די קאָטלעטען פון דער גאַזעלע. איך זאָג אייך, בנאמנות, אַז איך וואָלט מיין גאַנץ לעבען געגעסען נאָר גאַזעלען פון אפריקא און געטרונקען אַראַק פון ענגלאַנד.

עס איז שוין געוועזען זייגער פיער נאָך האַלבענטאָג, און וועדליג דער באַראָמעטער האָט געוויזען, איז דער לופטבאַלאָן געפלויגען זיבען הונדערט איילען אין דער הויך, דער דאָקטאָר האָט אַלץ געוואַרעמט דעם גאַז כדי דער לופטבאַלאָן זאָל זיך נישט אַראָבלאָזען נידעריג. אַרום זייגער זיבען איז „וויקטאָריע" געפלויגען איבער דעם טאָל קאַניעמע. דער טאָל פערנעהמט אַ מייל צעהן מיט אַ סך דערפער, וואָס זענען אַרומגערינגעלט מיט באַאָבאַבען און אַנדערע בוימער.

— דאָ איז די הויפּטשטאָדט פון דעם סולטאַן אונאָנאָ, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען. ווי עס שיינט, זענען די היגע מענשען עפּיס פיינער פון די אַנדערע ווילדע פעלקער, מה ; דאָ פערקויפען שוין זעלטען די עלטערען זייערע קינדער פאַר שקלאַפען, נאָר פונדעסטוועגען זיצט מען נאָך דאָ אין די געצעלטען אינאיינעם מיט די בהמות.

נאָר וואָס די זון איז אונטערגעגאַנגען, האָט זיך דער הימעל גאַנץ שען אויסגעשטערענט און דער ווינד, וואָס האָט געבלאָזען ביי טאָג, האָט זיך איינגאַנצען געלעגט: דער דאָקטאָר האָט אומזיסט געזוכט ערגעץ אַ לופטעל, וואָס זאָל טראָגען דעם לופטבאַלאָן, דעריבער האָט ער זיך בעשלאָסען צו נעכטיגען פּשוט אין דער לופט, פינף הונדערט איילען הויך פון דער ערד. „וויקטאָריע" איז געבליבען שטעהן אין דער לופט און האָט זיך ניט גערידהרט פון דעם אָרט. קענעדי און דזשאָע האָבען זיך רוהיג געלעגט שלאָפען אויף זייערע געלעגערס און דער דאָקטאָר האָט

זיך אַנידערגעשטעלט אויף דער וואַך. אַרום האַלבע נאַכט איז קענערי אויפגעשטאַנען צו זיין משמר, דער דאָקטאָר האָט איהם אָנגעזאָגט אײדער ער איז זיך געגאַנגען לעגען אָברוהען, אַז ער זאָל האָבען אין זינען זיך אָפט צוקוקען אויף דעם באַראָמעטער און אַז ער וועט פיהלען די קליינסטע פערענדערונג אין דער לופט, זאָל ער איהם באַלד אויפוועקען.

די נאַכט איז געוועזען זעהר אַ קאַלטע. די אַלע הונגעריגע חיות זענען אַרויסגעקראָכען פון זייערע נאָרעס און האָבען אין דער פינסטער אָבגעגעבען קאָנצערט אויף אַלערליי שרעקליכע קולות. די זשאַבעס האָבען זיך אָנגערופען אויף זייער קולכעל בשעת די שאַקאַלען האָבען זיך צושריגען אויף אַ וויינענדיג קול. דער לייב האָט שטאַרק געברומט און האָט אונטערגעהאַלטען די קאָמפאַניע ווי אַ באַס. אַז דער דאָקטאָר האָט אין דער פריה אַ בליק געטאָן אויף דעם באַראָמעט״ער, האָט ער געזעהן, אַז ביי דער נאַכט האָט דער ווינד אָנגעהויבען בלאָזען נאָר אין איין אַנדער זייט, און דער לופטבאַלאָן איז אָבגעפליגען קיין צפון-זייט דרייסיג מייל אין צוויי שעה, ער איז געפליגען איבער סקאַלעס, איבער שטיינער פון דעם לאַנד מאַבענגורו, דאָרט האָבען זיך אומעדום געוואַלגערט זעהר פיל ווייסע ביינער, פון ווילדע אָקסען און עלפאַנטען. בוימער זענען דאָרט געוועזען ווייניג. נאָר פון דערווייטענס צו מזרח-זייט האָבען זיך אַרויסגעזעהן געדיכטע וועלדער, וואָס אין זיי זענען געשטאַנען עטליכע דערפער.

— מיר פליהען גוט, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען: אָט אין דזשיגוא-לאַ מקאַאָ, מיר וועלען זיך דאָ צושטעלען אויף עטליכע מינוט, זיך זאַפאַסעווען מיט וואַסער, וואָס מען דאַרף האָבען צו דעם גאַז-רעהריל, עס איז אפילו ניטאָ צו דער האַנד קיין בוים, נאָר מען מוז פּרוּווען ווי עס איז פאַרטשעפען דעם לופטבאַלאָן. דער לופטבאַלאָן האָט זיך אָנגעהויבען אַראָבצולאָזען אַלץ נעהענטער צו דער ערד, דזשאָע האָט אַרויסגעוואָרפען די אַנקערס און איינער פון זיי האָט זיך פאַרטשעפעט אין אַ שפּאַלט פון אַ פעלזענשטיין. ווי באַלד וויקטאָריע איז געבליבען שטעהן, איז דזשאָע אַראָבגעשפּרונגען מיט אַפּעסעלע אין דער האַנד און איז געלאָפען נאָך וואַסער, אין אַ האַלבער שעה אַרום איז ער געקומען צוריק, ער האָט אויף דעם וועג גאָר נישט געזעהן, נאָר אויסגעשפּרייטע נעצען צו חאַפען עלפאַנטען. דער דאָקטאָר האָט שטאַרק אַרויסגעקוקט אײדער דזשאָע איז צוריקגעקומען, מחמת אויף דעם שטיקעל לאַנד איז געוועזען

אַ גרויסע סכנה לאַנג זיך אויפצוהאַלטען. אין איין מינוט האָט דזשאָע אַריינגעשטעלט דאָס וואַסער, אַרויסגענומען דעם אַנקער און אַ שפּרונג געטאָן אין שיפעל, דער דאָקטאָר האָט פערגרעסערט דעם פלאַם און דער לופטבאַלאָן האָט זיך ווידער געלאָזט אויף זיין רייזע. —

דאָס אָרט, וואו זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט וואַסער צו נעהמען, האָט זיך געפונען אַ מייל הונדערט פון דעם בעריהמטען דאָרף קאַזעגאַ, און אַזוי ווי דער ווינד האָט געבלאָזען אַהינצו, האָבען אונזערע רייזענדע געקענט האָפען, אַז זיי וועלען נאָך אין דעם איינענעם טאָג אַהין קומען. זענען געפלויגען איבער די דערפער טעמבאָ און טורא-וועלם, וואָס דאָרטען וואַקסען זעהר גרויסע בוימער און הויכער קאַקטוס, אַרום זייגער צוויי ביי טאָג איז „וויקטאָריאַ״ שוין געפלויגען איבער קאַזעגאַ, וואָס עס שטעהט דרייהונדערט פופציג מייל פון דעם ים,

— פון זאַנזיבאַר, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, זענען מיר אַוועק איינע נייַן אין דער פריה און אין צוויי טעג זענען מיר איינגעפלויגען אַ מייל פינף הונדערט. דער קאַפיטאַן בורטאָן און ספּעק האָבען געמאַכט די איינענע רייזע אין פינף חדשים.

ט.

קאַזעג, װאָס דאָרטען זיצט דער סולטאַן, איז אייגענטליך ניט קיין שטאָדט. זי בעשטעהט נאָר פון זעקס דערפער מיט קליינע הייזלעך, וואָס נעבען איטליכען געפינט זיך אַ קליין הויפעל און אַ שען גאָרטענדיל מיט אַלערליי שמעקענדיגע קרייטעכצער. די דאָרטיגע איינוואוינער בוקען זיך צו דער לבנה. שוין פון גאַנץ לאַנג אָן האָט זיך דאָרט בעזעצט איין אַראַבישער שבט אָמאַני, וואָס האט תמיד געפיהרט אַ גרויסען האַנדעל מיט גומי, מיט עלפענביין, מיט ציין און מיט שקלאַפען, און איז דערפון אַזוי נתעשר געוואָרען, אַז די רייכע סוחרים פון דעם שבט טוהען שוין איצט ניט אַליין קיין האַנד אין קאַלט וואַסער, זיצען נאָר דעם גאַנצען טאָג מיט די פלגשים, עסען, טרינקען, רייכערען לולקעס און פערזאָרגען זייער מסחר אין די ווייטע מקומות אַריין דורך משולחים. אין קאזעג זענען אַלע גרעסטע ירידין פון מיטעל־אַפריקא. די אייגוואוינער פון דרום־זייט פיהרען אַהינצו שקלאַפען און עלפענביין, די סוחרים פון מערב ברייגגען אַהין באַנוויל, גלאָזוואַרג און כל אַ מיני סחורות פון די פעלקער וועגען, וואָס וואוינען נעבען די גרויסע אָזערעס. אויף די מאַרקען פון קאַזעג איז תמיד אַ רעש, אַ געפילדער, מען הערט נאָר בעשטענדיג דאָס געשריי פון טרעגערס, דאָס הירזשען פון עזלען און מוילעזלען, דאָס געזאַנג פון ווייבער און דאָס וויינען פון קינדער. אומעדום ליגט צוואָרפען מאַטעריעס פון אַלערליי קאָלירען, פאַצערקעס, עלפענביין, האָניג, טאַבאַק און באַנוויל. דער גאַנצער גערודער פון דעם יריד איז פלוצלים שטיל געבליבען, אַז דער לופטבאַלאָן האָט זיך אָנגעהויבען אַראָבצולאָזען פונקט אין מיטען שטאָדט, אַלע מענשען פון דעם מאַרק, סוחרים, שקלאַפען, קינד און קייט זענען זיך צולויפען אין די הייזער אַריין.

— איצט קען מען, כ׳לעבען, מאַכען אַ גאַנץ גוט געשעפט, האָט זיך דזשאָע אָנגערופען, סחורות ליגען דא כחול הים און עס איז ניטאָ קיין

לעבעדיגע נשמה, מען קען נעהמען וואָס דאָס האַרץ גלוסט, קיין האָהן זאָל נישט קרעהען.

— האָסט אַ טעות, דזשאָע, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, די לייט האָבען זיך נאָר אויף אַ מינוט דערשראָקען, זיי וועלען אָבער ציקאַווע זיין און באַלד צוריק קומען. מיר וועלען זיך טאַקי אַראָבלאָזען, נאָר מען דאַרף זיך האַלטען אַביסעל פונדערוויטענס.

— מיינסט־דו טאַקי דאָ ספעקולאַציעס צו מאַכען? האָט קענעדי דעם דאָקטאָר געפרעגט.

— פאַר װאָס דען ניט? האָט איהם דער דאָקטאָר געענטפערט, — אַבי עס וועט נאָר מעגליך זיין. דאָ אין קאַזעג דאַרפען זיין אַראַבישע סוחרים, װאָס זענען שוין ניט קיין װילדע מענשען. איך געדענק, אַז בורטאָן און ספעק האָבען זיך גאָר נישט געקענט אָבלויבען, ווי פריינד־ליך מען האָט זיי דאָ אויפגענומען. לאָמיר אויך פרוּװען אונזער גליק.

„וויקטאָריע" האָט זיך אָנגעהויבען אַראָבצולאָזען אויף דער ערד, און איין אַנקער האָט זיך פאַרטשעפעט אין שפיץ פון אַ בוים, וואָס שטעהט אייף דעם מאַרק. די איינוואוינער האָבען אַרויסגעשטעקט גאַנץ פאָרזיכטיג די קעפ פון זייערע הייזלעך און געפרוּװט אַרויסגעהן אויף דער ליכטיגער וועלט. די דאָרטיגע מכשפים, וואָס הייסען וואַגאַנגי, האָבען זיך געמאַכט האַרץ און צוגעגאַנגען נאָהענטער צו דעם לופט־באַלאָן, באַלד נאָך זיי איז צוגעגאַנגען דער גאַנצער עולם, די פויקערס האָבען אָנגעהויבען צו פויקען, און אַלע האָבען אויפגעהויבען די הענד צום הימעל.

— דאָס דאַוונען זיי אַזוי, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אויב איך גאָר מיך נישט, וועלען מיר דאָ ביי די טפשים שפילען אַ גאַנץ וויכטיגע ראָליע. איך מיין, אַז דיך, דזשאָע, וועלען זיי מאַכען פאַר זייער אָבגאָט.

אין דער מינוט טאַקי האָט איין מכשף אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנד און דער גאַנצער עולם איז געבליבען שטיל. ער האָט עפּיס גע־האַלטען אַ רעדע צו די רייזענדע, נאָר זיי האָבען נישט פערשטאַנען דאָס לשון. דער דאָקטאָר האָט געפרוּװט רעדען אַראַביש, האָט מען איהם געענטפערט. פון דעם בעל־דברנ׳ס רעד האָט זיך דער דאָקטאָר אָנ־געשטויסען, אַז די לייט האָבען אָנגענומען דעם לופטבאַלאָן פאַר דער

לבנה. וואָס איז געקומען צו זיי ציגאַסט מיט איהרע דריי זיהן. דער דאָקטאָר האָט זיי געזאָגט, אַז די לבנה געהט אַראָב איין מאָל אין טויזענד יאָהר זיך צו בעווייזען פאַר די מענשען, וואָס בוקען זיך צו איהר, ווען איינער האָט צו איהר עפּעס אַ בקשה, זאָל ער זיך ניט שעמען און בעטען. דער מכשף האָט איהם דערויף געענטפערט, אַז דער סולטאַן איז שוין קראַנק פון עטליכע יאָהר און לאָזט בעטען, אַז דער לבנה׳ס קינד זאָל איהם מבקר חולה זיין. דער דאָקטאָר האָט זיך אָנגערופען.

די לבנה האָט פערנומען דעם סולטאַנס געבעט. און ער געהט אַליין ברענגען איהם די רפואה. דער גאַנצער עולם האָט פאַר גרויס שמחה אָנגעהויבען צו זינגען, צו שרייען, און עס איז געוואָרען אַ גערודער ווי צווישען מוראַשקעס.

— מיינע פריינד, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט צו זיינע לייט אויף ענגליש,—איך געה איצט צו דעם סולטאַן, איהר ביידע זאָלט למען השם, בלייבען אויף אייערע ערטער. דו, קענעדי, שטעה אין שיפעלע און וואַרט כסדר דעם גאַז, און דו, דזשאָע, שטעה אויף דער ערד נעבען לייטעריל און זייט ביידע גרייט, אַז ווען מען וועט דאַרפען, זאָלען מיר קענען באַלד אַוועקפליהען. פון מיר מאַכט זיך גאָר קיין עגמת נפש ניט, ווייל די שוטים מיינען, אַז די לבנה איז געקומען צו זיי מיט אַ וויזיט און מיר זענען איהרע קינדער.

דער דאָקטאָר האָט מיט זיך גענומען זיין קליין אַפּטייקעל און איז אַראָב אויף דער ערד. דאָס געשריי פון דעם עולם איז נאָך גרעסער געוואָרען און זיי האָבען זיך געלאָזט געהן מיט דעם דאָקטאָר. דזשאָע איז אויך אַראָבגעגאַנגען און האָט זיך אַנידער געזעצט נעבען לייטעריל, די פיס אונטער זיך ווי אַ טערק.

דעם דאָקטאָר פערגיסאַן האָט מען געפיהרט מיט אַ קאַפּעליע צו דעם סולטאַנס הויז, וואָס איז געשטאַנען ווייט פון דער שטאָדט. די וואַגאַנגען האָבען איהם אַרומגערינגעלט און האָבען נישט צוגעלאָזט צו איהם דעם המון, וואָס האָט זיך זעהר געשטופּט. מיט אַזוי אַ פּאַראַד איז מען געגאַנגען זעהר פּאַמעליך, עס איז געווען זייגער דריי און די זון האָט שטאַרק געשיינט, דעם סולטאַנס יורש עצר פון אַ קעבס ווייב, נאָך זעהר אַ יונגער און אַ בחור מיט ברייטע פּלייצעס איז אַרויסגעגאַנגען מקבל פּנים זיין דער לבנה׳ס זוהן און האָט זיך פאַר איהם אויסגעצויגען,

ווי גרויס ער איז, אויף דער ערד. אין דריי פערטיל שעה אַרום האָט זיך צום סוף די גאַנצע חאָפּטע צוגעלאָזט נעהענטער צום סולטאַנס פּאַלאַץ, וואָס שטעהט אויפ׳ן באַרג. דאָס איז געווען אַ הויז אָהן פענסטער, נאָר מיט איין טיר, דער דאַך איז אָבגעשטאַנען פון די ווענד אַזוי, אַז די לופט איז פריי אַריינגעגאַנגען אין שטוב. אויף די ווענד איז געווען אויסגעמאָלט מיט רויטען ליים מענשען און שלאַנגען. די לייבוואַכע האָט אָבגעגעבען דעם דאָקטאָר גרויס כבוד. דאָס זענען געווען זעהר געזונטע און שטאַרקע מענשען מיט לאַנגע האָר פערפלאָכטען אין אַ סך צעפּלעך, ביז איבער די פּלייצעס, דאָס פּנים איז ביי זיי געווען אויסגעשמירט פון די שלייפען ביז דעם מויל, מיט שוואַרצע אָדער בלאָע פּאַסען. אין די לאַנגע אויסגעצויגענע אויערען האָבען זיי געטראָגען הילצערנע רייפעלעך און זייערע קליידער זענען געווען פון ליכטיגע קאָלירען. די סאָלדאַטען זענען געוואָפּענט מיט שפּיזען, מיט בוינענס, מיט פיילען, מיט מעסערס, מיט לאַנגע אויסגעשטשערבעטע סאַבלעס און מיט קליינע העקלעך.

דער דאָקטאָר איז אַריינגעגאַנגען אין פּאַלאַץ. חאָטשע דער סולטאַן איז געווען קראַנק, פונדעסטוועגען האָט זיך דאָרטען שרעקליך גערודערט, און ביי דעם דאָקטאָרס אַריינקומען איז דאָס גערודער נאָך צוויי מאָל שטאַרקער געוואָרען ווי פריהער. איבער דער טיר זענען געהאַנגען ווי קמיעות עקען פון האָזען און גרויועס פון ווילדע פערד, וואָס הייסען צעברעס. אַ גאַנצע מחנה פון דעם סולטאַנס ווייבער האָבען זעהר שען אויפגענומען דעם דאָקטאָר, מען האָט איהם לכבוד צוגעשפּילט אַ וויוואַט אויף צימבלען און אויף זעהר אַ גרויסער קעסעלפּויק. דאָס רוב פון די ווייבער זענען געווען זעהר חנ׳עוודיג. זיי האָבען געלאַכט און גערייכערט טאַבאַק אין גרויסע שוואַרצע לולקעס. זייערע לאַנגע קליידער האָט זיי זעהר שען געפּאַסט. זעקס פון זיי, וואָס מען האָט געהאַלטען בעזונדער, זענען אויך געווען פרעהליך, חאָטשע עס איז זיי געווען אָנגעברייט אַ וויסטער, אַ פינסטערער סוף. נאָך דעם סולטאַנס טויט האָט מען זיי געדאַרפט מיט איהם אינאיינעם בעגראָבען לעבעדיגערהייט, כדי זיי זאָלען איהם אין קבר אַביסעל פערגניגען פערשאַפען.

אָנקוקענדיג דאָס אַלצדינג, איז דער דאָקטאָר צוגעגאַנגען צו אַ הילצערן בעטיל, און האָט דערזעהן אויף איהם דעם סולטאַן, אַ מענש פון אַ יאָהר פערציג, ליגט פערמאַראַטשעט אָהן זינען, מחמת ער האָט

געפיהרט אַ אויסגעלאַסען לעבען. זיין קראַנקהייט, וואָס האָט זיך שוין געצויגען יאָהרען לאַנג, איז געוועזען פשוט אַ שכרות און קיין שום מיטעל אין דער וועלט וואָלט שוין ניט מעהר געהאָלפען, אַז דער שכורער סולטאַן זאָל זיך אויסניכטערן און שטעלען אויף די פיס.

דעם סולטאַנס מקורבים און זיינע ווייבער האָבען זיך געקניעט און איינגעבייגען די קעפּ בשעת דער דאָקטאָר איז צו איהם צוגעגאַנגען. דער דאָקטאָר האָט איהם איינגעגעבען עטליכע שטאַרקע טראָפּענס, איז דער שיכורער סולטאַן, וואָס איז שוין עטליכע שעה געלעגען ווי אַ טויטער, אַביסעל צו זיך געקומען אויף אַ רגע און האָט זיך עפּיס ווי אַ שאָקעל געטאָן. אַלע האָבען פאַר שמחה אָנגעהויבען צו שרייען לכבוד דעם דאָקטאָר. נאָר דעם דאָקטאָר האָט זיך שוין דאָס שרייען צוגעגעסען, ער האָט זיך ווי עס איז אָבגעטשעפּעט פון דעם גאַנצען פּעקיל, ער האָט זיי מוחל געוועזען דעם גאַנצען כבוד, איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם פּאַלאַץ און האָט זיך געלאָזט געהן צו „וויקטאָריע". עס איז שוין געוועזען זייגער זעקס פאַר נאַכט.

דזשאָע איז זיך דערווייל געזעסען די גאַנצע צייט רוהיג אונטען נעבען לייטעריל און האָט דאָרטען געוואַרט אויף דעם דאָקטאָר. דער המון מענשען האָט איהם אָבגעגעבען גרויס כבוד. ער האָט זעהר גוט געשפּילט זיין ראָליע, טאַקי ווי עס פּאַסט דער לבנה'ס אַ קינד. ער האָט זיך אפילו זעהר שען בענומען מיט די יונגע אַפריקאַנקעס, וואָס האָבען אויף איהם געוואָרפען אויגען מיט גרויס בעווענדערונג, און האָט צו זיי גערעדט מיט זיסע ריידעלעך.

— בוקט זיך צו מיר, האָט ער געזאָגט, איך בין, כ'לעבען, אַ שענער בחור, אַ יונג מיט ביינער, האָטשע דער לבנה'ס אַ קינד.

מען האָט איהם געבראַכט קרבנות ווי איין אָבגאָט, זאַנגען פון גערשטען און אַ מין משקה פּאָמבע. דזשאָע האָט פאַר דרך ארץ גענומען פערזוכען די משקה, וואָס האָט אויסגעזעהען ווי שטאַרק ביער. נאָר ווי ער האָט עס אָבער גענומען צו די ליפּען, האָט ער זיך שרעקליך פערקרימט מחמת גרויס שאַרפקייט, און אַלע האָבען געמיינט, דאָס לאַכט ער אַזוי פאַר גרויס גוטסקייט. דערנאָך האָבען יונגע מיידלעך אָנגעהויבען זינגען אַ לידעל אַלע אויף איין קול און האָבען זיך אַרום איהם געדרעהט מיט אַ טאַנץ גאָר גרויסאַרטיג.

— אָ, איהר טאַנצט, האָט זיך דזשאָע אָנגערופען, כ'לעבען, איך וועל אייך ניט בלייבען הינטערשטעליג און וועל אייך ווייזען, ווי מען טאַנצט ביי אונז.

ער האָט זיך טאַקי באַלד געשטעלט טאַנצען, ניט געמאַכט שיהות.

ער האָט זיך געדרעהט, געקרימט, געמאַכט מיט די פיס, מיט די הענט, און האָט זיך געבויגען, געשאָקעלט, געמאַכט ווילדע אָנשטעלען, דער המון האָט אויפגעעפענט מויל און אויערען און זיך ניט געקענט פערחידושען, ווי אַזוי די אָבגעטער טאַנצען דאָס אַביסעל אויף דער לבנה. און אַזוי ווי די אַפריקאַנער שפּעטען אַלצדינג נאָך ווי די מלפּעס, האָבען זיי באַלד אָנגעהויבען נאָכצומאַכען דזשאָעס טאַנץ מיט אַלע זיינע קונצען. עס איז געוואָרען אַזאַ טאַראַראַם און אַזאַ גערודער, אַז מען איז שיער טויב געוואָרען. אין מיטען דער שמחה האָט דזשאָע דערזעהן, דער דאָקטאָר לויפט עפּיס מיט שרעק און דער גאַנצער עולם שטופּט זיך אַרום איהם מיט כעס. וואָס קען דאָס באַטייטען, האָט דזשאָע זיך אַליין געפרעגט, איז אפשר דער סולטאַן געשטאָרבען אונטער דעם דאָקטאָרס רפואה? מען וואָלט אונז געמעגט מקנא זיין. קענעדי האָט אויך פערשטאַנען פון דעם עולם'ס שרייען, אַז זיי זענען דאָ אין אַ גרויסער סכנה, נאָר ער האָט ניט געקענט וויסען, פון וואָס דאָס איז געקומען. דער גאַז איז געוועזען גוט אָנגעוואַרעמט און דער לופטבאַלאָן האָט זיך געריסען אַוועקצופליהען. דער דאָקטאָר איז קוים מיט צרות צוגעגאַנגען צו דעם לייטעריל. דער נאַרישער עולם האָט פאָרט מורא געהאַט אָנצופאַלען אויף לבנה'ס קינדער. דער דאָקטאָר האָט זיך גיך אַרויפגעהאַפּט דורך דעם לייטעריל אין שיפעל אַריין און שאָע באַלד נאָך איהם.

— מען טאָר דאָ ניט אַ מינוט פערלירען—האָט דער דאָקטאָר געזאָגט,— בינד ניט אָב דעם אַנקער, מיר וועלען איהם אָבשניידען.

— וואָס איז דאָ אַזוינס געשעהן? — האָט דזשאָע און קענעדי געפרעגט.

— איהר זעהט דען ניט, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, אַז די אמת'ע לבנה איז איצט אויפגעגאַנגען?

— חי די לייט האָבען דאָס דערזעהן, האָבען זיי אָנגעהויבען צו

שרייען, אז מיר זענען גאָר אָבמאַנשטשיקעס און דעריבער איז געוואָרען דער גאַנצער געפילדער.

— דזשאָע האָט אַרויסגעלאָזט אַ גרויס געלעכטער. די איינוואוינער פון קאַזעג האָבען אויפגעהויבען אַקעגען לופטבאַלאָן זייערע פיילען, נאָר איין מכשף האָט אַתאונק געטאָן דעם עולם און אַלע האָבען אַראָבגעלאָזט די הענד. דער מכשף איז אַרויף אויף דעם בוים און האָט געוואָלט דורך דעם שטריק אַראָבציהען דעם לופטבאַלאָן אויף דער ערד.

— אפשר דאַרף מען אָבהאַקען דעם שטריק? — האָט דזשאָע געפרעגט.

— וואַרט נאָר אַביסעל, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, אָבהאַקען וועלען מיר קיינמאָל ניט פערזאַכען, און עס איז דאָך אַ שאָד דער אַנקער.

דער מכשף האָט מיט זיין קריכען אָבגעבראָכען די צווייגען פון דעם בוים און דער אַנקער האָט זיך אָבגעטשעפעט. דער מכשף איז אָבער געבליבען זיצען אויף דעם אַנקער און דער לופטבאַלאָן האָט איהם אויפגעהויבען אין דער הויך. דער עולם האָט זיך זעהר דערשראָקען, ווי זיי האָבען אַ בליק געטאָן, אז איינער פון זייערע וואַגאַנגען יוערט פערשוואונדען פאַר זייערע אויגען.

— מיר דאַכט זיך, האָט קענעדי געזאָגט, אז די קליינע נסיעה וועט איהם ניט שאַדען, עס וועט ביי איהם ווערט זיין רבי־געלד.

— אפשר איז נישקשה איהם פון דאַנען אַראָבצוּוואַרפען? האָט דזשאָע געפרעגט, אז דער לופטבאַלאָן איז שוין געפלויגען טויזענד איילען אין דער הויך.

— ניין, מיין פריינד, — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, — מיר וועלען איהם בעסער אַראָבלאָזען, לאָז ער זיך געזונדערהייט געהן אַ היים און דערצעהלען, אז ער האָט געשפּאַצירט מיט דער לבנה אליין, וועלען איהם זיינע לייט האַלטען זעהר בחשיבות, אָדער זיי וועלען איהם גאָר מאַכען פאַר איין אָבגאָט.

גאַנצע האַלבע שעה האָט „וויקטאָריע" געטראָגען דעם שוואַרצען מכשף אין דער לופט, ער האָט פאַר שרעק אַליין ניט געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך מיט איהם. אז דער דאָקטאָר האָט אַ בליק געטאָן, אז זיי פליהען שוין אויף אַ פוסטען פּלאַץ, האָט ער אויפגעהערט צו וואַרעמען דעם גאַז און דער לופטבאַלאָן האָט זיך אָנגעהויבען אַראָבצולאָזען. דער מכשף האָט ניט געוואַרט ביז דאָס שיפעל וועט צו קומען צו דער ערד, ער האָט אַ שפּרונג געטאָן אויף עטליכע איילען און האָט געמאַכט די גרויסע פּליטה. דער לופטבאַלאָן האָט זיך באַלד אויפגעהויבען אין דער הויך.

— אַט, אַ פּנים, אז מען טאָר זיך ניט אויסגעבען פאַר דער לבנה'ס קינדער אָן איהר רשות, — האָט זיך דזשאָע אָנגערופען, אז זיי זענען שוין געוועזען העט ווייט אין דער לופט. — זי האָט אונז שיער ניט אָבגעשפּילט אַ גוטע חתונה. האָט איהר נישט דאָרטען אפשר, האַר דאָקטאָר, דער לבנה איהר גאַנצען שם קאַליע געמאַכט מיט אייער רפואה?

— טאַקי באמת, האָט קענעדי געפרעגט, וואָס איז דאָס פאַר אַ נפש דער סולטאַן פון קאַזעג?

— עט, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, איין אַלטער שכור, וואָס איז נוטה למות. זיין טויט, מיין איך, וועט עפּיס ניט אַזוי שטאַרק באַנגען דעם עולם. פון דעם, וואָס עס האָט זיך איצט מיט אונז פּאַסירט קען מען זיך אַ מוסר נעהמען, אז אַלע גדולות און כבוד זענען נישט קיין אייביג געוועהר.

— האָט מיר נישט קיין פּאַראיבעל, האָט דזשאָע געזאָגט, מיר, כ'לעבען, איז דער כבוד זעהר ניחא געוועזען. ווי איהר ווילט זיך, הייסען דער לבנה'ס אַ קינד איז גאָר ניט שלעכט. צום שלימזל אָבער האָט זיך די לבנה נעדאַרפט בעוויזען און נאָך אינגאַנצען רויט ווי פייער. זי איז אודאי אויף אונז שטאַרק אין כעס געוועזען.

ווי מען האָט זיך אַזוי געשמועסט און דזשאָע האָט לוסטיג געמאַכט דעם עולם מיט זיינע ווערטלעך, האָבען זיך אָנגעהויבען אין צפון־זייט צו ווייזען שוואַרצע שרעקליכע חמאַרעס. אין מיטען איז דער הימעל געבליבען ריין, נאָר די לופט איז געוועזען עפּיס שרעקליך שווער. אַ שטאַרקער ווינד האָט זיך אויפגעהויבען אַרום זייגער אַכט און האָט אַ טראָג געגעבען „וויקטאָריען" אַביסעל צו מזרח־זייט. אונזערע רייזענדע זענען גע־

פליגען איין ערך פינף און דרייסיג מייל אַ שעה. אונטער זיי זענען געשווינד געלויפען די שענע פעלדער פון כופטא, זיי האָבען פשוט פערנומען די אויגען מיט זייערע תבואות. עס איז נאָר אַ תענוג געוועזען זיי אָנצוקוקען.

— די איינוואוינער פון דעם לאַנד, איבער וועלכען מיר פליהען איצט, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, כוקען זיך פון אייביג אָן צו דער לבנה. דאָס איז איינס פון די בעסטע לענדער אין גאַנץ אַפריקאַ, עס איז זעלטען ערגיץ צו געפינען אזעלכע טייערע פרות און תבואות.

— זאָגט מיר, מיין ליבער האַר, האָט רזשאָ זיך אָנגערופען, פאַר וואָס קומט עס, אַז אזעלכע ווילדע מענשען זאָלען האָבען אזא פעט ווינקעל?

— ווער ווייסט? האָט דער דאָקטאָר געענטפערט — עס קען זיין, אַז מיט דער צייט וועלען דאָ וואוינען די געלערנטסטע און די ערעלסטע פעלקער; עס קען זיין, אַז אין אַ סך יאָהרען ארום, וועט די ערד פון אייראָפּא שוין קיין כח נישט האָבען מפרנס צו זיין אירהע איינוואוינער, וועלען זיי אַלע אריבערגעהן אהער.

— דו מיינסט עס טאַקי ערנסט? האָט קענעדי געפרעגט.

— יאָ, מיין פריינד, די היסטאָריע ווייזט אונז, אַז עס מוז אַזוי זיין. דו ווייסט דאָך, פון וואַנען די פעלקער האָבען אָנגעהויבען צו וואַנדערן, לכתחילה האָט אַזיען געקאָרמעט פיער טויזענד יאָהר כסדר די גאַנצע וועלט, נאָר אַז ערטערווייז האָט די ערד אויפגעהערט צו געבען איהר פרוכט, און שטאָט דער תבואה איז אויסגעוואַקסען אויף די פעלדער שטיינער, האָבען זיך פון דאָרט די מענשען אַוועקגעלאָזט קיין אייראָפּא, וואָס זי האָרעוועט זיי שוין צוויי טויזענד יאָהר. נאָר מיר זעהען, אַז ביי אונז אין אייראָפּאַ, וואָס ווערט וואָס אַ יאָהר מעהר יקרות און הונגער, קראַנקהייטען, וואָס אונזערע זיידעס האָבען פון זיי גאָרנישט געוואוסט, זענען ביי אונז שכיח, — דאָס איז אַ סימן, אַז אונזער לאַנד ווערט מאָגערער און פערלירט איהר כח. מיר זעהען, אַז אַ סך פעלקער פון אונזער לאַנד ציהען זיך שוין איצט קיין אַמעריקאַ. וואָס די ערד איז דאָרטען נאָך יונג און פעט. נאָר מיט דער צייט וועט אַמעריקאַ אויך אַלט ווערען, אירהע וועלדער וועלען אויסגעהאַקט ווערען, אירהע פעל-

דער, וואָס טראָגען איצט צוויי מאָל אין יאָהר תבואה, וועלען שפּעטער קוים איין מאָל אין יאָהר טראָגען. דענסטמאָל וועט אַפריקאַ אויפנעהמען צו זיך די נייע דורות, אירהע פעטע פעלדער וועלען זיי שפּייזען טויזענדער יאָהרען, און אַז מען וועט בעאַרבייטען די ערד, וועט זי בעקומען גאָר אַיין אַנדער פנים, די שעדליכע לופט וועט ווערען ריין, געזונד די טייכען און וואַסערען, וואָס געהערען זיך איצט איינס מיט דעם אַנדערען נישט אָן, וועלען צונויפגענומען ווערען דורך קאַנאַלען און אויף זיי וועלען געהן האַנדעלסשיפען און פאַרעהאָדען. דאָס שענע שטיקעל לאַנד, איבער וועלכען מיר פליהען, וועט אפשר אַ מאָל ווערען אַ גרויס קעניגרייך און וועט דאָרט ממציא זיין אַ סך זאַכען, נאָך אפשר מעהר שכלדיגער פון דעם טעלעגראַף און פאַראָוע מאַשינען.

אונזערע רייזענדע זענען געפלויגען איבער פעלדער און וועלדער איבער בערג, איבער טאָלען און גרויסע וואַסערען. קעמלען און אַנדערע בהמות זענען געשטאַנען אויף די פעלדער טיעף אין גראָז, אַז מען האָט זיי קוים אַרויסגעזעהן. אין די געדיכטע וועלדער, וואָס האָבען אויסגעזעהן פון דער הויך ווי קליינע וואַזאָנעס, האָבען זיך אויפגעהאַלטען לייבען, לעמפּערטען און די שרעקליכע נאַכטוועלף, וואָס הייסען היענעס, די עלפאַנטען האָבען געהענדיג געטרעסעט מיט די שפּיצען בוימער און עס האָט זיך געהערט אַ קול פון די צווייגע, וואָס זיי האָבען אָבגעבראָכען מיט זייערע גרויסע ציינער

— אַך, — האָט קענעדי דער יעגער זיך אָנגערופען פאַר גרויס שמחה, — ווי גוט עס איז אין דעם אָרט צו געהן אויף דער יאַגד, דאָ זענען אַזוי פיעל חיות, אַז מען זאָל אפילו בלינדערהייט אויסשיסען וועט מען זיכער טרעפען אַ חיה. טאָמער וואָלט איך מיך טאַקי געפּרוּווט?

— חלילה, האָט איהם דער דאָקטאָר געענטפערט, עס איז ניט איצט די צייט, די נאַכט פאַלט צו, און די חמאָרעס רוקען זיך אויך אָן, עס וועט דונערן און בליצען. דו דאַרפסט וויסען, אַז אין אזעלכע הייסע ערטער, וואָס די היץ ברענט ווי אין גיהנם, זענען די דונערן זעהר שרעקליך. פיהלסט-דו דען ניט, ווי עס איז געוואָרען שטאַרק פאַרנע, די היץ איז ניט אויסצוהאַלטען, עס איז ניטאָ קיין פּיצעל לופטעלע, דאָס וועט ניט אָבלויפען גלאַט, גאָט זאָל שומר ומציל זיין וואָס עס קען ווערען.

— אויב יאָ אַזוי, האָט קענעדי געזאָגט, וואָלט אפשר בעסער געווען זיך אַראָפּצולאָזען אויף דער ערד.

— אומגעקערט, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, איך טראַכט זיך נאָך העכער אויפצוהויבען און ווען עס וועט נאָר מעגליך זיין, וועל איך מיך נעהמען אויף זיבען, אכט גראַד מעהר קיין צפון-זייט און פּריוען צופליהען נעהענטער צו די ערטער, וואָס מען איז משער, אַז דאָרטען זאָלען זיך געפינען די קוועלען, פון וועלכע דער טייך נילוס געהט אַרויס. אפשר וועלען מיר נאָך דאָרט אויך געפינען אַ שפּור פון דעם קאַפּיטאַן ספּעק אָדער נאָר די גאַנצע שיירא פון דעם רייזענדע נעגלין.

— זעה נאָר, — האָט קענעדי איבערגעשלאָגען דעם דאָקטאָרס שמועס מיט אַ געשריי, — זעה נאָר דאָרט די בעהאָמאָסען, אָדער, ווי מען רופט זיי נאָך אויך, די פלוספערד, וואָס קריכען אַרויס פון די טייכען, ווי גרויס ווי דיק, ווי גראָב זיי זענען! היינט זעה דאָרטען אויך די קראָקאָדילען, מיט וואָס פאַר אַ רעש אָטהעמען זיי. און ציהען אין זיך אַריין די לופט. עס איז זיי אַ פּנים שטאַרק דושנע.

— אַ תענוג, כ׳לעבען, צו רייזען אַזוי ווי מיר, האָט דושאָע זיך אָנגערופען, וואָס הערען מיר אַזעלכע ווילדע מנו׳לים. האַר דאָקטאָר, האַר קענעדי, קוקט נאָר אָן דאָרטען עפּיס נאָר אַ נוזמא חיות. אפשר אַ צוויי הונדערט שטיק, וואָס געהען מחנות-ווייז. דאָס איז וועלף.

— ניין, דו האָסט אַ טעות, דושאָע, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, דאָס זענען ווילדע הינד, זעהר בייזע, וואָס האָבען קיין מורא ניט אָנצופאַלען אפילו אויף אַ לייב. זיי זענען פון אַלע חיות דאָס ערגסטע בעגעגעניש פאַר אַ רייזענדען, אין איין רגע צורייסען זיי איהם אויף שטיקלעך.

אין דרויסען איז דערווייל געוואָרען וואָס ווייטער הייסער, שטילער, מען זאָל דאָס פיהלען עפּיס אַ ווינטעלע. די לופט אינגאַנצען איז ווי אַנטשלאָפען געוואָרען, עפּיס ווי די כוחות זענען איהר אויסגעגאַנגען און איז ניט אינשטאַנד געווען אים מינדעסטען זיך צו בעוועגען. אַלע פייגעל, גרויס און קליין, האָבען זיך בעהאַלטען צווישען די צווייגען פון געדיכטע בוימער. עס איז געווען אַלע סימנים, אַז באַלד וועט ווערען אַ גאָס-רעגען. זייגער ניין ביי נאַכט איז דער לופטבאַלאָן געבליבען

שטעהן, אָהן אַ שום בעוועגונג, איבער מזנע, אַ אָרט, וואָס בעשטעהט פון אַ סך דערפער און וואָס אין דער צייט איז שוין שווער געווען זיי צו זעהן פון דער ווייטענס.

— אַך, עס איז מיר זעהר דושנע, האָט קענעדי געזאָגט און געסאָפּעט גאַנץ שטאַרק, מיר שטעהען דאָך אין דער לופט און ניבען זיך אפילו קיין ריהר ניט. וואָלט ניט בעסער געווען זיך פשוט אַראָפּצולאָזען.

— סטייטש, עס וועט דאָך אָבער ווערען אַ שטורם, — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט אַביסעל אונרוהיג.

— נו, אַז דו האָסט יאָ מורא, דער ווינד זאָל שפּעטער ערגיץ ניט פערטראָגען דעם לופטבאַלאָן, איז דאַכט זיך ניטאָ קיין אַנדער מיטעל, ווי זיך אַראָפּצולאָזען, האָט איהם קענעדי געזאָגט.

— אפשר וועט נאָך היינט ביי נאַכט גאָר ניט זיין, האָט זיך דושאָע אַריינגעמישט אין דעם שמועס, — די וואָלקענס זענען לעת-עתה זעהר הויך.

— אָט טאַקי מחמת דעם האָב איך מורא אַריבערצופליהען איבער זיי, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, מען וועט מוזען זיך אויפהייבען שרעקליך הויך, אויפהערען אינגאַנצען צו זעהן די ערד און לאָזען זיך גלאַט אויף מזל, ניט צו וויסען די גאַנצע נאַכט, אפילו אויב מיר ריהרען זיך און וואוהין מיר פליהען.

— ענטשלים זיך אויף עפּיס, מיין ליבער סאַמועל, — האָט קענעדי געזאָגט, — עס איז איצט ניט די צייט אַ סך צו קלערען.

— אַ גרויסער שאָד, וואָס דער ווינד איז שטיל געבליבען, — האָט דושאָע געזאָגט, — ער וואָלט אונז אַוועקגעטראָגען איבער דער תמארע.

— יאָ, מיין פריינד, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, מיר זענען איצט שטאַרק אין דער קלעדם, זאָל איך מיך אויפהייבען אין דער הייך, קען, חלילה, אַ בליץ אָנצינדען דעם לופטבאַלאָן; זאָל איך מיך אַראָבלאָזען און בלייבען שטעהן פאַרטשעפּעט מיט דעם אַנקער, קען

אַ שטאַרקער שטורם, וואָס דאָ ווערט עס אין איין מינוט, אונז אַראָבשליידערן אויף דער ערד. בעסער איז נאָך מיין דעה, מיר זאָלען זיך אַלץ האַלטען אין דער מיט, וואַסער פון דעם גאַז-רעהרילס וועגען האָבען מיר גענוג, דערביי נאָך צוויי הונדערט פונט משא, ווען מען וועט בעדאַרפען, וועל איך מיך מיט זיי אויסהעלפען. איהר, מיינע פריינד, לייגט זיך לעת-עתה שלאָפען, אַז עס וועט נויטיג זיין, וועל איך אייך איפוועקען. איצט שטעהט דער לופטבאַלאָן אויף איין אָרט און ריהרט זיך נישט, ווען דער וועטער וועט זיך ניט פאַרענדערן, וועלען מיר מאָרגען אויך שטעהן אויף דעם אייגענעם אָרט.

קענעדי און דזשאָע האָבען זיך אַנידערגעלעגט אונטער די קאָלדרעס און דער דאָקטאָר איז איינער אַליין געבליבען אויף דער וואַך. די המאַרעס האָבען זיך אָנגעהויבען אַראָבצולאָזען נידריגער און עס איז געוואָרען שטאַרק פינסטער, האָטש איין אויג אַרויסצונעהמען. מיט אַ מאָל איז זעהר ליכטיג געוואָרען פון אַ גרויסען בליץ און איידער ער איז נאָך פערשוואונדען געוואָרען, האָט אַ קלאַפּ געגעבען אַ שטאַרקער דונער. קענעדי און דזשאָע האָבען זיך ניט טויט ניט לעבעדיג אויפגעכאַפּט און זענען צוגעלאָפען צום דאָקטאָר.

— לאָמיר זיך אַראָבלאָזען, האָט קענעדי אַ געשריי געטאָן.

— ניין, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אַראָבצולאָזען זיך איז שוין אוממעגליך, בעסער לאָמיר זיך אויפהייבען אין דער הויך, איידער עס הויבט אָן דער שטורם מיט דעם רעגען. דער דאָקטאָר האָט פאַרגרעסערט דעם פלאַם פון דעם גאַז-רעהריל. באַלד האָבען אָנגעהויבען צוגעהן איין דונער נאָך דעם אַנדערן, און די בליצען האָבען גאָר נישט אויפגעהערט, די לופט אינגאַנצען איז געוועזען איין פייער און די טראָפּען פון דעם רעגען האָבען אויסגעזעהן ווי גרויסע פליהענדיגע פונקען.

— אין ברירה, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, מיר מוזען איצט דורכגעהן אַ פייערדיג גיהנם מיט אונזער לופטבאַלאָן, וואָס איז אָנגעפילט מיט ברענענדיגען גאַז.

— לאָז זיך גיכער אַראָב אויף דער ערד, אויף דער ערד, האָט קענעדי געשריגען אויף אַ קול.

אויף דער ערד, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, זענען מיר אויך אין אַ סכנה, אַ חוץ דעם קען זיך נאָך דער לופטבאַלאָן צוריסען אין די צווייגען פון די בוימער. מיר מוזען זיך אויפהייבען ווי צום גיכסטען.

אין דעם חלק אפריקא קען מען בשעת אַ גרויסען גאָס-רעגען איבערציילען דרייסיג ביז פינף און דרייסיג בליצען אין אַ מינוט. דער הימעל איז דענסטמאָל איינגעטונקט אין פייער און די דינערן הילכען שטאַרק און ווילען גאָר ניט אויפהערען.

אַ שטאַרקער ווינט האָט מיט אימפעט געבלאָזען אין דער פייערדיגער לופט און געדרעהט מיט די דערהיצטע וואָלקען, מען קען זאָגען, עפּיס אַ גרויסער בלאָזזאַק האָט געעפענט דאָס מויל צו פאַרגרעסערען דאָס שרעקליכע פייער. דער דאָקטאָר האָט אויפגעעפענט אינגאַנצען דעם קראַנט פון דעם גאַז-רעהריל, דער לופטבאַלאָן האָט זיך וואָס ווייטער מעהר אָנגעבלאָזען און זיך אויפגעהויבען העכער. קענעדי, וואָס איז געשטאַנען אויף די קניע אין דעם שיפעלע, האָט מיט כמה צרות איינגעהאַלטען די פאָרהענגלעך פון דער פּאַלאַטקע, דער לופטבאַלאָן האָט זיך געדרעהט, געוואָרפען אין אַלע זייטען, אַז די רייזענדע זענען שיער פון דעם מוח ניט אַראָבגעגאַנגען. דער שטורמווינד האָט שטאַרק געקנייטשט און צונויפגעקלעמט די מאַטעריע וואָס אַרום דעם לופטבאַלאָן, ער האָט מיט איהר געוואָרפען, געטרעסעט און אַ שטאַרקער האָגעל האָט אויך געקלאַפּט שרעקליך אויף דעם לופטבאַלאָן, וואָס ער האָט זיך פונדעסטוועגען פאָרט געהויבען העכער און העכער. די בליצען זענען איבער איהם דורכגעלאָפען ווי פייערדיגע שלאַנגען, עס האָט אויסגעזעהן, ווי ער איז אינגאַנצען אין אַ העליש פייער.

— גאָט זאָל רחמנות האָבען, — האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען, — טאַקי נאָר ער איינער קען אונז העלפען, לאָמיר זיין גרייט צו אַלצדינג, וואָס קען זיך טרעפען, אפילו צו אַ שרפה.

די רייזענדע האָבען געקוקט אויף דעם דאָקטאָר, זיין פּנים איז געוועזען רוהיג און בעלייכט פון בליצען, וואָס ער האָט זיי גאַנץ ערנסט בעטראַכט, בשעת זיי זענען נעבען איהם פאַרביינעלאָפען, דער לופטבאַלאָן האָט זיך געדרעהט אין דעם שטורמווינד, נאָר עס האָט זיך פאָרט אויפגעהויבען העכער.

אַזוי האָט געדויערט אַ פערטיל שעה, דער לופטבאַלאָן איז צום

סוף אַריבער העכער פון די שרעקליכע חמאַרעס, די אַלע בליצען זענען שוין געוועזען אונטער איהם און האָבען אויסגעזעהן ווי פייערווערק. דאָס איז געוועזען איינע פון די שענע בילדער, וואָס גאָט קען נאָר ווייזען א מענשען אין זיין וועלט. אונטען אַ שרעקליכע חמאַרע מיט דונערן און בליצען, אויבען אַ אויסגעשטערענטער הימעל, זעהר רוהיג, שטיל, פיין, מיט אַ שיינעדיגער לבנה, וואָס קוקט אַראָב מיט איהרע שטראַהלען אויף די בייזע פינסטערע וואָלקענס. דער דאָקטאָר האָט אַ בליק געטאָן אויף דעם באַראָמעטער און האָט געזעהן, אַז זיי זענען הויך זעקס טויזענד איילען פון דער ערד. עס איז געוועזען זייגער עלף.

— געלויבט איז גאָט, מיר זענען שוין אַרויס פון דער סכנה, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, — מיר דאַרפען זיך האַלטען אַלץ איז דער דאָזינער הויך ביז די חמאַרעס וועלען זיך צוגעהן.

— שרעקליך! — האָט זיך קענעדי אָנגערופען, — דאָס לייב גרוילט.

— שרעקליך איז טאַקי, — האָט דזשאָ געזאָגט, — נאָר ווי דאַרף עס אָבער אונז הנאה טאָן, אַז מיר האָבען בעשיינפערליך געזעהן גאָטס גרויסע וואונדער, נישט איטליכער איז אַזאַ בעל זוכה.

יא.

אַרום זייגער פיער, מאָנטאָג אין דער פריה, איז די זון זעהר שען אויפגעגאַנגען. די וואָלקען זענען פערשוואונדען געוואָרען, אַ קיהל ווינטעלע האָט געוועהעט און דערפרישט די לופט. אונזערע רייזענדע האָבען ווידער פאַר זיך דערזעהן די ערד. דער דאָקטאָר האָט אָבגעקילט ביסלעכווייז דעם גאַז און בשעת אַראָבלאָזען זיך אַלץ נידריגער האָט ער געזוכט אין דער לופט אַזאַ ווינד, וואָס ער זאָל איהם טראָגען קיין צפון-זייט. נאָר אַ לאַנגע צייט איז אומזיסט געוועזען זיין טירחא. דער ווינד האָט איהם תחלת פערטראָגען קיין מערב-זייט אַזש אַקעגען די הרי חשך, אָדער ווי זיי הייסען אין אַנדערע לשונות, די הרי לבנה (לבנה-בערג) מחמת זיי זענען שרעקליך הויך, בעדעקט אייביג מיט שנעע און נישט איינער פון אַלע וואַנדערער האָט נאָך נישט זוכה געוועזען זיי אַריבערצוגעהן.

— מיר געפינען זיך איצט אין אַזאַ אָרט, וואָס עס איז נאָך דער גאַנצער וועלט גאָר ווילד פרעמד, — האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען, — דער קאַפּיטאַן בורטאָן איז ווייט פערגאַנגען אין דעם קאַנט, נאָר ער האָט פאָרט נישט געקענט קומען ביז די דאָזיגע בערג, ער גלויבט אפילו נישט, אויב זיי זענען גאָר דאָ אויף דער וועלט, חאָטשע זיין חבר ספעק זאָגט, אַז זיי געפינען זיך יאָ. מיר אָבער זענען שוין גאָר ניט מסופק, אַז זיי זענען דאָ, ווייל מיר זעהען זיי איצט מיט אונזערע אויגען. נאָר אַריבערפליהען איבער זיי האָב איך נישט בדעה, מחמת איך וויל אויפזוכען אין דער לופט אַזאַ ווינד, וואָס ער זאָל אונז ווידער טראָגען אויף דעם פריהערדיגען וועג.

דער דאָקטאָר האָט זיך אָנגעהויבען צו דרעהען אין דער לופט אַהין און אַהער און האָט טאַקי באַלד געפונען, אינגאַנצען הונדערט איילען הויך פון דער ערד, אַזאַ ווינד, וואָס ער האָט געשווינד אַ טראָג געטאָן דעם לופטבאַלאָן קיין צפון.

— אַז מיר זענען שוין יאָ אַזוי נאָהענט פון דער ערד, האָט זיך דזשאָע אָנגערופען, וואָלט ניט געשאַדט זיך אַראָבצוהאַפּען און אַביסעל זיך צוגעהן מיט די פיס.

— ביכט טאַקי גערעכט, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, מיר דאַרפען זעהן שאַנעווען אונזער ביסעל שפּייז. דאָ וועט אונז קענעדי מוחל זיין צושטעלען אַ פרישׁ שמיקעל פלייש; וואַסער מוזען מיר אויך מיטנעהמען פון דאַנען, וואָרום ווער ווייס, מיר קענען נאָך פערטראָגען ווערען אין די טרוקענע מדבריות. דעריבער מוזען מיר זיך ביציייטענס פערזיכערן מיט אַלע זאַכען.

דער דאָקטאָר האָט געהייסען אַראָבלאָזען די אַנקערס. דער לופּטבאַלאָן האָט אָנגעהויבען צו פליהען נידריג, איבער אַ סטעפּ, בעוואַקסען מיט הויך גרין גראָז, צולאָזט מיט זיינע אַנקערס, ווי אַיין אָדלער מיט צושפּרייטע פליגעל. פליהענדיג אַזוי, האָט זיך פּלוצום איין אַנקער פאַרטשעפּעט.

— דזשאָע, וואַרף אַראָב דאָס לייטעריל, האָט קענעדי געזאָגט, דער אַנקער האָט זיך געמוזט אַריינשטעקען אין אַ שפּאַלט פון אַ פעלזענשטיין. וואָס ער איז בעדעקט מיט גראָז.

דזשאָע האָט זיך נאָך ניט אויסגעפּעט אַ ריהר צו טאָן, איז עפּיס פון אונטער דעם גראָז אַרויס אַ שרעקליך געשריי.

— וואָס איז דאָס עפּיס פאַר אַ שלאַק, האָט זיך דזשאָע אָנגערופען, ווער רעוועט עס דאָרטען.

— אַי, — האָט קענעדי אַ געשריי געטאָן מיט שרעק, חאַפּענדיג די ביקס, — מיר האָבען זיך גאָר פאַרטשעפּעט אין אַ שלאַנג.

— האָב נאָר צייט, קענעדי, האָט זיך דער דאָקטאָר צו איהם אָנגערופען, דיין שלאַנג איז גאָר די נאָז פון איין עלפאַנט, דער אַנקער האָט זיך געווים פאַרטשעפּעט אין זיינע צייהן. שיס נישט. ער איז גוט איינגעשפּאַנט אין אונזער שיפעל און וועט אונז אַרויספיהרען אויף דעם רעכטען וועג

דער עלפאַנט, נעבעך, האָט טאַקי הענרום-פּענדרום אָנגעהויבען צו לויפען אין דעם גראָז און איז באַלד אַרויס אויף אַ פרייען פּלאַץ. דער אַנקער האָט זיך שטאַרק געהאַלטען צווישען זיינע צוויי גרויסע ווייסע

צייהן און דער עלפאַנט האָט זיך אומזיסט געמוטשעט מיט זיין לאַנגער נאָז איהם אָבצוטשעפּען. אַנדערהאַלבען שעה איז ער אַזוי געלאָפען נאָכאַנאַנד מיט אונזערע רייזענדע.

— וויאָי, האָט דזשאָע אַ פייף געטאָן, נו. הייב פיסלעך.

— עס איז שוין גענוג, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, מיר זענען שוין גאַנץ נאָהענט פון דעם וואַלד. דאָרטען וועט פאַר דעם לופטבאַלאָן ניט גוט זיין. קענעדי, נעהם זיך צום ביקסעל.

קענעדי האָט זיך מחיה געוועזען, אַז ער האָט דאָס נאָר דערהערט, און האָט תיכף אויסגעשאָסען. נאָר די קויל, וואָס האָט געטראָפען דעם עלפאַנט אין שטערען אַריין, האָט איהם אַזוי פיעל געאַרט, ווי אַ אַרבעס צו דער וואַנד, און האָט אָנגעהויבען נאָך געשווינדער צו לויפען.

— אָ, נישקשה פון אַ קעפּיל, — האָט קענעדי געזאָגט, — וואַרט נאָר, איך וועל דיך פּרוּווען מכבד זיין מיט שפּיצעבדיגע קוילען.

און טאַקי באַלד האָט ער אויסגעשאָסען דאָס צווייטע מאָל. דער עלפאַנט האָט אַ שרעקליכען רעווע געטאָן און איז ווייטער געלאָפען. דזשאָע האָט אויך געחאַפּט אַ ביקס און האָט אינאיינעם מיט קענעדי'ן נאָך אַ מאָל אַריינגעזעצט צוויי קוילען דעם עלפאַנט אין דער זייט אַריין. דער עלפאַנט האָט זיך אויף איין מינוט אַנידערגעשטעלט און אויפגעהויבען זיין לאַנגע נאָז אין דער הויך. טייכען בלוט האָבען זיך פון איהם געגאָסען. נאָר באַלד האָט ער ווידער אָנגעהויבען צולויפען אין וואַלד אַריין.

— בלייבט ניט שטעהן און שיסט ווייטער, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען, וואָרום מיר זענען שוין גאָר נאָהענט פון דעם וואַלד.

צעהן נייע קוילען האָט מען דעם עלפאַנט אַריינגעזעצט, ער האָט פאַר ווערטאָג אַזאַ שפּרונג געטאָן, אַז דער גאַנצער לופטבאַלאָן איז שיער ניט צובראָכען געוואָרען אויף שטיקלעך. ביי דעם דאָקטאָר איז אַרויסגעפאַלען פון דער האַנד די האַק, וואָס ער האָט געהאַלטען גרייט איבערצוהאַקען דעם שטריק. אונזערע רייזענדע זענען געוועזען איצט אין אַ גרויסער סכנה, דעם שטריק איז געוועזען אוממעגליך אָבצוטשעפּען אָדער איבערצושניידען מיט אַ מעסער, דער לופטבאַלאָן איז אַלץ געהענגטער

געקומען צום וואַלד, נאָר פּלוצלים האָט דער עלפאַנט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ און אַ קויל איז איהם אַריין אין אויג.

— נאַ דיר נאָך איינע אין הארצען אַריין, האָט קענעדי געזאָגט און האָט באַלד אויסגעשאָסען.

דער עלפאַנט האָט אַ געשריי געטאָן. האָט נאָך אַמאָל איפגעהויבן די נאָז, און איז אַזוי שטאַרק אַנידערגעפאַלען, אַז אַזש אַ צאָהן פון דעם מויל איז איהם אַרויסגעפלויגען. ער האָט אַ תראָפּע געטאָן און געבליבען ליגען טויט.

דער לופטבאַלאָן איז געבליבען לטעהן פארנשעפּעט אין דעם אנדערען צאָהן פון דעם עלפאַנט, און אונזערע רייזענדע זענען באַלד אַראָבגעגאַנגען אויף דער ערד.

— ווייסט איהר וואָס, האר דאָקטאָר, — האָט זיך דזשאָע אָנגערופען, — איהר נעהמט זיך בעטראַכטען דעם לופטבאַלאָן און זעצט זיך שרייבען אייערע זאַכען, דער האר קענעדי וועט לעת עתה געהן אין וואַלד אַריין אונז שיסען פייגעל, און איך וועל דערוויל אָבבראָטען צום מיטאָג עטליכע געשמאַקע שטיקלעך פלייש פון דעם עלפאַנט.

קענעדי איז טאַקי באַלד אַוועקגעגאַנגען אין וואַלד אַריין, און דזשאָע האָט זיך גענומען צום מיטאָג, ער האָט אויסגעשניטען די בעסטע שטיקלעך פלייש פון דעם עלפאַנטס נאָז און אַ פיאַטע פון איין פוס, דאָס אַלצדינג האָט ער איינגעוויקעלט אין שמעקענדיגע בלעטער און אָבגעבראָטען אויף הייסע קוילען. דער דאָקטאָר איז אויך נישט געשטאַנען לעדיג, ער האָט גוט בעטראַכט דעם לופטבאַלאָן פון אַלע זייטען און געזעהן, אַז ער איז דורך גאַנץ, דערנאָך האָט ער זיך געזעצט שרייבען און האָט אָבגעמאָלט דאָס גאַנצע שטיקעל לאַנד אַרום און אַרום מיט דעם הויכען גראָז, מיט דעם וואַלד און מיט דעם לופטבאַלאָן, ווי ער שטעהט פאַרטשעפּעט אין דעם עלפאַנט.

אין צוויי שעה אַרום איז קענעדי אָנגעקומען פון דעם וואַלד מיט אַ סך פעטע קוראָפּאַטקעס און מיט אַ פוס פון אַ גאַזעלע. דזשאָע האָט דאָס אויך אָבגעבראָטען און האָט אַלצדינג אויסגעלעגט אויף אַ טישטיכעל פון שמעקענדיגע בלעטער אויף דעם גרינעם גראָז. אונזערע רייזענדע האָבען זיך אַנידערגעזעצט עסען און דער מיטאָג איז זיי שטאַרק געפעלען, אויף דעם דאָזיגען אָרט זענען זיי געבליבען נעכטיגען, דזשאָע האָט

צוגעלעגט אַ גרויס פייער, בכדי אָבצושרעקען די ווילדע חיות. בּיי נאַכט פונדעסטוועגען זענען אָנגעקומען אַ סך שאַקאַלען מיט היענען, וואָס עס האָט זיך זיי שטאַרק געגלוסט פערזוכען פון דעם עלפאַנטס פלייש, נאָר קענעדי האָט זיי פעריאָגט מיט זיין ביקס און האָבען די נאַכט איבערגענעכטיגט בשלום.

אונזערע רייזענדע זענען אויפגעשטאַנען פינף דעם זייגער אין דער פריה און האָבען זיך אָנגעהויבען גרייט צו מאַכען אין וועג אַריין. דזשאָע האָט געפונען די האַק צווישען דעם גראָז און האָט אָבגעהאַקט דעם צאָהן פון דעם עלפאַנט, איטליכער האָט זיך געזעצט אויף זיין אָרט אין דעם שיפעלע און דער לופטבאַלאָן איז אַוועקגעפלויגען קיין צפון־זייט, וואוהין דער דאָקטאָר האָט טאַקי געוואָלט. אַ גאַנצען טאָג כסדר זענען זיי געפלויגען אַלץ קיין צפון־זייט, און עס האָט זיך מיט זיי כמעט גאָרנישט פאַסירט. פאַרנאַכט זענען זיי אָנגעקומען צו אַ פוסטער קעמפּע, אין מיטען פון אַ גרויסער אָזערע, וואָס פון דאָרטען, ווערדליג ווי דער דאָקטאָר האָט געמיינט, זענען שוין נים וויים די קוועלען פון דעם טייך נילוס. און האָבען זיך דאָרטען געשטעלט נעכטיגען

— איהר, מיינע פריינד, — האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען — לעגט זיך געזונטערהייט שלאָפען, איך וועל די גאַנצע נאַכט זיין וואַך, וויל דער געדאַנק, אַז מאָרגען אם ירצה השם וועלען מיר געפינען די קוועלען פון דעם נילוס, לאָזט מיך קיין אויג נישט צו־מאַכען.

קענעדי און דזשאָע, וואָס ביי זיי האָבען די קוועלען פון נילוס עפּים ניט אַזוי שטאַרק אויסגעמאַכט, זענען גאַנץ געשמאַק געשלאָפען. דער דאָקטאָר אָבער איז די גאַנצע נאַכט אויפגעוועזען. אין 23 אפּריל, זייגער פיער, אין דער פריה, איז דער לופטבאַלאָן ווידער אַוועקגעפלויגען קיין צפון־זייט.

— מיר זענען אויף דעם רעכטען וועג, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, באַלד, באַלד וועלען מיר דערזעהן דעם נילוס.

אַרום זייגער ניין איז דער לופטבאַלאָן געפלויגען איבער יענער זייט ברעג פון דער אָזערע, וואָס דאָרטען געפינען זיך הויכע בערג און פון זייערע שפּאַלטען גיסט זיך אַרויס אַ זידענדיגער טייך.

— זעהט, מיינע פריינד, האָט דער דאָקטאָר אַ געשריי געטאָן, בעטראַכט נאָר גוט דעם טייך, וואָס שלאָגט אַרויס פון די בערג, [illegible] אָס

אין דער נילוס, מיר דארפען נאך פליהען איין שעה און אראבלאזען זיך אויף עטליכע מינוט, וועלען מיר שוין וויסען אקוראט. עס קען זעהר זיין, אז זיך אראבלאזענדיג, וועלען מיר האבען צוטאן מיטווילדע מענשען, נאר עס העלפט אבער נישט, אז מען וויל עפּיס א זאך דער־נעהן, מוז מען א מאל איינשטעלען דאס לעבען. נאר פריהער לאמיר זיך אויפהייבען אין דער הויך און פון דארטען בעטראכטען דאס גאנצע לאנד.

דער דאקטאר האט דערווארמט דעם גאז און דער לופטבאלאן האט זיך אויפגעהויבען צוועלף הונדערט איילען די הויך, פון דארטען האט מען געקענט בעטראכטען, ווי טויזענדער קליינע טייכעלעך נעהמען זיך צונויף און גיסען זיך אריין אין איין גרויסען טייך אריין.

— איצט, מיינע פריינד, האט דער דאקטאר געזאגט, לאמיר זיך אראבלאזען, נאר איהר האלט גרייט אייערע ביקסען, ווארום דא קען זיך אלצדינג טרעפען.

„וויקטאריע" האט זיך אראבגעלאזט גאנץ נאהענט איבער דעם טייך.

צווישען די איינוואהנער פון די ברעגען איז געווארען א גרויס גע־רודער, עטליכע נעגערען זענען צוגעשוואומען אויף א שיפעלע, פונקט אונטער דעם לופטבאלאן, נאר אז קענעדי האט אויסגעשאסען, זענען זיי באלד צוריק געשוואומען צום ברעג.

— זעהט איהר דארטען דעם וואסערפאל, האט דער דאקטאר א געשריי געטאן, דעם דאזיגען האט געפונען דעבאנא. נישט ווייט פון איהם שטעהען פיער בוימער, דאס איז די קעמפּע בענגא, דארטען וועלען מיר זיך אראבלאזען.

— איך זעה דארטען, דאכט זיך, עפּיס ווילדע מענשען, האט קענעדי געזאגט, נאר נישקשה, מיר וועלען זיי פערטרייבען.

דער לופטבאלאן איז צוגעפלויגען צו דער קעמפּע. די נעגערן פון דעם שבט מיקאדא, וואס געפינען זיך דארט, האבען אנגעהויבען שרעק־ליך צו שרייען. איינער פון זיי האט געדרעהט אין דער לופט מיט זיין הילצערנעם היטעל. קענעדי האט באלד געצילט אין היטעל אריין און עס איז צופלויגען געווארען אויף פיצלעך. די אלע נעגערן זענען זיך צולאפען און די קעמפּע איז געבליבען לעדיג.

— קום אראב מיט מיר, — האט דער דאקטאר צו קענעדי'ן

געזאגט, ווי באלד דער לופטבאלאן איז געבליבען שטעהן פארטשעפּעט מיט דעם אנקער, — איך דארף דא האבען איין עדות.

זיי זענען ביידע אראבגעגאנגען, דער דאקטאר האט לאנג געזוכט צווישען דערנער, אז ער האט זיך אפילו צעוואונדעט די הענד. מיט א מאל האט ער מיט גרויס שמחה א געשריי געטאן:

— זעה נאר, מיין פריינד, די צוויי אותיות א. ד. דאס זענען די ראשי תיבות פון דעם נאמען אנדרעא דעבאנא, דער דאזיגער רייזענדער איז דער ערשטער, וואס איז געקומען צו דעם ארט פון דעם טייך נילוס! דו, קענעדי, ביזט עדות, אז מיר האבען געזעהן די קוועלען פון דעם נילוס.

דער דאקטאר האט נאך א מאל בעטראכט די צוויי אותיות און ארויסגענומען פון זיי איין אקוראטע קאפּיע אויף פּאפּיר.

— לאמיר זיך איצט אומקעהרען צום לופטבאלאן, האט ער גע־זאגט, ווען גאט וועט מיר העלפען, אז דער ווינד זאל בלאזען נאך א שעה זעקס קיין צפון־זייט, וועלען מיר אנקומען קיין גאנדאקארא און זיך דארט שוין זעהען מיט אונזערע לאנדסלייט.

אין צעהן מינוט ארום האט זיך דער לופטבאלאן אויפגעהויבען זעהר הויך. און דער דאקטאר האט פאר גרויס שמחה, וואס גאט האט מצליח געווען זיין וועג, ארויסגעשטעלט א פענדעל מיט דעם ענגלישען הערב.

יב.

— שלעכט, ברידער, — האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופֿען, אַ קוק געבענדיג אויף דעם קאָמפּאַס. אונזער לופטבאַלאָן נעהמט זיך מעהר קיין מערב־זייט, און מיר דאַכט זיך, אַז קיין גאָנדאָקאָראָ וועלען מיר שוין נישט אָנקומען. אודאי טהוט עס באַנג, נאָר מיר דאַרפֿען זיין צופרידען דערמיט, וואָס גאָט האָט אונז באַשערט צו זעהן דאָס, וואָס מיר האָבען געזוכט. פאַרגעסט נישט, אַז מיר זענען געווען אין אַזעלכע ערטער, צווישען אַזעלכע ווילדע פעלקער, וואָס קיין שום רייזענדער איז פֿון דאָר־טען ניט גלאַט אַרויס. איצט, זעהט נאָר, פליהען מיר אַקעגען דעם באַרג לאַגוועק. די אַראַבער זאָגען, אַז דער באַרג ציטערט, ווען איינער פון מחמעדס נאמנה שטעלט אויף איהם אַנידער אַ פוס, און דעריבער הייסט ער בייַ זיי דער ציטערענדיגער באַרג. אָט פון דאַנען אָן, מיינע פריינד, וועט זיך אָנהייבען די רעכטע שווערע רייזע אין אַפריקא, ביז צהער איז נאָך געווען צו דערליידען, די אַלע ערטער, איבער וועלכע מיר זענען געפלויגען, זענען האָטשע אַביסעל געווען בעקענט. איצט לאָזען מיר זיך אין אַזאַ ווינקעל, וואָס ער איז גאָר ווילד פרעמד. נאָר מיר דאַרפען אונזער קוראַזש ניט פערלירען און גאָט וועט אונז העלפען.

אין דעם דאָזיגען טאָג, זענען אונזערע רייזענדע אַיינגעפלויגען אין פופצעהן שעה מעהר פון דריי הונדערט פופצעהן מייל, זייגער צעהן בייַ דער נאַכט האָט זיך „וויקטאָריע" געשטעלט אויף דעם אַנקער פונקט אַקעגען דעם באַרג לאַגועק. די רייזענדע האָבען אָבגעגעסען און אַיינ־געטיילט די נאַכט, ווי תמיד, אין דריי וואַכען. אויף דעם אַנדערען טאָג אין דער פריה האָבען זיי זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין און גע־פלויגען איבער אַ לאַנד נאָהענט פון די הרי לבנה, וואָס איז אַזוי גרויס ווי גאַנץ אייראָפּאַ.

— מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז דאָס קעניגרייך אוזאָגאָ. די לאַנד־

קאַרטען ווייזען, אַז אין מיטען אַפריקא געפינט זיך אַזאַ אָזיערע, וואָס איז גרויס ווי אַ ים. מיר וועלען זעהן, צו עס איז אמת, צו ניין.

— פון וואַנען ווייסט מען, וואָס עס טהוט זיך אין מיטען אַפריקא, אַז קיינער איז נאָך דאָרטען ניט געוועזען? האָט קענעדי געפרעגט.

— די רייזענדע, וואָס זענען געוועזען אין קאַזעג, האָט דער דאָק־טאָר געענטפערט, האָבען געמאַכט בעשרייבונגען און לאַנקאַרטען כפי ווי האָבען געהערט פון די שקלאַפען, וואָס מען ברענגט זיי אַהין אויף דעם יריד פון טיעף אַפריקא. אויף זייערע מעשיות קען מען אפילו ניט שטעלען, נאָר אַביסעל אמת איז פאָרט דאָ אין זיי. איך האָב מיט זיך זייערע אַ לאַנדקאַרטע, און פליהענדיג וועלען מיר זעהען, אויב זי איז אמת אָדער ניין. דאָס לאַנד, איבער וועלכען מיר פליהען, איז בעזעצט בסדר מיט מענשענפרעסער, וואָס הייסען ניאַם־ניאַם. פריהער האָט די וועלט געמיינט, אַז די מענשענפרעסער האָבען קעפּ ווי בייַ הינד, און עסען ווי אַנדערע חיות, דערנאָך אָבער איז מען געוואָהר געוואָרען, אַז זיי זענען פונקט ווי אַנדערע מענשען, נאָר זיי טראָגען אויף זיך פעל פון אַלערלייַ ווילדע חיות.

פאַר־נאַכט איז געוואָרען אַ שטאַרקער טומאַן און זעהר פינסטער. דעריבער איז בייַ דעם דאָקטאָר געבליבען נישט ווייטער צו פליהען און איבערצונעכטיגען. די נאַכט איז אָבגעלאָפען רוהיג. אין דער פריה האָט זיך ווידער אויפגעהויבען אַ שטאַרקער ווינד. דער דאָקטאָר האָט בעטראַכט דעם לופטבאַלאָן און האָט געזעהן, אַז ער איז דורך גאַנץ און גוט פערשרויפט.

— לאָמיר עפּיס איבערבייסען, האָט ער געזאָגט, און ווייטער פליהען, שטעהן איז ניט קיין תכלית.

זיי האָבען זיך גיך אָבגעפאַרטיגט מיט דעם פריהשטיק און זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין. דער ווינד האָט שטאַרק געבלאָזען און געוואָרפען דעם לופטבאַלאָן באַלד קיין צפון, באַלד קיין דרום־זייט. ער איז געפלויגען ביז דרייסיג מייל אַ שעה, פעלדער און וועלדער זענען פערשוואונדען געוואָרען פאַר זייערע אויגען.

— אַז איהר וועט מיר ערלויבען, האָט זיך דזשאָ אָנגערופען, דורכפליהענדיג דורך אַ דאָרף, וועל איך אַראָבוואַרפען אַ פלעשעל די

ליט אונטען, וואָס קוקען צו אונז אַרויף מיט אויסגעגלאָצטע אויגען, די גאַראַנים וועלען אוודאי פון איטליכען שטיקעל גלאָז זיך מאַכען אַ קמיע.

רעדענדיג אַזוי, האָט ער אַראָבגעוואָרפען אַ פלעשעל, וואָס איז צופלויגען אין טויזענד שטיקער און די אַלע ווילדע מענשען זענען זיך פאַר שרעק צולאָפען מיט אַ גרויס געשריי. אַביסעל ווייטער פליהענדיג האָט קענעדי אַ געשריי געטאָן.

— זעהט נאָר, עפּיס שטעהען דאָרטען צוויי בוימער איינער אויף דעם אַנדערען.

— דאָס איז אַ פייגענבוים, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, דער ווינד האָט אויף איהם פערטראָגען אַ ביסעל ערד מיט אַ קערנדיל פון אַ טייטעל-בוים, דאָס קערנדיל איז איינגעפלאַנצט געוואָרען און עס איז מיט דער צייט אַרויסגעוואַקסען דאָ אויבען אַ נייער בוים.

דער ווינד האָט אַ טראָג געטאָן דעם לופטבאַלאָן אַקעגען אַ וואַלד מיט זעהר הויכע בוימער.

— איהר חדושט זיך אוודאי, קוקענדיג אויף די באַנאַנענבוימער, וואָס זענען הויך הונדערט פופציג איילען, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען, נאָר אין די וועלדער פון אַמעריקע וואָלטען זיי אויסגעזעהן ווי קאַרליקעס. מחמת דאָרטען געפינט מען בוימער, פון צוויי הונדערט פופציג איילען די הויך, זעכציג איילען די גרעב און אַלט פיער טויזענד יאָהר.

דער לופטבאַלאָן איז אַריבער דעם וואַלד און געבלויגען איבער אַ דערפעל, וואָס דאָרט אין מיטען איז געוואַקסען אַ בוים. אונטער איהם איז געלעגען אַ גאַנצער הויפען מיט מענשענביינער און אויף דעם בוים אליין האָבען געשטעקט אַ סך שפּיזען מיט פרישׂ אָבגעהאַקטע מענשענקעפּ.

— דאָס זענען די קעפּ, וואָס די דאָרטיגע ליהדאָיעדען נעהמען אַראָב ביי זייערע שונאים אין דער מלחמה.

דאָס דאָרף מיט די אָבגעהאַקטע, פערבלוטיגטע קעפּ איז אויך באַלד פערשוואונדען געוואָרען, און דער לופטבאַלאָן איז שוין איבער-געפלויגען איבער איין אַנדער דאָרף, וואָס דאָרט האָט מען געזעהן

נאָך שרעקליכערע זאַכען. אויף אַ סך ערטער האָבען זיך געוואַלגערט טויטע מענשען, וואָס שאַקאַלען און היענען האָבען גענעסען זייער פלייש.

— דאָס זענען די פּגרים פון פערשולדיגטע, וואָס מען וואַרפט זיי אַרויס לעבעדיגערהייט פאַר די ווילדע חיות, זיי זאָלען זיי צורייסען, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט.

— טהוט נאָר אַקוק, האָט זיך דזשאָע אָנגערופען, עפּיס זעהט איך דאָרט זעהר שענע פייגעל, וואָס פליהען גלייך מיט אונזער לופטבאַלאָן.

— דאָס זענען אָדלערס, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, אַ קוק געבענדיג אויף זיין שפּאַקטיוו, — זאָל גאָט היטען, זיי זאָלען נאָהענט צו אונז קומען, זיי זענען פאַר אונז אַ סך ערגער, ווי אַלע ווילדע מענשען און חיות רעות, מחמת זיי קענען צוהאַקען דעם לופטבאַלאָן מיט זייערע שאַרפע פּיסקעס. נאָר דאָס גאַנצע גליק איז, וואָס זיי שרעקען זיך פאַר אונזער לופטבאַלאָן און נעהמען זיך אין איין אַנדער זייט.

— ווייסט איהר, וואָס מיר איז איינגעפאַלען, האָט דזשאָע גע-זאָגט, עס וואָלט נישט קיין קרומער פּלאַן געווען איינצושפּאַנען די אָדלערס אין אַ שיפּעלע, זיי זאָלען טראָגען אין דער לופטען.

— איבער דעם פּלאַן, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, האָט מען שוין אַ סך געקלערט, נאָר עס איז אָבער אונמעגליך אויסצופיהרען, מחמת די אָדלערס זענען זעהר איינגעשפּאַרט און לאָזען זיך נישט פיהרען ביי דער נאָז.

אַרום האַלבען טאָג האָט זיך דער ווינד אַביסעל געלעגט. „וויקטאָריע" איז שוין נישט אַזוי געשווינד געפלויגען און אונזערע רייזענדע האָבען געקענט גוט בעטראַכטען אַלע ערטער. אויף איין מאָל האָבען זיי דערהערט אַ שרעקליך געשריי מיט אַ פייפען, זיי האָבען געגעבען אַ קוק אַראָב און דערזעהן אַ מלחמה צווישען צוויי ווילדע פעלקער. טויזענדער פיילען זענען געפלויגען פון ביידע זייטען, כמעט אַלע זענען געווען אויסגעשמירט מיט בלוט פון די דערהרגעטע. אַ הויץ פיילען האָבען זיי זיך נאָך געשלאָגען מיט העק און מיט שפּיזען, קיים איז איינער געפאַלען, האָט מען איהם באַלד אָבגעשניטען דעם קאָפּ. ווייבער, וואָס זענען אויך געווען אויף דער מלחמה, האָבען צונויפגעקליבען די קעפּ

אין האָבען זיי אויסגעלעגט אויף ביידע זייטען פון דעם פעלד. די חייבער צחישען זיך האָבען זיך געשלאָגען איבער דעם קויב, איטליכע האָט געוואָלט פאַרנעהמען מעהר קעפּ.

ווי באַלד דער לופטבאַלאָן איז אַביסעל נעהענטער צוגעפלויגען, האָבען ביידע מחנות זיך אויף אַ מינוט אויפגעהערט צו שלאָגען און אויסגעשאָסען מיט עטליכע פיילען אין דער הויך. איין פייל האָט געקראַכט אַזוי נאָהענט, אַז דזשאָע האָט זי געכאַפּט מיט דער האַנד.

— איך וואָלט מיך זעהר געוואָלט אַריינמישען אין דער מלחמה, האָט קענעדי געזאָגט און האָט שטאַרק געטרעסעלט מיט דער ביקס אין דער האַנד.

— לאָמיר זיך ניט מישען אין פרעמדע עסקים, האָט איהם דער דאָקטאָר אָבגערעדט, און בעסער פליהען אונזער וועג.

דער עלטסטער פון איין מחנה איז געוועזען פּשוט אַ ריז, זעהר הויך געוואַקסען און געזונט. מיט איין האַנד האָט ער אַריינגעשטאָכען זיין שפּיז אין דער געדיכטער מחנה פון דעם שונא, מיט דער אַנדערער האָט ער פערטריבען זיינע פיינד מיט אַ האַק. פּלוצלים האָט ער אָבגעוואָרפען די שפּיז און צוגעלאָפען צו איינעם, האָט איהם אָבגעהאַקט די האַנד און טאַקי באַלד אָנגעהויבען זי צו עסען ווי אַ הונגעריגער וואָלף.

— אַזאַ אַכזריות קען איך שוין ניט אויסהאַלטען, האָט קענעדי אַ געשריי געטאָן מיט כעס, און האָט באַלד אויסגעשאָסען אויף דעם עלטסטען. ער איז אַנידערגעפאַלען טויט אויסגעשטרעקט מיט דעם פּנים אַרויף. ווי באַלד די אַנדערע מחנה האָט געזעהן, אַז דער גבור פון זייערע שונאים איז פּלוצלום געפאַלען מיט אַ מיתה משונה, האָבען זיי בעקומען נייעם קוראַזש, און האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען צו שלאָגען.

— לאָמיר געשווינד אַוועקפליהען, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, איך קען שוין דאָס מעהר נישט צו-זעהן.

דער לופטבאַלאָן האָט זיך פּאַמעליך אויפגעהויבען העכער, און אונזערע רייזענדע האָבען נאָך געקענט זעהן, ווי אַזוי די מענשען פון דער מחנה, וואָס האָט בייגעקומען, האָבען זיך געריסען צווישען זיך

איבער דעם פלייש פון די דערהערגעטע. עטליכע מינוט האָבען זיי נאָך געהערט דאָס שרייען און דאָס ליאַרמען פון דער מחנה, נאָר באַלד האָט זיי דער ווינד אַוועקגעטראָגען קיין מערב-זייט און דאָס אָרט פון דער בלוטיגער מלחמה איז פערשוואונדען געוואָרען פון די אויגען. דער לופטבאַלאָן איז דעם טאָג איינגעפלויגען הונדער מיט פופציג מייל און ווי די נאַכט איז צוגעפאַלען, האָבען זיך די רייזענדע צוגעשטעלט נעכטיגען.

יב.

ביי נאַכט איז געווען שטאָק-פינסטער, אַז מען האָט ניט געזעהן די וועלט. דער דאָקטאָר האָט קוים געקענט זעהן דעם שטאַרק הויכען בוים, אין וועלכען ער האָט פעראַנקערט זיין לופטבאַלאָן. ער האָט זיך, ווי תמיד, צום ערשטען אַנידערגעשטעלט אויף דער וואַך פון זייגער ניין, און אַרום האַלבערנאַכט איז קענעדי געקומען זיך שטעלען אויף זיין אָרט.

— האַלט נאָר קאָפּ און היט זיך למען השם גוט צו, — האָט דער דאָקטאָר ביים אַוועקגעהן קענעדי'ן אָנגעזאָגט. — קיין סכנות לעת עתה זעה איך אַפילו נישט, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז פון אונטען האָב איך געהערט עפּיס ווי אַ קול. ווען עס וועט זיך חלילה עפּיס מאַכען, זאָלסטו מיך באַלד אויפוועקען.

דער דאָקטאָר איז אַריינגעגאַנגען אין דער פּאַלאַטקע, האָט זיך איינגעוויקעלט אין דער קאָלדרע, און איז באַלד אַנשלאָפען געוואָרען. דער הימעל איז געוועזען בעדעקט מיט געדיכטע וואָלקען, קיין לופטעל האָט זיך ניט גערידהרט, אַרום און אַרום איז געוועזען שטיל, מען האָט קיין שאָרך, קיין פּיפּס ניט געהערט. קענעדי איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף זיין ביקס און האָט געקוקט אויף דעם גאַז-רעהריל. דאָס שרעקליכע פינסטערניש האָט געוואָרפען אויף איהם אַ מרה שחורה און אַלערליי טרויערדיגע געדאַנקען זענען איהם געקומען אין קאָפּ אַריין. עפּיס האָט אַ בלישץ געטאָן פון דער ווייטענס פאַר זיינע אויגען און איז באַלד פערשוואונדען געוואָרען ווי אַ בליץ. קענעדי אָבער האָט זיך גאָרנישט דערויס געמאַכט, מחמת אַזעלכס פינקלט אַ מאָל דאָס אויג אין דער פינסטער, און האָט זיך טאַקי ווייטער אַריינגעלאָזט אין זיינע געדאַנקען. פּלוצלים האָט אַ שרעקליכער קוויטש פערהילעכט זיינע אויערן. קענעדי האָט פערשטאַנען, אַז דאָס איז עפּיס ניט גלאַט און געהאַט במחשבה

אויפצוועקען זיינע פריינד, נאָר באַלד האָט ער זיך צוריק געהאַלטען, עס מעג זיין, דאָס שרייען חיות אָדער מענשען, זיי זענען דאָך אָבער זעהר ווייט. ער האָט בעטראַכט זיין ביקס און זיך גענומען קוקען דורך דעם שפּאַקטיוו, טאָמער וועט ער עפּיס דערזעהן. באַלד האָט זיך איהם אויסגעוויזען ווי עמיצער קאַראַפּקעט זיך אונטען שטילערהייט צו דעם בוים, און אַז אַ שטיקעל לבנה האָט אַרויסגעשיינט צווישען צוויי חמאַרעס איז איהם גרינג געוועזען צו דערקענען, ווי געשטאַלטען פון מענשען ריהרען זיך אין דער פינסטער. די מעשה מיט די מאַלפּעס זענען איהם געקומען אויף די געדאַנקען. האָט ער אָן שיהות אַ טאָרע געטאָן דעם דאָקטאָר און ער איז באַלד אויפגעשטאַנען.

— וואָס איז, האָט דער דאָקטאָר אַ פרעג געטאָן, שוין עפּיס בייעם.

— שאַ, שטילער, האָט קענעדי געזאָגט, לאָמיר אויפוועקען דושאָען.

אַז דושאָע איז נאָר אויפגעשטאַנען, האָט קענעדי דערציילט אַלץ וואָס ער האָט געזעהן. עס איז געבליבען, אַז קענעדי און דושאָע זאָלען מיט דעם לייטעריל אַראָבגעהן אויף דעם בוים, דער דאָקטאָר זאָל בלייבען און צוגרייטען אַלצדינג, מען זאָל קענען אַוועקפליהען, אַז ס'וועט אויסקומען ענג. דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלען זיך ניט איילען צו שיסען, סיידען ווען מען וועט שוין מוזען. זיי האָבען איהם צוגעזאָגט, און זיך פּאַמעליך אַראָבגעלאָזט אויף אַ צווייג פון דעם בוים. פּלוצלים האָבען זיי דערהערט ווי עמיצער קריכט אויף דעם בוים. עס איז אָבער געוועזען אַזוי פינסטער, אַז מען האָט נאָר ניט געקענט זעהן. דושאָע האָט זיך איינגעבויגען צו קענעדי'ן און האָט איהם איינגערוימט שטילערהייט, אַז דאָס קריכען נעגערן.

עס איז טאַקי אמת געוועזען. אויף דעם בוים האָבען זיך אַרויפגעדראַפּעט שטיל, ווי די שלאַנגען, עטליכע נעגערן, וואָס דושאָע האָט זיי דערקענט אין דעם ריח פון דעם פערשטונקענעם חלב, מיט וועלכען זיי שמירען זיך זייערע לייבער. באַלד האָבען זיך אַרויסגעשטעקט צוויי שוואַרצע קעפּלעך פּונקט אַקעגען דעם צווייג, וואָס אונזערע רייזענדע זענען דאָרט געזעסען.

— שיס אויס, דושאָע, האָט קענעדי אַ געשריי געטאָן.

און באַלד מאַקי האָבען צווי ביקסען אַ קלאַפּ געטאָן ווי אַ דונער, די צוויי נעגערן זענען אַראָבגעפאַלען און די איבעריגע שייקע איז זיך צולאָפען. קיים איז נאָר שטיל געבליבען, האָבען זיי דערהערט, ווי איינער שרייט מיט אַ יאָמערדיג קול אויף פראַנצויזיש: ראַטעוועט, ראַטעוועט. קענעדי און דזשאָע זענען גיך אַרויפגעקלעטערט צום דאָקטאָר און האָבען איהם געפרעגט, אויב ער האָט אויך געהערט דאָס געשריי

— יאָ, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, דאָס איז אודאי, נעבעך, איין אומגליקליכער פראַנצויז אַריינגעפאַלען צו די ווילדע אין די הענד אַריין. מיט דעם טאָג גלייך וועלען מיר זעהן אַלצדינג טאָן איהם צו ראַטעווען. פאַר די נעגערן האָבען מיר ניט וואָס מורא צו האָבען, מחמת זיי זענען אַנטלאָפען געוואָרען פאַר אַ שאָס, איז אַ סימן אַז זיי ווייסען נאָך גאָר ניט, וואָס איז אַזוינס אַ ביקס.

— נאָר באַלד אין מיטען שמועס האָט מען ווידער דערהערט דאָס אייגענע קול: ראַטעוועט, ראַטעוועט.

— קום גיכער, דזשאָע, האָט זיך קענעדי אָנגערופען, ווארום די ווילדע וועלען איהם נאָך היינטיגע נאַכט דערהרגענען.

— יאָגט זיך ניט, מיינע פריינד, האָט זיי דער דאָקטאָר געבעטען, פון אייער איילעניש וועט קיין גוטס ניט אַרויסקומען. איך קען אייך פערזיכערן, אַז ביז טאָג וועט דעם אומגליקליכען נאָך גאָר נישט געשעהן, מחמת די ווילדע הרגענען זייערע געפאַנגענע נאָר ווען די זון שיינט. איך קען אייך צוליעב טאָן און איהם צו וויסען געבען, אַז מיר וועלען איהם העלפען.

— דער דאָקטאָר האָט דורך אַ רעהר אַ הויכען געשריי געטאָן אויף פראַנצויזיש.

— זייט רוהיג דאָרטען, גוטער איהר זייט דריי פריינד וועלען אייך קומען ראַטעווען.

דעם דאָקטאָרס קול האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסען געפילדער צווישען די נעגערן, אַז אַלע זענען אזש פערציטערט געוואָרען.

— גוואַלד, מען שניידט איהם, מען קוילעט איהם, האָט קענעדי אַ געשריי געטאָן, לאָזט מיך אָב, איך וועל איהם געהן ראַטעווען.

— יאָג זיך פאָרט ניט, מיין פריינד, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, דו קענסט נאָך אויך אַריינפאַלען אין אומגליק, איך האָב שוין בעקלערט אַ פּלאַן, ווי אַזוי איהם צו העלפען. מיר וועלען איהם אַרויפכאַפּען צו אונז אויף דעם לופטבאַלאָן און אַראָבוואַרפען, וועדליג ער דאַרף וועגען, אַ הונדערט מיט דרייסיג פונט משא, פון אונזערע זעקלעך זאַמד, און אַז מען וועט זיך דאַרפען גאָר געשווינד אויפהייבען, וועלען מיר די איבעריגע זיבעציג פונט אויך אַראָבוואַרפען. עס וועט אונז אפילו שלעכט זיין צום אַראָבלאָזען, ווען מיר וועלען פערלירען די גאַנצע משא, מען וועט דאַרפען דערביי אַרויסלאָזען אַביסעל גאַז, וואָס ער איז ביי אונז זייער טייער, נאָר וואָס קען מען אָבער בעסער מאַכען.

— עס איז אַלץ רעכט, האָט קענעדי געזאָגט, נאָר וואָס טהוט מען מיט דעם פינסטערניש.

— דאָס איז שוין מיין עסק, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, גרייט נאָר אָן די משא צום אַראָבוואַרפען און לאָדט אָן אַלע ביקסען.

אַז אַלצדינג איז שוין געוועזען פאַרטיג, האָט דער דאָקטאָר ווידער געזאָגט:

— דו, דזשאָע, וועסט אַראָבוואַרפען די משא, אַז מיר וועלען צוקומען צו דער שייקע, און קענעדי וועט אויסכאַפּען דעם געפאַנגענעם, נאָר קיין שום זאַך זאָלט איהר ניט טאָן ביז איך וועל אייך היסען.

— דזשאָע האָט זיך אַראָבגעלאָזט, און אָבגעבונדען דעם אַנקער און באַלד צוריק אַריין אין שיפעל.

דער דאָקטאָר האָט אַרויסגענומען פון אַ זעקעל צוויי גרויסע שטיקער אָבגעלאָשענע קוילען און זיי אַריינגעפּראַוועט ביי די שפּיצען פון די צוויי דראָטען, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען פון זיין עלעקטרישע מאַשינע. קענעדי און דזשאָע האָבען דאָס אַלצדינג אָנגעקוקט און נאָרנישט פערשטאַנען, וואָס זאָל עס בעטייטען. נאָר באַלד אָבער האָט זיך דער דאָקטאָר געשטעלט אין מיטען שיפעל און צוגעלעגט ביידע אַרויסגעשטעקטע קוילען איינס צום אַנדערען, האָט זיך צווישען זיי תיכף בעוויזען אַזאַ ליכטיג פייער, אַז עס האָט פאַרבלענדט די אויגען. דאָס איז געוועזען איין עלעקטריש פייער, וואָס האָט זיך צולאָזט ווי אַ גרויסער סנאָפּ און

געשיינט אַרום און אַרום ווי די שיינענדיגע זון אין מיטען העלען טאָג, קענעדי און רושאָע האָבען אַ געשריי געטאָן, אַז זיי האָבען פּלוצלים דערזעהן אַזאַ שין פייער.

— שווייגט שטיל, האָט דער דאָקטאָר צו זיי אַ ווינק געגעבען מיט דער האַנד.

יד.

דער דאָקטאָר פּערטיסאָן האָט געלאָזט שיסען דעם פייערדיגען טאָפּ אויף דעם אָרט, פון וואַנען מען האָט פריהער פערנומען דאָס וויינענדיגע קול. דער בוים באַאָבאַב, פון וועלכען דער לופטבאַלאָן האָט זיך אָבגעטשעפּעט און איבער איהם געשוועבט אַלץ אויף איין אָרט, איז געשטאַנען אויף אַ פעלד, פערוואַקסען מיט ציטרינג און ווילדע עלבירטען. אַרום איהם האָבען זיך געפונען אַ סך געצעלטען און נעבען זיי איז געוועזען אַ צונויפלויפעניש פון פיעל מענשען. אַ פופציג איילען אונטער דעם לופטבאַלאָן איז געשטאַנען אַ תליה. נעבען איהר האָט מען געזעהען אַ מענשען פון אַ יאָהר דרייסיג כמעט נאַקעט, אויסגעדאַרט, פערבלוטיגט און פול מיט וואונדען. די נעגערן האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען, אַז זיי האָבען דערזעהן דעם לופטבאַלאָן, וואָס האָט אַ פּנים געהאַט ווי אַ קאָמעט מיט אַ לאַנגען פייערדיגען בעזעם. דער אומגליקליכער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ אין דער הויך, אַז די נעגערן האָבען פּלוצלינג אָנגעהויבען שרעקליך צו שרייען.

— ער לעבט נאָך, — האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען, — די ווילדע, זעה איך, האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען, מיר וועלען איהם מיט גאָטס הילף מציל זיין. שטעהט נאָר גרייט, מיינע פריינד, און דו, רושאָע, פאַרלעש דאָס נאָז-רעהריל, דער לופטבאַלאָן זאָל זיך קענען נידעריגער אַראָבלאָזען.

דער לופטבאַלאָן האָט זיך פּאַמעליך אַראָבגעלאָזט צו דעם אָרט, אויף וועלכען דער געפאַנגענער איז געשטאַנען. דער דאָקטאָר האָט אַזוי געהאַלטען דאָס פייער. אַז דער פונקעלדיגער בעזעם איז געפאַלען פונקט אַקעגען די נעגערן, ער האָט זיי נאָר פערבלענדט די אויגען, אַז זיי זענען זיך פאַר שרעק צולאָפען אין די געצעלטען. עטליכע נעגערן, וואָס האָבען מורא געהאַט, אַז דער געפאַנגענער זאָל זיך ניט אַרויסגליטשע

פון זייערע הענד, האבען זיך געמאכט הארץ, און צוריק ארויסגעלאפען צו דעם לופטבאלאן, וואס ער איז ש״ין געשטאנען הארט ביי דער ערד. קענעדי האט זיך געחאפט צו דער ביקס, נאר דער דאקטאר האט איהם נים געהייסען שיסען. דער געפאנגענער איז געשטאנען אויף די קניע און האט קיין כח נים געהאט זיך אויפצוהייבען אויף די פיס. קוים האט זיך דאס שיפעלע צוגעריהרט צו דער ערד, האט איהם קענעדי א חאפ געטאן צו זיך, און דושאָע האט דערווייל געשווינד ארויסגעווארפען פון דעם שיפעלע די זעקלעך מיט זאמד. דער דאקטאר האט געמיינט, או ער וועט אוועקפליהען אין דער הויך זעהר גיך, נאר ווי באלד אבער דער לופטבאלאן האט זיך אויפגעהויבען אויף צוויי איילען פון דער ערד, איז ער געבליבען שטעהן אין דער לופט. דער דאקטאר איז געוועזען אויסער זיך פאר שרעק, או ער האט עס געזעהן, און עטליכע ווילדע זענען שוין צוגעלאפען צו דעם שיפעלע מיט א ליארעם.

— אך, האט דושאָע א געשריי געטאן, אראבקוקענדיג אונטען. א שווארצער רוח האט זיך אנגעטשעפעט אין דעם שיפעלע.

— גיכער, קענעדי, האט דער דאקטאר געגעבען א געשריי, גיכער דאס קעסטעלע מיט וואסער.

— קענעדי האט זיך אנגעשטויסען, וואס מען מיינט, האט באלד גענומען דאס קעסטעלע וואסער, וואס האט געוועגען מעהר פון הונדערט פונט, און עס ארויסגעשליידערט אויף דער ערד. דער לופטבאלאן איז געווארען פלוצלים גרינגער און האט זיך א הייב געטאן אויף הונדערט מיט פופציג איילען איבער דער חאפטע נעגערן, וואס פאר זייערע אויגען איז דער געפאנגענער פערשוואונדען צווישען פייערדיגע שטראהלען. פלוצלים האט דער לופטבאלאן ווידער א שפרונג געטאן אין דער הויך און האט זיך אויפגעהויבען אויף פינף הונדערט איילען הייטער.

— שרעקט זיך נים, האט דער דאקטאר גאנץ רוהיג געזאגט, דאס האט אונז דער נעגער שוין אוועקגעווארפען און גרינגער געמאכט דעם לופטבאלאן.

— אז דושאָע האט זיך אראבגעבויגען, האט ער נאך געקענט זעהן, ווי אזוי דער ווילדער דרעהט זיך אין דער לופט, צושפרייט מיט די הענד און מיט די פיס, און ווי ער איז מיט א מאל אראבגעפאלע

אויף דער ערד און צוזעצט געווארען. דער דאקטאר האט באלד צונומען די קוילען, ס׳איז ווידער געווארען שטאק-פינסטער. עס איז געוועזען זייער נאך איינס בײַ נאכט. דער פראנצויז, וואס האט, נעבעך, אלץ נע׳חלש׳ט, האט לסוף געעפענט די אויגען.

— בערוהיגט זיך, האט איהם דער דאקטאר געזאגט. איהר זייט ניצול געווארען.

— יא, איך בין ניצול געווארען פון א שרעקליכען טויט, האט ער געענטפערט אויף ענגליש, איך דאנק אייך זעהר מיינע ברידער. נאר איך פיהל, אז איך וועל שוין לאנג נים לעבען

און באלד מאקי איז ער אין חלשות געבליבען.

— ער איז, נעבעך, שטארק אבגעשוואכט, — האט דער דאקטאר געזאגט, לאמיר איהם אריינטראגען אין דער פאלאטקע אריין.

זיי האבען איהם אנידערגעלעגט אויף די קאלדרעס, דאס גאנצע לייב איז ביי איהם געוועזען צושניטען מיט מעסערס, פארברענט, פערבראטען פון צוגליהעטע אייזענס. דער דאקטאר האט איהם אבגעוואשען די וואונדען מיט וואסער און זיי אלע פערבונדען ווי עס געהער צו זיין. דערנאך האט ער איהם אריינגעגאסען עטליכע שטארקע טראפען אין מויל אריין, און דער קראנקער האט זיך אביסעל דערמינטערט.

— איצט, האט דער דאקטאר געזאגט, דארף מען איהם נאר צו רוהע לאזען, אפשר וועט גאט העלפען, אז דורך דער ריינער לופט און אונזער השגחה וועט ער געזונד ווערען

דער לופטבאלאן, וואס האט געהאט איצט אויף זיך ווייניגער מיט הונדערט און אכטציג פונט משא, האט זיך געהאלטען גאנץ הויך, דער האר טשע דער נאז איז נים געוועזען אזוי שטארק דערווארעמט. מיט דעם טאג גלייך האט דער ווינד א טראג געגעבען דעם לופטבאלאן מעהר קיין מערב-זייט. דעם גאנצען טאג איז דער קראנקער געלעגען פי אין הינער פלעט, נאר צייטענווייז האט ער שטארק געזיפצט. אז עס איז נאר נאכט געווארען, האט זיך דער לופטבאלאן אנידערגעשטעלט. די גאנצע נאכט האבען אלע אכטונג געגעבען אויף דעם קראנקען, אין דער פריה האט זיך געשטעלט א שענער טאג און דער לופטבאלאן איז אוועקגעפלויגען

קיין מערב־זייט. דער קראַנקער איז צו זיך געקומען און האָט אַריינ־ געבעטען זיינע נייע פריינד.

— ווי פיהלט איהר זיך ? — האָט איהם דער דאָקטאָר געפרעגט.

— איך פיהל מיך עפּיס בעסער — האָט ער געענטפערט — נאָר מיר ווייזט זיך אויס אַלצדינג ווי אַ חלום, איך געדענק גאָרנישט, וואָס עס האָט זיך מיט מיר פּאַסירט. איך בעט אייך, מיינע פריינד, זאָגט מיר, ווער איהר זייט, איך זאָל קענען פאַר אייך גאָט בעטען.

— מיר זענען ענגלענדער — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט — און פרייווען זיך איבערפליהען אַפריקא אין אַ לופטבאַלאָן. אויף דעם וועג האָט אונז גאָט באַשערט אייך מציל צו זיין, נאָר זאָגט אונז ווער זענט איהר.

— איך בין אַ פראַנצויז — האָט דער קראַנקער געענטפערט, מיך האָט אַ חברה געשיקט קיין אַפריקא אַראָפּצופיהרען די ווילדע נעגערן פון זייער נאַרישער נאמנה. פינף יאָהר בין איך שוין דאָ נע־וגד און ווייס גאָרנישט, וואָס טהוט זיך אין מיין לאַנד. דערצעהלט מיר עפּיס פון אונזער איירָאפּע, דערצעהלט מיר עפּיס פון מיין פראַנק־ רייך.

דער דאָקטאָר האָט איהם צוליעב געטאָן און האָט איהם דער־ צעהלט אַ סך זאַכען, וואָס אין די פינף יאָהר איז געשעהן אין איירָאפּע.

דער קראַנקער האָט מיט גרויס תענוג צוגעהערט דעם דאָקטאָרס רעד און טרעהרען האָבען זיך איהם געגאָסען פון די אויגען. דער דאָקטאָר האָט איהם באַלד געמאַכט עטליכע גלעזלעך טעע, און אַז דער קראַנקער האָט זיי אויסגעטרונקען, איז ער געקומען אַביסעל צו די קרעפטען, האָט ער זיך אויפגעזעצט מיט אַ שמייכעל פאַר שמחה, וואָס ער געפינט זיך צווישען גוטע מענשען און אין אַזאַ ריינער לופט.

— גאָט וועט אייך אודאי העלפען, — האָט ער זיך אָנגערופען — איהר ,וועט מאַכען אייער רייזע און קומען בשלום אַהיים צו אייערע קרובים, צו אייערע פריינד אין אייער לאַנד אַריין.

ער האָט געוואָלט ווייטער רעדען, נאָר ער איז אַזוי מאַט גע־

וואָרען, אַז מען האָט איהם נעמוזט ווידער אַנידערלעגען. עטליכע שעה נסדר האָט איהם דער דאָקטאָר געהאַלטען אויף די הענד און געפיהלט ווי די נשמה געהט איהם אויס. ער האָט איהם נאָך אַ מאָל אָבגעוואַשע די וואונדען און דערויף פערניצט אַ סך פון דעם אָנגעגרייטען וואַסער און ווידער זיי פערבונדען. דעם קראַנקען איז בעסער געוואָרען, און אַ ער איז געקומען צו זיינע געדאַנקען, האָט ער אָנגעהויבען צו דערצעה לען, וואָס מיט איהם האָט זיך געטאָן די גאַנצע צייט אין אפריקא. פאַר גרויס שלאַפקייט האָט ער געמוזט אַלע מינוט אויפהערען צו רעדען, נאָר פון דעם ביסעל ווערטער האָט מען שוין געקענט וויסען זיין גאַנצע געשיכטע.

דער אומגליקליכער פראַנצויז איז געבאָרען פון אָרעמע עלטערן אין דעם דאָרף אַראַדאָן. ביי עטליכע און צוואַנציג יאָהר איז ער אוועק פון זיין לאַנד קיין אַפריקא. מיט גענוג צרות און סכנות איז ער געקו־ מען אָרעם און נאַקעט צו די פעלקער, וואָס זיצען נעבען די קוועלען פון דעם טייך נילוס. צוויי יאָהר כסדר איז ער געפאַנגען געוועזען ביי זעהר אַ ווילד פאָלק, און חאָטשע ער האָט דאָרטען געהאַט פיעל צרות אויסצושטעהן, פונדעסטוועגען האָט ער קיין מורא נים געהאַט זיי צו זאָ־ גען דעם אמת, ווי פערפיהרט זיי זענען אין אַ סך נאַרישקייטען. אין איי־ נער פון די שרעקליכע מלחמות, וואָס דאָרטען הערען כמעט נים אויף, איז דאָס ווילדע פאָלק אינגאַנצען גע׳הרג׳עט געוואָרען, די וואָס זענען געבליבען לעבען, זענען אַנטלאָפען. ער איז אויך לעבען געבליבען און האָט זיך געלאָזט אַלץ ווייטער. די בעסטע צייט איז געוועזען פאַר איהם וואָס מען האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ משוגענעם. צוויי יאָהר האָט ער געוואַנדערט אין די ווילדע לענדער, ער האָט זיך אויסגעלערענט דאָס דאָרטיגע לשון און האָט געשטראָפט אומעדום די פעלקער, ביז וואַנען ווילען זיי זיך בוקען צו די אָבגעטער. דאָס לעצטע יאָהר האָט ער צוי־ געבראַכט ביי די מענשענפרעסער ניאַם־ניאַם. אַז זייער עלטסטער איז פּלוצלים געשטאָרבען, האָבען זיי איהם אין דעם שולדיג געמאַכט און געוואָלט טויטען. פערציג שעה כסדר האָבען זיי איהם געפּייניגט און גע־ האָט ברעה איהם אויפצוהענגען, אויף דעם אַנדערן טאָג, ווען די זון וועט שיינען. אַז ער האָט דערהערט ביי דער נאַכט אַ שאָס פון אַ ביקס, האָט ער אָנגעהויבען צו שרייען: ראַטעוועט, ראַטעוועט! מיר טהוט נים באַנג דאָס לעבען אויף דער נאַרישער וועלט, האָט ער צום סוף געזאָגט. וואָרום מיין נשמה גיב איך איבער איז גאָטס האַנד

— לאָזט זיך נישט אָב, האָט איהם דער דאָקטאָר געטרייסט, איהר וועט נאָך מיט גאָטס הילף געזונד ווערען.

— אַזוי פיעל פערלאַנג איך גאָר ניט פון גאָט, האָט דער קראַנקער געענטפערט, איך לויב זיין ליבען נאָמען דערפאַר, וואָס פאַר מיין טויט האָב איך זוכה געווען צו זעהן מענשען פון איראָפּע און הערען דאָס לשון פון מיין טייער לאַנד.

דער קראַנקער איז ווידער זעהר שוואַך געוואָרען און האָט אויפ־געהערט צו רעדען. אַזוי איז פערגאַנגען דער גאַנצער טאָג. קענעדי איז זעהר טרויעריג געוועזען און דזשאָע האָט אַלעמאָל געווישט די אויגען. "וויקטאָריע" איז זעהר שטיל געשוואומען אין דער לופט און עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דער ווינד האָט רחמנות און וויל ניט בעאומרוהיגען דעם אומגליקליכען קראַנקען

פאַר־נאַכט האָט דזשאָע אָנגעוויזען, ווי העט אין מערב־זייט איז דער הימעל אינגאַנצען רויט ווי פייער.' דער דאָקטאָר האָט עס גוט בע־טראַכט און געזאָגט, אַז די רויטקייט קומט פון אַ באַרג, וואָס וואַרפט פון זיך אַרויס אַ גאַנצען גיהנום פייער.

— זעהר שלעכט, האָט זיך קענעדי אָנגערופען, דער ווינד טראָגט אונז פּונקט אַקעגען דעם פייערשפּייעדיגען באַרג. גוט, וואָס מיר זענען האָטש אין דער לופט, וואָרום אונטען נעהער זיין אַ שרעקליכע ערד־ציטערניש.

— אַזוי ווי דו האָסט איצט ניט מורא פאַר די ערדציטערניש, אַזוי דאַרפסט דו אויך ניט מורא האָבען פאַר דעם פייערשפּייעדיגען באַרג, האָט איהם דער דאָקטאָר געענטפערט, מיר וועלען איהם אם ירצה השם בשלום אַריבערפליהען.

אין דריי שעה אַרום איז דער לופטבאַלאָן שוין געוועזען נאָהענט פון דעם באַרג, וואָס אויבען דורך זיין שרעקליך ברייט מויל האָט די ערד אַרויסגעוואָרפען פון אינוועניג גאַנצע טייכען מיט צושמאָלצענע מאַ־טריאַלען אינאיינעם מיט צוגליהעטע שטיינער, וואָס זענען געפלויגען שטאַרק הויך אין דער לופט. טייכען פייער האָבען אַרויסגעזעצט איינס נאָך דאָס אַנדערע. עס איז געוועזען זעהר שרעקליך, אָבער פאָרט זעהר שען פאַר דעם אויג. דער דאָקטאָר האָט שטאַרק דערהיצט דעם גאַז, דער לופטבאַלאָן האָט זיך אויפגעהויבען אויף דריי טויזענד איילען און איז העכער פון די אַלע פייערדיגע זיילען אַריבערגעפלויגען בשלום.

דער קראַנקער האָט נאָך פון זיין טויטענבעט געקענט בעטראַכטען

דעם באַר.. וואָס פון זיין מויל זענען אַרויסגעפלויגען טויזענדערליי פיי־ערדיגע צונגען און האָבען פאַרבלענדט די אויגען מיט זייער ליכטיגקייט.

— אַך ווי גרויס זענען גאָטס וואונדער, האָט ער געזאָגט, זיינע מעשים זענען גאָר אָהן אַ עק, שען אפילו ווען זיי זענען שרעקליך.

די טייכען צושמאָלצענע מאַטריאַלען האָבען בעדעקט אינגאַנצען דעם באַרג מיט פלאַמען, דער לופטבאַלאָן האָט אויך געשיינט פון דעם פייער אין דער פינסטערער נאַכט. דער דאָקטאָר האָט זיך געאיילט צו אַנטלויפען פון דעם שרעקליכען אָרט. אַרום זייגער צעהן ביי נאַכט האָבען אונזערע רייזענדע שוין געזעהן דעם באַרג פון דערווייטענס ווי אַ קליין שטע־רענדיל. דער לופטבאַלאָן האָט זיך גאַנץ רוהיג אַראָבגעלאָזט אַביסעל נידעריגער.

ט.

די נאַכט איז געהעזען ווידער אַ שענע, און דער קראַנקער איז מחמת גרויס שלאַפקייט שטיל אַנשלאָפען געוואָרען.

— ער וועט אויסגעהן אויף אונזערע הענד, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען מיט אַ פערביטערט הארץ, קוים, נעבעך, וואָס ער זשיפּעט און איך קען איהם נאָר ניט העלפען.

— אַ שאָד אַזאַ טייערער מענש, — האָט דזשאָע געזאָגט מיט אַ טיינענדיג קול, — די רוצחים האָבען איהם אַזוי געטוטשעט און ער בעט נאָך פאַר זיי גאָט, ער זאָל זיי מוחל זיין. אַזוי יונג און האָט אַזוי פיעל געליטען, נאָר באַלד וועט איהם דער טויט אויסלייזען פון אַלע צרות און זיין נשמה וועט אודאי קומען גלייך אין גן עדן אַריין.

דער קראַנקער האָט אָנגעהויבען שווער צו אָטהמען און האָט געבעטען אַ ביסעל פרישע לופט. מען האָט אויפגעעפענט דעם פאָרהאַנג פון דער פאַלאַטקע, האָט זיך דער קראַנקער גאָר דערקוויקט.

— מיינע פריינד, — האָט ער גאַנץ שטיל געזאָגט, — איך שטאַרב שוין, לאָז איך גאָט בעלוינען דערפאַר, וואָס איהר האָט מיט מיר געטאָן און איך ברענגען גליקליך אַ היים. איך זעה שוין דעם טויט פאַר די אויגען, נאָר דאָס איז דער אָנהייב פון דעם אייביגען לעבען אויף יענער וועלט און דער סוף פון אַלע צרות אויף דער וועלט. הייבט מיך אַביסעל אויף, מיינע פריינד, לאָם איך קענען וידוי זאָגען.

קענעדי האָט איהם אַביסעל אויפגעהויבען, דער קראַנקער האָט געבענשט זיינע פריינד, אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און שטילערהייט וידוי געזאָגט. אין מיטען זאָגען איז ער געפאַלען אויף קענעדי'ס הענד און געשטאָרבען.

— מאָרגען אין דער פריה, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען

מיט אַ זיפץ, וועלען מיר איהם מקבר זיין אין דעם לאַנד, וואָס איז בעפלעקט געוואָרען מיט זיין בלוט.

— די גאַנצע נאַכט זענען אַלע געזעסען נעבען דעם מת, האָבען צווישען זיך קיין וואָרט ניט גערעדט, נאָר געוויינט.

אַז עס איז טאָג געוואָרען, איז דער לופטבאַלאָן געפלויגען איבער אַ טרוקען לאַנד, וואָס מען האָט דאָרטען ניט געזעהן קיין שום געוויקס, קיין טראָפּען וואַסער, נאָר הימעל און ערד און אויסגעלאָשענע פייער-שפייענדיגע בערג. אַרום האַלבענטאָג האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגעהויבען אַראָבצולאָזען, נאָר ער האָט שוין איצט געמוזט דערביי אַרויסלאָזען אַביסעל גאַז, מחמת עס האָט איהם געפעהלט די משאַ, וואָס מען האָט פריהער אַרויסגעוואָרפען. ווי באַלד דאָס שיפעלע האָט זיך צוגעריהרט צו דער ערד, האָט עס דזשאָע אָנגעפילט מיט שטיינער, ביז פינף הונדערט פונט משאָ, דער לופטבאַלאָן איז געבליבען שטעהן, און אונזערע רייזענדע זענען אַרויסגעגאַנגען. די שטיינער, וואָס מען האָט אַריינגעלעגט אין דעם שיפעל, זענען געוועזען עפּיס צו שווער פאַר זייער גרויס, דאָס איז געפאַלען דעם דאָקטאָר אין די אויגען. דזשאָע און קענעדי האָבען אויסגעגראָבען דעם קבר און די היץ האָט אין דרויסען געברענט ווי אין אַ קאַלכאויוועז. זיי האָבען מקבר געוועזען דעם מת און אַרויפגעלעגט אויף זיין קבר אַ גאַנצען הויפען מיט שטיינער. דער דאָקטאָר איז די גאַנצע צייט געשטאַנען פערטראַכט, און האָט אפילו ניט געהערט, ווי קענעדי רופט איהם.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פערטראַכט? — האָט קענעדי געפרענט צו-געהענדיג צו איהם.

— איך טראַכט, וואָס פאַר אַ זעלטענע זאַכען עס קענען געשעהן אין דער וועלט. דער אומגליקליכער פראַנצויז, וואָס האָט זיך אָבגעזאָגט פון דער וועלט און זיך ניט זאַט אָנגעגעסען מיט קיין שטיקעל ברויט, ליגט איצט בעגראָבען אין אַ גאָלדענעם קבר. די אַלע שטיינער, וואָס וואַלגערען זיך דאָ אונטער אונזערע פיס, זענען ריין גאָלד

קוים האָט עס דזשאָע דערהערט, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן ווי אַ משוגענער צוזאַמענצוקלייבען די שטיינער

— וואָס טויג דיר דאָס גאָלד, האָט איהם דער דאָקטאָר געזאָגט אַז מיר קענען עס ניט מיטנעהמען.

— וואָס הייסט, האָט דזשאָע אַ געשריי געטאָן, אַוועקוואַרפן אַזאַ אוצר? אַ קלייניגקייט עפּיס! עס איז מיר אודאי זעהר ביטער, אַז איך קען ניט פאַרנעהמען איננאַנצען דאָס גאָלד, וואָס דאָ געפינט זיך, נאָר לכל הפחות לאָזט מיך האָטשע אַזוי פיעל מיטנעהמען, וויפיעל מיר דאַרפען האָבען משא.

— האָסט עס גע'פועל'ט, האָט איהר דער דאָקטאָר געענטפערט, נאָר זעה, עס זאָל דיך ניט אַרען, אַז מען וועט דאַרפען אויף דער רייזע אַראָבוואַרפען עטליכע טויזענד רענדלעך פון דיין גאָלד.

דזשאָע האָט גאָרנישט געענטפערט און אָנגעהויבען אָנצופילען דאָס שיפעלע מיט גאָלדענע שטיינער.

דער דאָקטאָר האָט דערווייַלע אָבגעמאָלט אויף פאַפיר דאָס שטיקעל לאַנד, וואָס דאָרטען איז געלעגען אַזאַ אַיין עשירות, וואָס וואָלט געקענט רייך מאַכען אַ האַלבע וועלט, און בײַ זיך האָט ער געטראַכט, אַז מיט פערגניגען וואָלט ער אַוועקגעגעבען דאָס גאַנצע גאָלד פאַר איין קעסטעלע וואַסער, וואָס מען האָט אַרויסגעוואָרפען בשעת דער נעגער האָט זיך אָנגעטשעפּעט אין שיפעלע, ווײַל דאָס וואַסער האָט מען נייטיג געדאַרפט האָבען אי צום גאַז־רעהריל אי צום טרינקען און דאָ, האָט ער געזעהן, קומט איהם אויס צו פליהען אין אַזאַ טרוקען ווינקעל, וואָס דאָרטען איז ניטאָ קיין טראָפּען וואַסער.

אַז אַלע האָבען זיך אַרײַנגעזעצט אין דעם שיפעל און דער דאָקטאָר האָט אָנגעצונדען דאָס גאַז־רעהריל אויף אַוועקצופליהען, איז דער לופט־באַלאָן געשטאַנען אויף איין אָרט און האָט זיך ניט געקענט ריהרען. דער דאָקטאָר האָט געהייסען גרינגער מאַכען די משא. דזשאָע, נעבעך, האָט זיך שטאַרק געקווייַנקעלט, נאָר אַז ער האָט געזעהן, אַז עס איז אַין ברירה, האָט ער מיט גרויס עגמת נפש אָנגעהויבען ביסלעכווייז אַראָבצוואַרפען פון זיין גאָלד, ביז דער לופטבאַלאָן האָט זיך אויפגעהויבען אין דער הויך.

— עס איז דיר נאָך געבליבען אַגרויס עשירות, — האָט דער דאָקטאָר צו דזשאָען געזאָגט, — אַז גאָט וועט העלפען, מיר זאָלען עס נאָר בשלום אַ היים ברענגען, וועסט דו זיין פערזאָרגט אויף דיין גאַנץ לעבען.

דזשאָע האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט און האָט זיך אויסגעצווינגען אויף זיין גילדען בעטעל.

— זעהסט דו, קענעדי, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען, וואָס גאָלד קען מאַכען, עס קען אַראָבפיהרען פון דעם גלייכען וועג, פון דעם שכל און דעם בעסטען מענשען קען עס פערדאַרבען.

ביז פאַר־נאַכט איז „וויקטאָריע" אײַנגעפלויגען אַ מייל ניינציג קיין מערב־זייט. און פון זאַנזיבאַר זענען זיי געוועזען ווייט טויזענד מיט פיער הונדערט מייל.

כז

אונזערע רייזענדע זענען די גאַנצע נאַכט געשמאַק געשלאָפען נאָך אַלע צרות און עגמת נפש, װאָס זיי זענען אויסגעשטאַנען די לעצטע טעג. אין דער פריה איז דער הימעל װידער געװעזען לויטער און די היץ אַזוי שטאַרק װי געכטען. אַ קליין װינטעלע האָט גאַנץ פאַמעליך אַװעקגעטראָגען דעם לופטבאַלאָן.

— מיר פליהען זעהר שלעכט, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען, װען איך האָב קיין טעות ניט, האָבען מיר שוין געמאַכט אַ האַלבען װעג אין צעהן טעג, די אַנדערע העלפט װעג אָבער װעלען מיר אפילו אין עטליכע חדשים ניט מאַכען, אויב מיר װעלען װייטער אַזוי פאַמעליך פליהען, װי איצט, און דאָס גרעסטע אומגליק איז, װאָס מיר האָבען װעניג װאַסער.

אַלע דריי רייזענדע זענען טרויעריג געװאָרען און האָבען ניט גערעדט קיין װאָרט. איטליכער האָט געטראַכט פאַר זיך, דזשאָע איז געלעגען אויסגעצויגען אויף זיין גאָלד און האָט נאָר געטראַכט, װי אַזוי דאָס רייכקייט אַ היים צו ברענגען. באמת איז דזשאָע געװאָרען גאָר אַ אַנדער מענש, זינט ער האָט דערזעהן די גרודעס גאָלד, דער קאָפּ האָט זיך איהם פון יענער צייט אָן פאַרדרעהט און ער האָט ניט בעװיזען קיין פרעהליכע מינע.

דאָס לאַנד איז געװאָרען װאָס װייטער װיסטער, מען זאָל דאָס ערגעץ זעהן אַ בוים אָדער אַ ביסעל גראָז, פון דערפער רעדט מען שוין ניט, אפילו אַ קליין שטיבעלע האָט מען אויך מעהר ניט געזעהן. אומעדום איז די ערד געװעזען בעדעקט מיט װייסען זאַמד און מיט הויכע סקאַלעס אָהן אַ שום געװיקס, אַזוי װי בשעת זיי זענען בעשאַפען געװאָרען. דאָס אָרט האָט מאַקי געקענט מאַכען מרה־שחורה'דיג. עס האָט אויסגעזעהן, אַז אין דעם װיסטען חלק אפריקאַ גענען קיינמאָל

קיין שיירות, ני. דורכגעצויגען, זיסט װאָלט דאָך געבליבען עפּיס אַ זכר אויף דעם אָרט, אָדער װי װאָלט זיך ניט ערגעץ געװאַלגערט װייסע אויסגעטריקענטע ביינער פון מענשען אָדער פון חיות. דער דאָקטאָר איז געװעזען שטאַרק אומרוהיג און עס איז איהם פון די געדאַנקען ניט אַראָבגענאַנגען די שרעקליכע מדבר סאַהאַראַ, װאָס רייזענדע געפינען דאָרטען נישט װאָכענלאַנג אַביטעל װאַסער צו שטילען דעם דאָרשט. ער װאָלט זעהר פאַר ליעב אָנגענומען, אַז עס זאָל װערען אַ שטורעמװינד און זאָל איהם פון דאַנען העט־װייט אַװעקטראָגען. נאָר דער הימעל איז אָבער געװעזען לויטער אָהן אַ פיצעל װאָלקען. „װיקטאָריע" איז דעם גאַנצען טאָג איינגעפלויגען קוים דרייסיג מייל. דאָס װאַסער איז אינגאַנצען בעשטאַנען פון זעקס קװאָרט, צװיי קװאָרט האָט דער דאָקטאָר אַרויסגעגעבען צום טרינקען אין דער ברענענדיגער היץ פון פופציג גראַד. פיער קװאָרט האָט ער איבערגעלאָזט פון דעם גאַז־רעהרילס װעגען.

— איך מוז אייך זאָגען, מיינע פריינד, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען, אַז די פיער קװאָרט װאַסער װעלען קוים קלעקען אויף פיער און פופציג שעה פליהען, נאָר אַזוי װי מיר װעלען ביי נאַכט שטעהן, קענען מיר דאָס גענוג האָבען אויף פערטהאַלבען טאָג, נאָר לעת עתּה לאָמיר ניט זאָרגען, גאָט קען נאָך העלפען.

די נאַכט האָבען אונזערע רייזענדע צוגעבראַכט אויף אַ גלייכער פלאַץ און חאָטשע עס האָט זיי שטאַרק געדאָרשט, האָבען זיי זיך, נעבעך, איינגעהאַלטען און זעהר װעניג געטרונקען. נאָך דער שטילער אויסגעשטערנטער נאַכט האָט זיך געשטעלט דער לאַנגער הייסער טאָג. קוים איז די זון אויפגעגאַנגען, איז געװאָרען אַ ברענענדיגע היץ ניט אויסצוהאַלטען. זייגער פינף האָט זיך דער לופטבאַלאָן אויפגעהויבען, נאָר ער איז געבליבען שטעהן אין דער לופט און האָט זיך אַ צייט ניט געקענט ריהרען. דער דאָקטאָר װאָלט אפילו געקענט פטור װערען פון דער היץ, זיך אויפהייבענדיג העט אין דער הויך, װאָס דאָרט איז די לופט תמיד קאַלט, נאָר עס איז איהם איצט געװעזען אונמעגליך דאָס צו טאָן מחמת ער האָט געדאַרפט דערצו האָבען זעהר אַ סך װאַסער און האָט זיך געמוזט בעװייזען, אַז דער לופטבאַלאָן זאָל פליהען נאָר פופציג איילען אין דער הויך.

— די היץ איז נאָר נישט צום אויסהאַלטען, האָט דזשאָע געזאָגט זיך אָבװישענדיג דעם שװייס פון דעם פנים. דער רוח האָט דענסטמאָל

אנגעטראָגען דעם חילדען נעגער און דורך איהם האָבען מיר גענומט אראבווארפען דאס טייערע קעסטעלע מיט וואסער.

אודאי, ווען מיר זאָלען איצט האָבען די הונדערט פונט וואסער, האָלטען זיי אונז שטארק צוניץ געקומען, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, דערמיט האָלטען מיר געקענט פליהען א טאָג דרייצעהן און ארויסגעהן פון דער מדבר. אָט איצט, מיינע פריינד, זענען מיר באמת אין אַפריקא, ארום אונז איז א גליהענדע היץ, א ברענענדיגער זאמד, און וואסער איז ניטאָ קיין טראָפען.

ביז נאכט איז דער לופטבאַלאָן קוים צוואַנציג מייל איינגעפלויגען. די לופט איז געווען אַזוי דעמפיג און אַזוי היים ווי בייטאָג. אין דער פריה, דעם ערשטען מאַי, האָבען די רייזענדע ניט געזעהן קיין שום פאראַנדערונג פון נעכטען. אַזוי זענען פערגאַנגען נאָך אַפּאָר טעג, איינער ניט בעסער פון דעם אַנדערען; דער פריהמאָרגען הייס, נישט צום אויסהאַלטען, נאָך האַלבען טאָג האָט די זון פשוט געבראָטען, די נאַכט איז געווען אַזוי דעמפיג, האָטשע משוגע צו ווערען, דאָס קליינע ווינ-טעלע האָט קוים חאָס געבלאָזען און די גאַנצע לופט האָט אויסגעזעהן, ווי אָט, אָט חערט זי אַנשלאָפען.

דער דאָקטאָר איז אַלץ געשטאַנען און האָט געקוקט אויף דעם שפאָקטיוו, נאָר פאַר זיינע אויגען האָט זיך מעהר נישט געוויזען ווי מדבר, װאָס האָט זיך געצויגען גאַנץ חייט אָהן אַנ׳עק און אָהן א סוף.

דער דאָקטאָר האָט חרטה געהאַט אין האַרצען, למאי ער האָט נאָך מיטגענומען קענעדי׳ן און דזשאָען, זיי זאָלען אַזוי פיעל ליידען אין דער מדבר און אפשר זיך טאַקי געזעגענען מיט דעם לעבען. ער האָט שוין אפילו ביי זיך געטראַכט צוריק צופליהען און האָט מכח דעם איבערגעשמועסט מיט זיינע פריינד. זיי האָבען איהם געענטפערט, אַז זיי זענען מוסכם אויף אַלצדינג, וואָס ער וועט טאָן. מען האָט די זאַך גוט איבערגעלעגט אַהין און אַהער און עס איז געבליבען בעסער חייטער צו פליהען. דער דאָקטאָר האָט געדאַנקט זיינע פריינד דערפאַר, וואָס זיי פערלאָזען זיך אויף איהם אינגאַנצען און האָט זיי אַזוי געזאָגט:

— חעדליג מיין רעכנונג, זענען מיר איצט חייט דריי הונדערט מייל פון דעם ים, וואָס געבען איהם וואוינען מענשען. פליהענדיג אַהינצו קענען מיר אפשר אין מיטען דער מדבר געפינען א פערוואַקסען שטיקעל

לאַנד מיט קוואַלען חאַסער, נאָר די גאַנצע צרה איז אָבער, חאָס עס איז ניטאָ קיין ווינד איהם ווועלען מיר בלייבען שטעהן אין דער לופט אויף איין אָרט.

דעם גאַנצען טאָג איז איטליכען די אויגען אַרויסגעקראָכען זוכענ-דיג א פיצעל חאָלקען, דער הימעל איז געבליבען אַלץ לויטער חי פריהער, און חי חייט דאָס אויג האָט געקענט גרייכען, האָט מען מעהר נישט געזעהן נאָר מדבר און מדבר. די רייזענדע זענען דעם טאָג איינגעפלויגען קוים פופצעהן מייל. דאָס חאַסער צום גאַז-רעדהריל און צום טרינקען איז אַלץ חעניגער געוואָרען און דאָ איז ניט געחעזען קיין שום האָפנונג באַלד אַנדערע צו געפינען. די נאַכט איז פערגאַנגען גאַנץ רוהיג, נאָר דער דאָקטאָר איז ניט געשלאָפען.

—

יז.

אויף דעם אנדערן טאג איז דער הימעל אלץ געווען לויטער און די לופט שטיל, אהן א שום ווינטעלע, ווי פריהער. דער לופטבאלאן האט זיך אויפגעהויבען א צוויי הונדערט איילען אין דער הויך, נאר קוים-קוים האט ער זיך גערירט קיין מערב-זייט.

— איצט געפינען מיר זיך סאמע אין דער רעכטער מדבר, האט זיך דער דאקטאר אנגערופען, וואס פאר א שרעקליכער זאמד ציהט זיך דא אוועק אויף טויזענדער מיילען. די היץ איז דא אזוי ברענענדיג אקוראט ווי אין אקאלכאויוען.

— מיר דאכט זיך, האט דזשאָע געזאגט, אז באלד וועלען מיר געהאלפען ווערען. ווארום דארטען אין מזרח-זייט ווייזט זיך עפּיס אויף דעם הימעל ווי א שטיקעל וואלקען. עס קען געמאלט זיין, אז באלד נאך זאל ווערען א ווינד מיט א רעגען.

אין א פאר שעה ארום האט א גרויסער שטיק] וואלקען בעדעקט די זון.

— איך האב אויף דעם וואלקען גאר נישט צו רעכענען, האט דער דאקטאר געזאגט, פון איהם וועט קיין רעגען ניט ווערען, נאר אז ער וויל זיך צו אונז נישט אראבלאזען, לאָמיר-זשע זיך אויפהויבען צו איהם.

ער האט באלד פארגרעסערט דעם פלאם אין דעם גאז-רעהריל, און דער לופטבאלאן האט זיך אויפגעהויבען אקעגען אכט הונדערט איילען אין דער הויך, סאמע אין וואלקען אריין. נאר דאס האט אבער גאר נישט געהאלפען. די חמארע איז געווען גאנץ טרוקען און האט אפילו ניט פייכט געמאכט דעם לופטבאלאן.

— טהוט נאר א קוק, האט דזשאָע פלוצלים א געשריי געטאן;

ניט ווייט פון אונז פליהט נאך א לופטבאלאן מיט עטליכע מענשען.

דער דאקטאר און קענעדי האבען זיך ארויסגעבויגען פון דעם שיפעל און האבען געזעהן, אז הונדערט איילען פון זיי פליהט טאקי א לופטבאלאן.

— שטעל ארויס א פענדיל, דזשאָע, האט דער דאקטאר געזאגט, און גיב זיי א סימן, אז מיר דארפען האבען זייער הילף.

דזשאָע האט קיין שיהות ניט געמאכט און ארויסגעשטעלט א פענדיל. יענע רייזענדע זענען אויך דערויף געפאלען און האבען אויך ארויסגעשטעלט פונקט אזא פענדיל.

— וואס זאל עס בעטייטען, צו אלדי שווארץ יאהר, האט דזשאָע געפרעגט. זיצען ניט אפשר אין יענעם לופטבאלאן מאלפעס, וואס שפעטען אונז נאך.

— ניין, האט דער דאקטאר געענטפערט מיט א שמייכעל, מיר אלע האבען דא געהאט א גרויסען טעות. דאס וואס מיר זעהען, איז גאר ניט קיין לופטבאלאן, נאר אונזער אייגענער שפּיגעלט זיך אב אין דער לופט. אזעלכס טרעפט זיך אפט אין דער מדבר, מחמת די לופט איז דארטען ניט אומעדום אלץ איינס. באלד איז דער פאלשער לופטבאלאן פערשוואונדען געווארען, דער וואלקען האט זיך אויפגעהויבען גאנץ הויך, אז מען האט איהם שוין מעהר ניט געזעהן און דער דאקטאר האט זיך אראבגעלאזט אויף דער ערד. אונזערע רייזענדע זענען געבליבען זיצען זעהר טרויעריג און די היץ איז געווארען נאך דזשנער.

ארום זייגער פיער האט דזשאָע אנגעוויזען, אז העט פון דער מיטענס, דאכט זיך איהם אוים, שטעהען צוויי טייטעלבוימער.

— עס איז טאקי אמת, האט דער דאקטאר געזאגט, אז ער א קוק געגעבען אויף דעם שפאקטיוו, לאָמיר זיך לאָזען צו די בוימער; דארטען וועלען מיר אודאי געפינען וואסער

אויף דעם סמך האבען די רייזענדע אויסגעטרונקען נאך א קוואטירעל און עס איז זיי מעהר ניט איבערגעבליבען ווי דריי.

דער לופטבאלאן איז געפלויגן זעהר פאמעליך און ערשט זייגער זעקס איז ער געקומען צו דעם אָרט. די צחי טויטעלבוימער זענען געוועזן שטארק פערדארט אָהן' איין בלעטעל, און ארום זיי איז אפילו קיין סימן ניט געוועזן פון א פייכט שטיקעל אָרט. נישט זייט איז געוועזן א ברונען פערוואָרפען מיט שטיינער און מיט זאמד. פון דעם ברונען אָן ביז העט גאנץ וויט זענען אויף דעם הייסען זאמד געלעגען אויסגעשפרייט איינס נאָך דעם אנדערן ווייסע ביינער פון מענשען. אין די ביינער האָבען אונזערע רייזענדע דערקענט, אז צו דעם ברונען האָט זיך געמוזט א מאָל פערשלעפען א שיירא מיט מענשען, וואָס אלע, נעבעך, זענען אויסגעשטאָרבען פערשמאכט פון דאָרשט. די רייזענדע האָבען זיך צוגעקוקט מיט גרויס שרעק.

— לאָמיר גיך אנטלויפען פון דאנען, האָט קענעדי געזאָגט, דאָ איז אודאי קיין טראָפען וואסער ניטאָ.

— סיי ווי סיי, האָט דושאָ געענטפערט, מוזען מיר דאָך ערגעץ נעכטיגען, לאָמיר־זשע בעסער דאָ בלייבען און אויסרייניגען דעם ברונען, מאָמער וועלען מיר פאָרט עפּיס וואסער געפינען.

ער איז מיט קענעדי'ן אראָבגעגאנגען אין ברונען אריין, זיי האָבען געהאָרעוועט מיט שווייס, ארויסצוווארפען די שטיינער, נאָר די גאנצע האָרעוואניע איז געוועזען אומזיסט, זיי האָבען אפילו קיין איין טראָפען וואסער ניט געפונען. עס האָט אויסגעוויזען, אז דער קוואל איז שוין גאנץ לאנג אויסגעטריקענט געוואָרען. די רייזענדע זענען ארויס פון דעם ברונען מיט א פארקלעמט הארץ. בייגאכט האָבען זיי פאר צרות ניט געקענט עסען און האָטשע איצט האָבען זיי נאָך ניט אזוי שטארק געליטען פון דאָרשט, נאָר זיי האָבען זעהר מורא געהאט פאר שפּעטער, וואָס וועט זיין, אז דאָס איבריגע ביסעל וואסער וועט אויך אויסגעהן.

אין דער פריה האָט דער דאָקטאָר אוועקפליהענדיג פון דעם אָרט געזאָגט מיט א צובראָכענעם הארץ.

— איהר זאָלט וויסען, מיינע פריינד, אז מיר האָבען וואסער נישט מעהר ווי אויף זעקס שעה צו פליהען. ווען מיר וועלען, חלילה, אין דער צייט ניט געפינען קיין קוואל, ווייסט נאָר איין גאָט, וואָס פון אונז קען ווערען. איבריגענס לאָמיר ניט פערלירען דעם בטחון, אפשר וועט

דער ווינד אנהויבען שטארקער צו בלאָזען און וועט אונז ברענגען צו איין אָרט מיט וואסער.

נאָר די האָפנונג איז אָבער געוועזען גאָר אומזיסט. די לופט איז אלץ טאקי געבליבען שטיל און די היץ אזוי ברענענדיג ווי פריהער.

קענעדי'ן און דושאָע'ן האָט דער דאָרשט אָנגעהויבען שוין שטארק צו מוטשען. אינגאנצען איז נאָך געבליבען צוויי קוואטירלעך וואסער. זיי האָבען שיער עס מיט די אויגען ניט איינגעשלונגען, נאָר דאָס הארץ האָט זיי ניט פערטראָגען אויסצוטרינקען דאָס לעצטע ביסעל וואסער, און בלייבען אין דער מדבר אָהן איין טראָפען.

דער דאָקטאָר האָט אָנגעהויבען חרטה צו האָבען, פאר וואָס ער האָט אויסגעבראכט וואסער צו פליהען אין דער מדבר, בעסער וואָלט ער געשטאנען אויף איין אָרט, דאָס וואסער וואָלט איהם געקענט דינען צום טרינקען אויף ניין טעג, אפשר אין דער צייט וואָלט געוואָרען א שטורם־ווינד און איהם פערטראָגען צו א קוואל.

אז קענעדי און דושאָע זענען פערשמאכטערהייד איינגעדרעמעלט געוואָרען, האָט זיך דער דאָקטאָר ענטשלאָסען צו זוכען עפּיס אין דער הויך א ווינטעלע, וואָס זאָל טראָגען דעם לופטבאלאָן. ער האָט זיך אויפגעהויבען אויף דריטהאלבען טויזענד איילען, נאָר די לופט איז דאָרטען אויך געשטאנען שטיל און האָט זיך ניט גערירט. דאָס וואסער האָט זיך לעת עתה אויסגעלאָזט ביז איין טראָפען, דאָס גאז־רעהריל האָט אויפגעהערט צו ברענען און דער לופטבאלאָן האָט זיך אראָבגעלאָזט פונקט אויף דעם אייגענעם אָרט, פון וואנען עס איז אוועקגעפלויגען.

— וואָס איז? מיר בלייבען שטעהן? — האָט קענעדי געפרעגט, אויפכאפענדיג זיך פון דעם שלאָף.

— יאָ, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט טרויעריג. מיר האָבען שוין ניט מעהר, מיט וואָס צו פליהען.

די רייזענדע זענען ארויסגעגאנגען פון דעם שיפעלע און האָבען עס אָנגעפילט מיט זאמד, עס זאָל זיך ניט רירען פון דעם אָרט. עטליכע שעה כסדר האָט איינער צום אנדערן קיין וואָרט ניט גערעדט, נאָר

געטראַכט פאַר זיך אַליין. צו דער וועטשערע האָט זיך קיינער ניט צוגעריהרט, נאָר איטליכער האָט גענומען צו ביסלעך וואַסער. ביי נאַכט איז קיינער ניט געשלאָפען. די היץ איז געוועזען שרעקליך שטאַרק. אויף דעם אַנדערן טאָג אין דער פריה איז שוין מעהר ניט געבליבען ווי איין האַלב קוואַטירעל וואַסער.

— איך ווער אָקאָרשט ניט דערשטיקט פאַר היץ, האָט זיך דזשאָע אָנגערופען.

— דער זאַמד בריהט פשוט ווי מען וואָלט איהם ערשט אַרויסגענומען פון אַ צוגליהעטען אויווען, האָט קענעדי געזאָגט קיין שטיקעל וואָלקען זעהט מען ניט אויף דעם פייערדיגען הימעל, עס קומט נאָר מטורף צו ווערען.

— זייט זיך נאָך ניט אַזוי מיאש, האָט זיי דער דאָקטאָר געטרייסט, אין מיטען דער היץ און ווי דער הימעל איז אַזוי לויטער, קען אין דעם לאַנד פלוצלים ווערען אַ שטורמווינד, וואָס ער הייסט סאַמום, און זאָל אונז פערטראָגען ערגיץ צו אַ קוואַל מיט וואַסער.

דעם דאָקטאָרס ווערטער האָבען אָבער גאָר נישט געהאָלפען, די אומגליקליכע רייזענדע, וואָס האָבען געלעבט נאָך וואַסער אין דער גליהענדיגער לופט, האָבען אָנגעהויבען צו פיהלען, אַז אָט באַלד קומען זיי פון דעם זינען, די אויגען זענען ביי זיי געוואָרען גרויס און מוטנע.

אַז עס איז נאָר נאַכט געוואָרען, האָט דער דאָקטאָר גערופען זיינע פריינד, זיי זאָלען זיך מיט איהם אַביסעל דורכגעהן, טאָמער וועלען זיי זיך אַביסעל דערפרישען. נאָר קענעדי און דזשאָע האָבען איהם בשום אופן ניט געוואָלט פאָלגען און ער איז אַליין אַוועקגעגאַנגען. לכתחילה ווי ער האָט אָנגעהייבען צו געהן, איז איהם טאַקי בעסער געוואָרען, נאָר קוים איז ער אָבגעגאַנגען אַ פאָר ווערסט, האָט ער אָנגעהויבען צו פיהלען, ווי דער קאָפּ דרעהט זיך איהם און אַז ער פאַלט פון די פיס, ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקען און געוואָלט צוריק געהן, נאָר די כוחות האָבען זיך איהם אויסגעלאָזט. ער האָט אָנגעהויבען רופען צו הילף, נאָר קיינער האָט איהם ניט געענטפערט. ער איז אַנידערגעפאַלען אויף דער ערד אָהן כוחות, איינער אַליין אין מיטען דער מדבר. אַרום האַלבע נאַכט האָט ער זיך ערשט אויפגעכאַפּט און געזעהן, ווי דזשאָע, וואָס ער האָט איהם קוים אויפגעזוכט, מינטער איהם.

— שטעהט אויף, מיין ליבער האַר, האָט איהם דזשאָע געזאָגט, און קומט מיט מיר צום לופטבאַלאָן. איהר וועט זיך דאָרטען אָבּרוהען.

און איך וועל מיך לאָזען אויף גאָטס בעראָטה אויפזוכען ערגיץ אַ קוואַל מיט וואַסער, וואָרום אַזוי זיצען איז געוויס קיין תכלית ניט. מיר אַלע קענען אויסגעהן פאַר דאָרשט. ווען גאָט וועט אייך דערוויל אין דער צייט צושיקען אַ ווינד, מעגט איהר אייך אַוועקפליהען געזונטערהייד און אויף מיר ניט וואַרטען, נו ווי געפעלט אייך מיין פּלאַן?

— ניין, דזשאָע, האָט איהם דער דאָקטאָר געענטפערט, איך קען דאָס ניט צו-לאָזען, מיר טאָרען זיך ניט צושיידען.

— איך וועל וואַרטען נאָך איין טאָג, האָט דזשאָע געזאָגט, און אויב עס וועט אַלץ ניט בעסער ווערען, וועל איך זיך גאָר ניט אַנפרעגען אין אייך און מיר לאָזען אויף גליק.

דער דאָקטאָר האָט איהם ניט געענטפערט און איז באַלד געקומען צום לופטבאַלאָן. ער האָט זיך בעזעצט נעבען קענעדי'ן, וואָס ער איז געלעגען ווי שטאַרק פערטשאַדעט.

י״ד

אויף דעם אַנדערען טאָג אין דער פריה האָט דער דאָקטאָר צום אַלעם ערשטען אַ קוק געגעבען אויף דעם באַראָמעטער, צו ווייזט ער נישט אויף עפּיס אַ פערענדערונג אין דער לופט. דער קוועקזילבער האָט זיך אין דעם גלעזערנעם רעהריל נאָר עטוואָס אַראָבגעלאָזט.

— דערפון קען מען נאָך גאָר נישט וויסען, האָט דער דאָקטאָר צו זיך אַליין געזאָגט, און איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם שיפעלע בעטראַכטען דעם הימעל. מען האָט אָבער אויף איהם ניט געזעהן קיין פּיצעל וואָלקען און די זון האָט געבראָטען אַזוי ווי נעכטען.

דזשאָע האָט ניט גערעדט קיין וואָרט און נאָר געטראַכט פון זיין פּלאַן. קענעדי איז געלעגען, עס האָט איהם געוואָרפען ווי אין קדחת. די צונג און די ליפּען זענען איהם פאַר דאָרשט געוועזען געשוואָלען, צושפּאַלטען און האָט נישט געקענט קיין וואָרט אַרויסרעדען. וואַסער איז געבליבען נאָך עטליכע טראָפּען, אַלע האָבען צו דעם שטאַרק חשק געהאַט, נאָר קיינער האָט פאָרט ניט געהאַט קיין האַרץ דאָס אָנצורירען. דעם גאַנצען טאָג איז קענעדי געוועזען ווי משוגע, ער איז אַרומגעלאָפען אַהין און אַהער, געגרעוועט ווי אַ בער און איז פאָרטיג געוועזען זיך איבערצובייסען איין אָדער פון זיין האַנד און אָנטרינקען זיך מיט אייגען בלוט. נאָך דעם איז ער אַנידערגעפאַלען כמעט טויט און געחראָפּעט מיט אַ משונה קול, אַקעגען נאַכט איז דזשאָע אויך אַראָב פון דעם זינען, דער זאַמד פון דער מדבר האָט זיך איהם אויסגעוויזען ווי אַ גרויסע אָזערע מיט וואַסער, ריין ווי קריסטאַל. ער האָט זיך עטליכע מאָל אַ וואָרף געטאָן אויף דער ברענענדיגער ערד און האָט אָנגענומען אַ מויל מיט זאַמד. קענעדי האָט שוין מעהר קיין כח ניט געהאַט זיך אײַנצוהאַלטען און איז צוגעקראָכען אויף די קניעס צו דעם ביסעל וואַסער, וואָס עס איז נאָך געוועזען אין שיפעלע און האָט אָנגעהויבען צו שרייען אויף אַ שרעקליך קול:

— אַ טרונק! אַ טרונק!

דזשאָע האָט פאַר גרויס רחמנות איהם צוגעטראָגען דאָס פלעשעלע צום מויל און קענעדי האָט אויסגעטרונקען דאָס קאָפּ וואַסער ביז צום לעצטען טראָפּען, און באַלד טאַקי זענען ביידע ווידער אַנידערגעפאַלען אויף דעם זאַמד. ווי אַזוי זיי האָבען די נאַכט צוגעבראַכט, ווייסט מען ניט, נאָר דינסטאָג אין דער פריה האָבען די אומגליקליכע רייזענדע געפיהלט, ווי דער מאַרך פון די ביינער טריקענט ביי זיי אויס פון דער ברענענדיגער זון. דזשאָע האָט זיך ניט געקענט ריהרען פון דעם אָרט און זיין פּלאַן איז איהם שוין מעהר ניט געגאַנגען אין קאָפּ אַריין, ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזעהן, ווי דער דאָקטאָר זיצט אין שיפעלע גאָר אָהן כחות און קוקט אין דער ווייטענס מיט אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע אויגען. קענעדי איז געוועזען אַ שרעק אָנצוקוקען, ער האָט געשאָקעלט דעם קאָפּ אַהין און אַהער ווי אַ ווילדע חיה, וואָס איז פערשפּאַרט אין אַ שטיינ. מיט אַ מאָל האָט ער זיך ווי אַ משוגענער געחאַפּט צו זיין ביקס און זי אַריינגעשטעלט מיט דעם לאָך אין מויל אַריין. דזשאָע איז צוגעלאָפען און האָט איהם אָנגענומען ביי דער האַנד

— לאָז מיך אָב, האָט קענעדי אַ געשריי געטאָן. ווען ניט, וועל איך דיך דערשיסען ווי אַ הונד.

דזשאָע אָבער האָט זיך אין איהם שטאַרק אָנגעטשעפּעט און ביידע האָבען זיך געראַנגעלט מיט אַלע כחות. דער דאָקטאָר האָט די גאַנצע מעשה ניט געזעהן, נאָר פּלוצלינג האָט די ביקס אויסגעשאָסען. ווי באַלד דער דאָקטאָר האָט דערהערט דעם שאָס, איז ער אונטערגעשפּרונגען און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען, ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנד און אָנגעהויבען שרייען ניט מיט זיין קול:

— קוקט נאָר אַהין, אָן דאָרטען, דאָרטען!

קענעדי און דזשאָע האָבען זיך די רגע אויפגעהערט צו שלאָגען און אויסגעשטעלט די אויגען, וואוהין דער דאָקטאָר האָט געוויזען מיט דער האַנד. זיי האָבען דערזעהן, ווי דער זאַמד פון דער מדבר הייבט זיך אויף פון דער ווייטענס, ווי גרויסע חוואַליעס אויף דעם ים בשעת עס איז אויף איהם אַ שטורמווינד. פאַר די חוואַליעס איז געגאַנגען זעהר געשווינד אַ גרויסע זייל פון שטויב. די זון האָט זיך פערבאָרגען אונ[ט]ער אַ שוואַרצען וואָלקען און עס האָט אויסגעוויזען, אַט קומען די חוואַליעס און שלינגען זיי איין אינאיינעם מיט דעם לופטבאַלאָן.

— אַריין גיך אין שיפעל, האָט דער דאָקטאָר אַ געשריי געטאָן. דער סאַמום געהט, און באַלד טאַקי האָט ער זיך גענומען אַרויסוואַרפען דעם זאַמד פון דעם שיפעלע. זיינע פריינד האָבען איהם אויך געהאָלפען, דזשאָע האָט נאָך געמוזט אַראָבוואַרפען אַ פופציג פונט גאָלד און דער לופטבאַלאָן האָט זיך אויפגעהויבען.

דער סאַמום איז טאַקי אָנגעקומען אַזוי גיך ווי אַ פייל אויס דעם בויגען, און נאָך אין איין מינוט שפעטער וואָלט ער צעריסען דעם לופטבאַלאָן אין שטיקער.

— שטעה ניט דזשאָע! — האָט דער דאָקטאָר אַ געשריי געטאָן, — און וואַרף אַראָב נאָך משא.

ער האָט געפאָלגט און באַלד אַראָבגעשליידערט נאָך אַ שטיק גאָלד, דער לופטבאַלאָן איז אין איין מינוט אַרויף העכער פון דעם שטורמווינד, און איז געפלויגען זעהר געשווינד. די רייזענדע האָבען געשוויגען און האָבען געהאָפט, אַז זיי וועלען בקרוב געהאָלפען ווערען. די לופט אין דער הויך האָט זיי אַביסעל דערפרישט. זייגער דריי האָט זיך דער ווינד געלעגט און איבערגעלאָזט נאָך זיך אין דער מדבר גרויסע בערג פון זאַמד. דער הימעל איז ווידער געוואָרען ריין און לויטער. און „וויקטאָריע" איז געפלויגען פאַמעליך איבער אַ גרין שטיקעל אָרט בעוואַקסען מיט ביימער, וואָס אַזעלכע ערטער אין דער מדבר זענען אַקוראַט ווי קעמפּעס אויף דעם ים, און מען רופט זיי אָאַזים.

— אָט דאָ געפינט זיך וואַסער, האָט דער דאָקטאָר אַ געשריי געטאָן. און האָט אַרויסגעלאָזט אַביסעל גאַז. איז דער לופטבאַלאָן אַראָב גלייך אויף דער ערד אַ הונדערט איילען ווייט פון דעם אָאַזים.

אין פיער שעה האָבען די רייזענדע געמאַכט צוויי הונדערט און פערציג מייל. דאָס שיפעלע האָט מען ווידער אָנגעפילט מיט זאַמד, קענעדי און דזשאָע האָבען גענומען געלאָדענע ביקסען און אַריינגעגאַנגען אין דעם גרינעם אָאַזים: וואָס דאָרט האָבען זיי געהאָפט צוגעפינען אַ קוואַל מיט וואַסער. געהענדיג האָבען זיי דערהערט אַ שרעקליכען ברום ווי פון אַ לייב. קענעדי האָט זיך דערויס גאָר נישט געמאַכט. און איז ווייטער געגאַנגען מיט דער ביקס אין דער האַנד, זיינע אויגען האָבען געפלאַקערט ווי פייער און ער איז געוועזען שרעקליך. אונטער אַ טיימעלבוים איז געשטאַנען אַ גרויסער לייב מיט אַ שוואַרצער גריווע.

קוים האָט ער דערזעהן דעם יעגער מיט דעם ביקס, האָט ער געגעבען אַ שפרונג אין דער לופט, נאָר אין דער מינוט איז איהם אַריין אַ קויל אין האַרצען: און ער איז אַנידערגעפאַלען טויט.

— אורראַ, האָט דזשאָע אַ געשריי געטאָן. קענעדי האָט זיך אַראָבגעלאָזט דורך טרעפּלעך אין ברונען אַריין און איז צוגעפאַלען מיט זיינע פערדאַרטע ליפּען צו דעם פרישען קלאָרען וואַסער. דזשאָע איז איהם נאָכגעגאַנגען. זייט אַביסעל פאַרזיכטיג, האָט ער געזאָגט צו קענעדין, מען טאָר נאָך אַזאַ דאָרשט קיין סך ניט טרינקען.

נאָר קענעדי האָט איהם אָבער ניט געהערט, ער האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ מיט די הענד אין וואַסער און האָט זיך גאָר מחיה געוועזען

— און דעם דאָקטאָר, אַ פּנים, האָט איהר גאָר פאַרגעסען? — האָט דזשאָע געפרעגט.

ווי באַלד ער האָט נאָר די ווערטער אַרויסגערעדט, האָט זיך קענעדי אַ חאַפּ געטאָן, אָנגעפילט די בוטעלקע מיט וואַסער און זיך געלאָזט אַרויסגעהן פון דעם ברונען, נאָר דער ברונען איז אויבען געוועזען פאַרשטעלט און קענעדי האָט ניט פערשטאַנען, וואָס זאָל עס בעטייטען. באַלד אָבער האָבען זיי דערהערט איבער זיך אַ שטאַרקען ברום.

— דאָס איז אַודאי דעם לייבס ווייב — האָט קענעדי געזאָגט און תיכף אויסגעשאָסען. איבער דעם ברונען איז באַלד ליכטיג געוואָרען.

— חאַפּט זיך נאָר ניט, האַר קענעדי, — האָט זיך דזשאָע אָנגערופען, — מיר קענען נאָך פון דעם ברונען ניט אַרויסגעהן, די אַלמנה איז ניט אַוועקגעלאָפען, זי גערהר וואַרטען אויף אונז. נאָר איך וועל איהר אָבטאָן אַ שפּיצעל.

דזשאָע האָט אויפגעהאַנגען זיין מלבוש אויף דער ביקס און אַרויסגעשטעלט פון דעם ברונען. דער צערייצטער לייב האָט זיך באַלד דערויף אַ וואַרף געטאָן מיט כעס, נאָר קענעדי האָט איהם מיט אַ קויל דורכגעלעכערט די פּלייצע. דער לייב האָט זיך מיט אַ גרויס געשריי אַראָבגעקײטשעט פון די טרעפּ און אומגעוואָרפען דזשאָען, אין דער מינוט האָט מען דערהערט נאָך אַ שאָס און דער דאָקטאָר פערגוסאָן האָט זיך בעוויזען נעבען ברונען מיט אַ ביקס אין דער האַנד.

דזשאָע האָט זיך גיך אַרויסגעכאַפּט פון אונטער דעם לייב און דערלאַנגט זיין בעל־הבית אַ בוטעלקע מיט וואַסער. דער דאָקטאָר האָט זי גיך אויסגעטרונקען און אַלע האָבען געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט זיי מציל געווען פון דעם טויט

די נאַכט האָבען אונזערע רייזענדע צוגעבראַכט אונטער מימאָזען־ביימער, האָבען געגעסען, געטרונקען, פאַרגעסען אין אַלע צרות און זיי זענען געווען זעהר פרעהליך. קענעדי איז אויסגעגאַנגען דעם גאַנצען אָאזיס אין דער לענג און אין דער ברייט, און האָט געזעהן, אַז חוץ זיי איז דאָרטען ניטאָ קיין לעבעדיגע נשמה. זיי האָבען זיך געלעגט אויף די קאָלדרעס און האָבען גאַנץ רוהיג געשלאָפען.

י פאַגאָדע האָט זיך אויף דעם אַנדערען טאָג גאָר פּיטש פּאַר־ענדערט, די זון האָט געבראָטען, געסמאַליעט, און ביי דעם דאָקטאָר איז געבליבען, אַזוי, ווי זיי האָבען נאָך גענוג עסענוואַרג, זאָלען זיי בעסער וואַרטען אין קיהלען וועלדעל, ביז עס וועט זיך אויפ־חאַפּען אַ ווינד. דזשאָע האָט באַלד צורעכט געמאַכט זיין קיך און אָנגעגרייט אַלערליי מאכלים, קיין וואַסער דערביי האָט ער גאָר ניט געזשאַלעוועט.

— זעהט נאָר, וואָס דער מענש אי׳ משטיינס־געזאָגט, — האָט זיך קענעדי אָנגערופען, — נעכטען ערשט בין איך אַראָב פון דעם זינגען פאַר אַביסעל וואַסער און שיער ניט געשטאָרבען, איצט, דאַנקען גאָט, נעהט אונז גאָר נישט אָב; עס זאָל נאָך זיין אין וועלדעל עפּיס וואָס צו שיסען, וואָלט מיר שוין קיינער ניט גלייך געווען

— די צוויי לייבען, אַפּנים, זענען דיר קאַרג, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, איך פון כיין זייט בין זעהר צופרידען, וואָס מיר האָבען דאָ ניט אַזעלכע שכנים ווי דו ווילסט.

— מיר דאַכט זיך, האָט קענעדי געזאָגט, אַז די פּאָר לייבען וויזען, אַז ניט ווייט פון דאַנען דאַרף זיך געפינען אַ אָרט בעוואַקסען מיט גראָז און מיט ביימער.

— דאָס איז נאָך גאָר קיין סימן ניט, האָט דער דאָקטאָר גע־ענטפערט, די לייבען, אַז זיי ווערען דאָרשטיג, קענען אָבלויפען הונדערטער מיילען אין דער מדבר, ביז זיי בעקומען אַ ביסעל וואַסער. ביי נאַכט דאַרף מען זיך דאָ היטען און עס וועט גאָר ניט שאַדען, מען

זאָל דאָ צולעגען אַ פייער, פון זיכערונג וועגען, האָטשע עס איז גענוג היים. נאָר מיר מוזען זיך אָבער אָבהיטען ניט אונטערצוציגדען דאָס טייערע וועלדעלע, וואָס קען נאָך אַ מאָל אַנדערע צוניץ קומען ווי היינט אונז. צו דער אָאזיס ציהען זיך די קאַראַוואַנען, וואָס געהען קיין טיעף אַפריקא, און ווען עס זאָל איצט גראָד אָנקומען אַזאַ מין קאַראַוואַן, וואָלט איהר, דאַכט זיך, גאָר ניט צופרידען געווען, מחמת אין דעם קאַנט געפינען זיך אויך די מענשענפרעסער ניאַם־ניאַם.

די צווייטע נאַכט איז אויך איבערגעגאַנגען בשלום, און אין דער־פריה האָט זיך אַלץ קיין חינטעל ניט געוויזען. דער דאָקטאָר האָט אַ קוק געגעבען אויף דעם באַראָמעטער און איז פרעהליך געוואָרען, אַז ער האָט דערזעהן, ווי דער קוועקזילבער שטעהט נידעריגער און מאַקי באַלד האָבען זיך געוויזען סימנים פון אַנ׳ענדערונג אין דער לופט.

דער דאָקטאָר האָט באַלד אַלצדינג צוגעגרייט און אָנגעפילט די קעסטעלעך מיט וואַסער. דזשאָע האָט, נעבעך, געמוזט אַראָבוואַרפען נאָך עטליכע גרודעס גאָלד. ער האָט זיך דערביי אפילו געקווינקעלט, נאָר עס האָט אָבער נישט געהאָלפען. דער דאָקטאָר האָט אָבער אומזיסט געוואַרט דעם גאַנצען טאָג, קיין וואָלקען האָבען זיך ניט געוויזען און די היץ איז געוואָרען שטאַרק ביז זעכציג גראַד, און ווען די רייזענדע זאָלען ניט געווען זיצען אונטער די געדיכטע ביימער, וואָלטען זיי פשוט פון דער היץ פאַרברענט געוואָרען.

ביי נאַכט, אַז דזשאָע איז געשטאַנען אויף דער וואַך, האָט זיך פּלוצלים דער הימעל בעדעקט מיט שוואַרצע וואָלקען, אַז עס איז אַזש פינסטער געוואָרען.

— שטעהט אויף, האָט ער אַ געשריי געגעבען, אַ ווינד האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— ניין, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט קוקענדיג אויף דעם הימעל, עס איז גאָר אַ בורע, קומט גיך צום לופטבאַלאָן.

דער לופטבאַלאָן האָט זיך שוין געשלעפּט איבער דער ערד מיט דעם שיפעלע, און ווען די רייזענדע זאָלען נאָך געווען איין מינוט פאַר־שפּעטיגען, וואָלט דער לופטבאַלאָן אַוועקגעפלויגען און זיי איבערגעלאָזט אין דער מדבר. אַלע זענען באַלד אַריין אין שיפעלע, דער דאָקטאָר האָט אָנגעצונדען דאָס גאַז־רעהריל, אַרויסגעוואָרפען אַביסעל משא און דער לופטבאַלאָן איז תיכף אַרויף אין דער הויך

יט.

די רייזענדע זענען זעהר געשווינד געפלויגען, און געהוועזען מלא שמחה, וואס זיי פערלאזען דו מדבר, וואס זיי זענען דארט שיער ניט אומגעקומען. ארום זייגער ניין אין דער פריה האבען זיך שוין אנגעהויבען צו ווייזען אויף דער ערד פערוואקסענע ערטער.

— מיר זענען שוין ווידער אין א בעוואוינט לאנד, יט דער דאקטאר א געשריי געטאן פאר גרויס שמחה, אקוראט ווי קאלאמבוס בשעת ער האט דערזעהן אמעריקא.

פליהענדיג ווייטער האבען אונזערע רייזענדע באלד דערזעהן א קליינע אזעריע ארומגערינגעלט מיט בערגלעך. אין דער לופט האט זיך געהערט א זיסער ריח פון אלערליי שמעקענדיגע קרייטעכצער, פון באאבאבען, באנאנען און ניסענבוימער, וואס זענען געוואקסען אין די גרינע טאלען צווישען די בערגלעך און זיך אבגעשפיגעלט אין דער אזעריע.

ווילדע אקסען האבען זיך געקאטשעט אין דעם הויכען גראז, וואס עס האט זיי אינגאנצען בעדעקט, שרעקליך גרויסע עלעפאנטען פון אלערליי קאלירען זענען ארומגעלאפען איז וואלד און געבראכען ביימער ווי א שטורמווינד.

פון די גרינע בערג האבען זיך אראבגעגאסען מיט א רעש גאנצע טייכען. בעהאמאסען האבען געשטיפט אין וואסער און גרויסע ים-בהמות פון זעקס איילען די לענג זענען געלעגען אויסגעצויגען אויף דעם גראז.

אין דעם שענעם וועלדיגען האבען זיך נאך ארויסגעזעהן צווישען די צווייגען פון די בוימער כל א מיני פייגעל, וואס זייערע פעדערען האבען געבלישטשעט ווי טייערע ברילאנטען.

ארום זייגער דריי איז דער לופטבאלאן געקומען צו דער גרעניץ פון ניגריציע. די אראבער פון דעם שבט שואס, וואס זיצען דארטען, האבען געפאסעט זייערע טשערעדעס.

באלד זענען די רייזענדע געפלויגען איבער דעם גרויסען טייך בעינוע, און דער דאקטאר האט דערצעהלט, אז אויף דעם טייך איז א מאל געגאנגען דאס דאמפשיף פלעיאדע ביז דער שטאדט יאלא.

— פון דעם קענט איהר זעהן, האט ער געזאגט, אז מיר געפינען זיך אין א בעקענט ווינקעל.

פארנאכט האט זיך „וויקטאריע“ אנידערגעשטעלט פערציג מייל פאר דער שטאדט יאלא, וואס פון דארטען האט מען ארויסגעזעהן דעם הויכען בארג מענדיף. דער דאקטאר האט די גאנצע נאכט קיין אויג ניט צוגעטאן, מחמת עס איז געוועזען זעהר א גרויסער ווינד און דער לופטבאלאן האט זיך קוים געהאלטען אויף דעם אנקער.

אויף דעם אנדערן טאג זענען זיי ווייטער אוועקגעפלויגען, דער גרויסער ווינד האט זיי ניט געלאזט זיך צושטעלען אין דער שטאדט יאלא און זיי אוועקגעטראגען אקעגען דעם בארג מענדיף, וואס זיינע שפיצען גרייכען העכער פון די וואלקען. באלד האט זיך ארויסגעוויזען דער בארג באזולא מיט זיינע אבטצעהן דערפער, וואס ליגען אויף זיינע זייטען, ווי קינדער ארום זייער מאמע, און זייגער דריי איז „וויקטאריע“ שוין געוועזען נעבען בארג מענדיף, וואס עס איז אונמעגליך געוועזען איהם אויסצומיידען.

— דער דאקטאר האט דערהיצט דעם גאז ביז הונדערט גראד און זיך אויפגעהויבען ביז פיער טויזענד איילען אין דער הויך. די לופט איז דארטען אזוי שטארק קאלט געוועזען, אז זיי האבען זיך געמוזט איינוויקלען אין זייערע קאלדרעס.

מענדיף איז געוועזען א מאל א פייערשפייענדיגער בארג, דאס האט מען ארויסגעזעהן פון זיינע גרויסע טיפע לעכער, אויבען איז ער געוועזען בעדעקט מיט זעהר פיעל גואנא (צואה פון פייגעל), וואס מען וואלט דערמיט געקענט אויסמיסטיגען אלע פעלדער פון גאנץ ענגלאנד. זייגער פינף האט זיך דער לופטבאלאן געשטעלט אויף א פעלד אין מיטען וואלד. קענעדי האט געשאסען עטליכע ווילדע קאטשקעס, מען האט דערפון

געמאכט א גוטע וועטשערע און זיי האבען רוהיג איבערגעשלאפען די נאכט.

אויף דעם אנדערן טאג, דעם עלפטען מאי, האבען זיך אונזערע רייזענדע געלאזט ווייטער אין וועג אריין. דער ווינד האט זיי אוועקגעטראגען קיין צפון-זייט און ארום זייגער ניין האבען זיי דערזעהן די גרויסע שטאדט מאספעיא, וואס זי געפינט זיך צווישען צוויי הויכע בערג.

בשעת זיי זענען געפלויגען איבער דער שטאדט, איז אין איהר אריינגעפאהרען דער שייך ארומגערינגעלט מיט רייטער. ער האט געטראגען א מלבוש פון ליכטיגע קאלירען, פאר איהם זענען געגאנגען טרומייטערס און לייפערס, וואס האבען געמאכט א ווארע. דער דאקטאר האט זיך אראבגעלאזט, כדי צו בעטראכטען דעם עולם פון דער נאהענט. די אלע לייט זענען זיך צולאפען ווי באלד זיי האבען דערזעהן דעם לופטבאלאן, נאר דער מושל איז געבליבען שטעהן, האט אנגעלאדען זיין ביקס און געווארט ביז דער לופטבאלאן וועט צו איהם צוקומען.

— אז דער דאקטאר איז געוועזען זעכציג איילען פון דער ערד, האט ער אבגעגעבען דעם שייך א גוט מארגען אויף אראביש. ווי דער שייך האט דערהערט א קול פון אויבען, האט ער זיך אנגעהויבען צו בוקען און ניט געוואלט בשום אופן אויפהערען.

— עס איז גאנץ פשוט, האט דער דאקטאר געזאגט, אז די היגע מענשען נעהמען אונז אן פאר מלאכים. איהר קענט אייך משער זיין, וואס פאר א ניסים ונפלאות זיי וועלען האבען צו דערצעהלען פון אונז זייערע קינדסקינדער. גלייכער וואלט געוועזען, זיי זאלען אונז אננעהמען פראסט פאר מענשען. דורך דעם וואלטען מיר געקענט אויספארשען דאס גאנצע לאנד, נאר איהר וועט זיי אבער ניט ארויסשלאגען פון דעם קאפ, אז מיר זענען ניט קיין מלאכים, ווארום זיי וועלען בשום אופן נישט גלויבען, אז דער לופטבאלאן איז א מאשין. אין דעם לאנד זענען שוין אומגעקומען א סך געלערענטע מענשען, וואס האבען דא געוואנדערט. באלד וועלען מיר צו-פליהען נאהענט צו דעם קעניגרייך בארגימי, דורך וועלכען דער בעריהמטער רייזענדער פאגעל האט געוואנדערט אין יאהר 1865 געהענדיג קיין וואדאי. דארטען איז ער פערפאלען געווארען און מען האט פון איהם נישט קיין שום ידיעה. פאגעל, וואס זיין שם געהט אין

דער גאנצער וועלט, איז איינגאנצען אלט געוועזען דריי און צוואנציג יאהר, אז ער האט זיך אוועקגעלאזט קיין אפריקא. אין זיין לעצטען בריעף שרייבט ער, אז ער געהט קיין וואדאי, וואס דארט איז נאך קיין שום מענש פון אייראפא ניט געוועזען. פון דענסטמאל אן איז פון איהם שוין ניטא קיין איינגעטונקטע פען. א טייל מיינען, אז ער זיצט געפאנגען ביי דעם דארטיגען סולטאן, און אנדערע זאגען, אז מען האט איהם גאר געהרגעט דערפאר, וואס ער האט געוואלט ארויפגעהן אויף זייער הייליגען בארג. נאר מיר וועלען אבער באלד הערען, וואס מיט איהם טהוט זיך, מחמת מען האט פון לייפציג ארויסגעשיקט דעם געלערנטען געגלין מיט א גאנצער מחנה, זיי זאלען איהם אויפזוכען.

די שטאדט מאספעיא איז שוין לאנג פערשוואונדען געווארען און דער לופטבאלאן איז געפלויגען איבער פעלדער מיט אינדיגא און מיט נאך אלערליי בשמים, וועלדער מיט שמעקענדיגע אקאציענבוימער זענען געלאפען פאר זייערע אויגען און באלד האבען זיי דערזעהן דעם גרויסען טייך סארי, וואס ער פאלט אריין אין די אזערע טשאד.

— איצט, האט דער דאקטאר געזאגט, קומען מיר אן צו דעם קעניגרייך לאגום, אדער אין דער הויפטשטאדט קערנאק. דא זענען אויך אומגעקומען גענוג פון אונזערע מענשען, מען קען זאגען, אז אפריקא איז דער בית-עלמין פון אייראפא

פליהענדיג איבער דעם טייך סארי, האט דער ווינד אנגעהויבען שטילער צו ווערען און אין א האלבער שעה ארום האט זיך דער לופטבאלאן אנידערגעשטעלט פאר דער שטאדט קערנאק א הונדערט איילען הויך פון דער ערד. צווישען בוימער זענען געשטאנען א סך וועבערים און האבען געוועבט לייוונט.

די גאנצע שטאדט איז גוט געבויט מיט שענע הייזער און ברייטע גאסען. אויף דעם גרויסען מארק, וואס מען פערקויפט שקלאפען, זענען געשטאנען א סך סוחרים. ווי באלד מען האט נאר דערזעהן דעם לופטבאלאן, זענען זיך אלע צולאפען.

דער שייך פון לאגום איז ארויסגעגאנגען אקעגען דעם לופטבאלאן מיט א גאנצער קאפעליע מיט א גרינער פאהן אין דער האנד. פון דערווייטענס האט מען געזעהן. די רייטערס לויפען פון אלע זייטען און

דאס גאנצע חיל גרייט זיך אן צו א מלחמה. דער שייך האט גענעבען א מאך מיט דער האנד און אלע זיינע לייט זענען שטיל געבליבען. ער האט לאנג עפּים גערעדט, נאר דער דאקטאר האט גארנישט פערשטאנען. געשטויסען האט ער זיך פון זיינע מינעס, אז ער פערלאנגט דער לופטבאלאן זאל אוועקפליהען. נאר אז די גרויסע לייט האבען געזעהן, אז דער לופטבאלאן שטעהט אלץ אויף איין ארט, האבען זיי אנגעהויבען שרעקליך צו רעווען. איטליכער פון די פיינע — בריות האט געהאט א גרויסען בויך און געטראגען אויף זיך עטליכע העמדער פון כל א מיני קאלירען. צו דער כנופיא האבען זיך נאך צוגעלאזט עטליכע טויזענד נעגערן און געמאכט מיט די הענד.

אס חיל האט זיך דערווייל אויסגעשטעלט צו דער מלחמה, געוואפענט מיט בויגענס און מיט פיילען.

דער לופטבאלאן האט זיך אויפגעהויבען אזוי הויך, אז די פיילען זאלען צו איהם ניט נרייכען. דער שייך האט אבער אנגעלאדען זיין ביקס און געצילט פונקט אין לופטבאלאן. מיט איין שאס האט קענעדי פון אויבען צובראכען דעם שייכס ביקס אויף שטיקלעך. אלע זענען זיך צולאפען פאר פחד און די שטאדט איז געבליבען לעדיג.

ביי נאכט איז די לופט נעוועזען אלץ שטיל און אונזערע רייזענדע האבען געמוזט בלייבען נעכטינען איבער דער שטאדט, וואס מען האט דארטען ניט געזעהן אין ערגיץ קיין פייער און ניט געהערט קיין שארך. דעם דאקטאר איז די מעשה נאר נישט געפעלען, און ער האט טאקי רעכט געהאט, ווארום ארום האלבע נאכט איז פלוצלים די שטאדט געווארען איינגעטונקט אין פלאם פייער, און הונדערטער פייערדיגע שנירעלעך זענען געפלויגען אין דער לופט אהין און אהער. די רייזענדע האבען זיך שטארק דערשראקען, אז זיי האבען דערזעהן, ווי די גאנצע שרפה הויבט זיך אויף צו דעם שיפעלע און אונטען איז א גרויס געשריי און א געשיסעריי פון ביקסען. דער דאקטאר האט זיך אנגעשטויסען, וואס דאס בעטייט.

די ווילדע האבען פרויסגעלאזט אויף „וויקטאריען" טויזענדער טויבען, מיט אנגעצונדענע ליכטלעך צוגעבונדען צו די עקען. קענעדי האט אנגעהויבען צו שיסען פון אלע זיינע ביקסען אין דעם חיל אריין, נאר וואס האט ער אבער געקענט מאכען אקעגען אזא מחנה. די טויבען זענען שוין געוועזען נאהענט פון דעם שיפעלע, דער דאקטאר האט גיך אראבגעווארפען א שטיק גאלד און דער לופטבאלאן האט זיך

אויפגעהויבען גאנץ הויך און ארויס פון דער סכנה. צוויי שעה כסדר האבען זיי נאך געזעהן, ווי די טויבען דרעהען זיך אונטען אין דער לופט מיט דעם פייער, דערנאך האט אנגעהויבען טונקעלער צו ווערען ביז עס איז געווארען גאר פינסטער.

— אט אזוי טהוען די ווילדע, אז זיי ווילען פארברענען ביי דעם שונא א דארף, — האט דער דאקטאר זיך אנגערופען, — נאר אונזער דארף איז אוועקגעפלויגען העכער פון זייער פייער, און מיר מעגען דא שלאפען גאנץ רוהיג.

כ.

ארום זיינער דריי אין דער פריה האָט זיך אויפגעהאַפּט א ווינטעל און דער לופטבאַלאָן איז אַוועקגעפלויגען.

— מיר פליהען זעהר גוט, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט א קוק געבענדיג אויף דעם קאָמפּאַס, מיר וועלען נאָך היינט זעהן די גרויסע אָזערע טשאַד, וואָס איהר וועט זעהר הנאה האָבען איבער איהר צו פליהען. מיר האָבען זיך, אמת, אַזוי אויך ניט וואָס צו בעקלאָגען. א חוץ דעם שטיקעל מדבר, וואָס מיר האָבען דאָרטען געליטען, איז אונז אויף דער רייזע אומעדום, דאַנקען גאָט, גוט געגאַנגען און „וויקטאָריע" האָט זיך תמיד אויסגעדרעהט פון אַלע צרות. היינט איז דער צוועלפטער מאַי, דעם אַכטצעהנטען אַפּריל זענען מיר אַוועקגעפלויגען פון זאַנזיבאַר, האָט איהר שוין פינף און צוואַנציג טעג, אַז מיר זענען אויף דער רייזע, און אין צעהן טעג האָף איך מיט גאָטס הילף צו ענדיגען די נסיעה. צו וועלכען אָרט מיר וועלען צום סוף צופליהען, ווייס איך ניט, נאָר מסתמא וועט אונז גאָט אויספיהרען ווי ביז אַהער, דאָס מוז איך אייך זאָגען, מיינע ליבע פריינד, אַז מיר זענען גליקלוכער ווי אַנדערע רייזענדע, ווי, אַ שטייגער, באַרט, ריטשאַרדסאָן און פאָגעל, וואָס זענען צושיידט געוואָרען אין מיטען וועג. מיר, דאַנקען גאָט, זענען נאָך אַלע אינאיינעם, און איך בעט דיך, ליבער קענעדי, אַז ווייטער זאָלסטו ניט אַוועקגעהן אויף געיעג, וואָרום עס קען אויסקומען, דער לופטבאַלאָן זאָל דאַרפען אַוועקפליהען פונקט ווען דו וועסט זיין אין וואַלד.

קענעדי האָט אַראָבגעוויזען דעם דאָקטאָר אויף גאַנצע סטאַדעס פון זשיראַפען און גאַזעלען, וואָס זיי האָבען אויסגעזעהן פון דער הויך ווי קעצלעך, און אויף שטרויסען, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי היהנער, און האָט איהם געבעטען, ער זאָל זיך אַראָבלאָזען נידריגער, כּדי ער זאָל קענען שיסען.

— איך וועל דיר דאָס צוליעב טאָן, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, נאָר איך פרעג דיך, צו וואָס זאָלסט דו שיסען אַזעלכע אומשולדיגע חיות? זעהסט דו, אַ לייב אָדער א לעמפּערט — דאָס איז עפּיס אַנדערש. זיי זענען מזיקים.

„וויקטאָריע" האָט זיך אַראָבגעלאָזט נידריגער און איז געפלויגען איבער דעם טייך סאַרי, זיינע ברעגען זענען געווען בעדעקט מיט בוימער און גראָז און צווישען זיי האָבען זיך געשפּילט קראָקאָדילען און אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער גאַנץ געשווינד ווי יאַשטשערקעס.

זיינער ניין אין דער פריה זענען די רייזענדע אָנגעקומען צו דער אָזערע טשאַד, וואָס זי איז אַזוי גרויס ווי אַ ים און וואָס א לאַנגע צייט האָט מען נישט געגלויבט, אויב זי איז דאָ אויף דער וועלט. די אָזערע איז אַרומגערינגעלט מיט גרויסע זומפּען, אין וועלכע באַרט איז שיער ניט דערטרונקען געוואָרען. גאַנצע שטעדט, וואָס שטעהען אויף זיינע ברעגען, ווערען אָפט פערזונקען. אַזוי איז אין יאָהר 1856 פערשוואונדען געוואָרען די שטאָדט נהאָרנאַ, וואָס אויף איהר שווימען איצט אַרום בעהאָמאָסען און די גרויסע קראָקאָדילען. דאָס וואַסער פון דער אָזערע קען מען ניט טרינקען, עס האָט אַ טעם ווי סאָדע.

בשעת דער דאָקטאָר האָט זיך בעשעפטיגט אַראָבצונעהמען אויף דער לאַנדקאַרטע די אָזערע, האָט זיך קענעדי ניט געקענט איינהאַלטען און אויסגעשאָסען אויף אַ גרויסען בעהאָמאָס, וואָס ער איז אַרויסגעשוואומען אויף דעם וואַסער. די שפּיצעבדיגע קויל אָבער האָט איהם גאָר ניט געריהרט

— אומזיסט, כ'לעבען, דיין שיסען, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען, די קויל האָט איהם אפילו קיין דראַפּ ניט געטאָן: איהם קען נאָר די קויל נעהמען, אַז זי טרעפט אין בויך אַריין. נאָר האָב נישט קיין עגמת נפש, קענעדי, אַז עס וועט אונז געראָטען צו קומען קיין צפון-זייט פון דער אָזערע, וועסט דו דאָרט האָבען א גאַנצען זווערינעץ און שיסען חוּפיעל דיין האַרץ גלוסט.

נאָהענט פון דער אָזערע טשאַד האָט זיך דער לופטבאַלאָן גענומען אַביסעל קיין מערב-זייט.

די וואָלקען און דאָס וואַסער פון דער אָזערע האָבען אַביסעל אָבגעקיהלט די לופט.

דער ווינט האָט פאַרטראָגן דעם לופטבאַלאָן צו דער שטאָדט קיקו, וואָס זי איז די רעזידענץ פון דעם לאַנד באָרנוא, אָדער ווי אַנדערע רופען עס בר-נח, דאָס הייסט דאָס לאַנד וואָס דאָרט האָט זיך באַזעצט חם, נח'ס זוהן. די שטאָדט איז אַרומגערינגעלט מיט אַ מויער פון ווייס ליים. די שטאָדט איז צוטיילט אין צווייען, אין איין חלק וואוינען די רייכע און אין דעם אַנדערן די אָרימעלייט. אין מיטען מאַרק וואַקסען הויכע טייטעלבוימער, וואָס בשעת אַ גרויסער היץ זיצט מען אונטער זיי ווי אונטער אַ פּאַראַסאָל.

די רייזענדע האָבען נאָך ניט צייט געהאַט צו בעטראַכטען די שטאָדט, האָט זיי דער ווינד אַ טראָג געגעבען ווידער איבער דער אָזיערע. די ווילדע מענשען פון די קעמפּעס האָבען געשאָסען אַקעגען דעם לופטבאַלאָן, נאָר ער איז בשלום געפלויגען זיין וועג.

— טהוט נאָר אַ קוק, האָר קענעדי, האָט זיך דזשאָע אָנגערופען, עפּיס העט דאָרטען גאַנץ הויך פליהען פייגעל, איהר מעגט אָנגרייטען אייער ביקס. דער דאָקטאָר, דאַכט זיך, וועט אייך ערלויבען זיי צו שיסען.

— ערלויבען וועל איך אייך אודאי, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען, אַ קוק געבענדיג אויף זיין שפּאַקטיוו, נאָר איך וואָלט בעסער געוואונשען, אַז זיי זאָלען זיין פון אונז אַביסעל ווייטער, ווייל דאָ פליהען פערצעהן אָדלערס פון דער גרעסטער גאַטונג, און אויב זיי וועלען אויף אונז אָנפאַלען, איז גאָר ניט גוט.

— עט, פאַר וואָס דאָ איז מורא צו האָבען, האָט קענעדי אַ זאָג געטאָן, פון פערצעהן שטיקלעך עופות וועגען איז נאָך דאָ ביי מיר גענוג קוילען.

אין צעהן מינוט אַרום זענען די אָדלערס שוין ניט ווייט געוועזען פון דעם לופטבאַלאָן און האָבען זעהר הויך געשריגען. זיי זענען געפלויגען ווי די רוחות און זיך אַלץ צוגעלאָזט נעהענטער. דער דאָקטאָר האָט זיך געפּריווט אויפהייבען העכער, זיי זענען איהם אָבער נאָכגעפלויגען. קענעדי האָט שוין געוואָלט אויף זיי שיסען, נאָר דער דאָקטאָר האָט איהם אָבגעהאַלטען.

— וואָס וועט דיר אַרויסקומען, — האָט דער דאָקטאָר צו איהם געזאָגט, — אַז דו וועסט צוויי, דריי הרגענען,

די איבריגע קענען אַרויף אויף דעם לופטבאַלאָן און דו וועסט זיי אפילו גאָר ניט זעהן. מיר זענען איצט פונקט אין אַזאַ סכנה, ווי איינער אויף דער ערד, צווישען אַ גאַנצע טשאַטע לייבען און לעמפּערטען. איך בעט דיך, זאָלסט ניט שיסען, ביז איך וועל דיר הייסען

די אָדלערס זענען שוין געוועזען גאַנץ נאָהענט, זיי זענען געפלויגען מיט אויסגעשטרעקטע העלזער, די אויגען האָבען ביי זיי געברענט ווי פייער און זיי האָבען געשריגען אויף אַ אומגעלומפּערט קול. איינער פון זיי איז גלייך צוגעפלויגען צו דעם לופטבאַלאָן מיט אַ אָפענעם פּיסק און מיט צולאָזטע נעגעל. עס האָט אויסגעוויזען, אַז ער איז מלא רציחה, פאַר וואָס מענשען פליהען אין דער לופט, וואָס דאָרטען איז זיין קעניגרייך.

— שיס אויס, האָט דער דאָקטאָר אַ געשריי געטאָן, און דער דערשאָסענער אָדלער איז באַלד אַראָבגעפאַלען, דרעהענדיג זיך אין דער לופט.

די איבריגע אָדלער האָבען זיך דערשראָקען און אַוועקגעפלויגען. נאָר באַלד זענען זיי צוריקגעקומען נאָך מיט מעהר כעס.

קענעדי האָט איינעם אָבגעשאָסען דעם קאָפּ און דזשאָע האָט נאָך איינעם געטראָפען אין אַ פליגעל, די איבריגע אָדלערס האָבען זיך אַלע מיט אַ מאָל אויפגעהויבען העכער פון דעם לופטבאַלאָן, גלייך ווי זיי וואָלטען זיך דערצו אָנגערעדט.

דער דאָקטאָר איז פאַר שרעק געוואָרען ווייס ווי קאַלך און טאַקי באַלד האָט מען געהערט, ווי דער לופטבאַלאָן צורייסט זיך און ווי דאָס שיפעלע גליטשט זיך אַרויס פון אונטער די פיס.

מיר זענען אויסגעשטעלט, האָט דער דאָקטאָר אַ געשריי געטאָן, וואַרפט ניכער אַראָב די משא!

און אין איין רגע זענען אַלע שטיקער גאָלד אַראָב אויף דער ערד

— מיר פאַלען נאָך, האָט ער ווייטער געשריגען, גיסט גיך אויס דאָס וואַסער, מיר פאַלען גלייך אין אָזיערע אַריין.

דזשאָע האָט דאָס אויך געטאָן, נאָר דאָס שיפעל איז אַלץ געפאַלען נידריגער און עס איז שוין מעהר נים געוועזען הונדערט איילען ווייט פון דעם וואַסער.

— וואַרפט נאָך אראָב דאָס עסענוואַרג! — האָט דער דאָקטאָר אַ געשריי געטאָן.

און דאָס איז אויך באַלד געשעהן. דאָס שיפעלע איז שוין אפילו נים אַזוי גיך געפאַלען, אָבער פונדעסטוועגען האָט עס זיך נאָך פאָרט געלאָזט אין וואַסער אַריין.

— וואַרפט ווייטער! האָט דער דאָקטאָר געשריגען.

— עס איז שוין מעהר ניטאָ וואָס צו וואַרפען, האָט קענעדי געזאָגט.

— עס איז נאָך דאָ, האָט דזשאָע געענטפערט און האָט זיך באַלד אַראָבגעוואָרפען פון דעם שיפעלע.

— דזשאָע! דזשאָע! האָט דער דאָקטאָר אָנגעהויבען צו שרייען.

נאָר דזשאָע האָט שוין נים געקענט הערען, מחמת „וויקטאָריע“ ווי זי איז נאָר גרינגער געוואָרען, האָט זיך אויפגעהויבען פינף הונדערט איילען אין דער הויך און דער ווינד האָט זי אַוועקגעטראָגען צו די ברעגע פון דער אָזיערע קיין צפון=זייט

— ער איז, נעבעך, אומגעקומען, האָט קענעדי געזאָגט.

— יאָ, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, ער האָט זיך מפקיר געוועזען, כדי אונז צו ראַטעווען.

און ביידע האָבען אָנגעהויבען שטאַרק צו וויינען, זיי האָבען זיך אַראָבגעבויגען צו געפינען כאָטשע אַ שפור פון דעם אומגליקליכען דזשאָען, נאָר זיי זענען שוין געוועזען צו ווייט,

— מיר מוזען זעהן זיך אַראָבלאָזען, ווען עס וועט נאָר מעגליך זיין, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, און אויסוואַרטען

נאָך זעכציג מייל פליהען האָט זיך „וויקטאָריע“ אַראָבגעלאָזט אין צפון=זייט אויף אַ פוסטען ברעג.

דער אַנקער האָט זיך פאַרטשעפעט אין אַ בוים און קענעדי האָט איהם שטאַרק צוגעבונדען.

עס איז געוואָרען נאַכט, נאָר דער דאָקטאָר און קענעדי האָבען קיין אויג נים צוגעמאַן.

כא.

דעם דרייצעהנטען מאי אין דער פריה האָבען אונזערע רייזענדע צום ערשטען בעטראַכט דאָס אָרט, אויף וועלכען דער לופטבאַלאָן איז געשטאַנען פעראַנקערט. דאָס איז געוועזען אַ טרוקען שטיקעל ערד, ווי אַ קעמפּע אין מיטען אַ גרויסער בלאָטע, און אַרום איהם האָט זיך געצויגען גאָר אָהן איין עק אַ גאַנצער וואַלד פון טשערעט, אַזוי הויך און גרויס ווי אונזערע ביימער. פון איין זייט קעמפּע האָט זיך די אָזיערע צוגאָסען שרעקליך ברייט ווי אַ ים און „וויקטאָריע" איז געוועזען זיכער פון אַלע זייטען.

ביז איצט זענען די צוויי רייזענדע געוועזען אַזוי בעטריבט און דערשלאָגען, אַז עס האָט זיך זיי ניט געעפענט דאָס מויל צו רעדען איבער דעם אומגליקליכען דזשאָען. קענעדי האָט צום ערשטען געמאַכט אַ שמועס מיט דעם דאָקטאָר.

— עס קען געמאָלט זיין, האָט ער געזאָגט, אַז דזשאָע איז ניט אומגעקומען. דו ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַ פלינקער יונג ער איז, און צו זיין שווימען איז נאָך אויף דער וועלט זיין גלייכען ניטאָ. עפּיס זאָגט מיר דאָס האַרץ, אַז מיר וועלען איהם נאָך זעהן, ווי און ווען ווייס איך ניט. נאָר מיר דאַרפען אַלצדינג טאָן איהם אויפצוזוכען.

— הלואי פון דיין מויל אין גאָטס אויערען, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט פון גאַנצען האַרצען, מיר וועלען אודאי קיין מיה ניט שפּאָרען און טאָן וואָס נאָר מעגליך איז. קודם כל אָבער לאָמיר אַראָבנעהמען די צוויסענע שטאַטעס, וואָס עס איז געבליבען פון דעם אויסגעצייכנעטען גרויסען לופטבאַלאָן, און דורך דעם וועלען מיר בעפרייען „וויקטאָריען" פון זעקס הונדערט מיט פופציג פונט משא, וואָס באַמבעלט זיך נאָר אומזיסט אויף איהר אַרום.

פיער שעה כסדר האָבען די רייזענדע געהאָרעוועט ביז זיי זענען

פאַרטיג געוואָרען מיט זייער אַרבייט. דער אינוועניגסטער לופטבאַלאָן איז געבליבען גאַנץ אויף אַ האָר נישט גערירט.

— אונזער „וויקטאָריע" איז איצט קלענער געוואָרען מיט אַ פינפטעל חלק, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען, פונדעסטוועגען וועל איך אויסרעכענען, אַז זי זאָל אונז קענען טראָגען אינאיינעם מיט דזשאָען, ווען מיר וועלען איהם געפינען.

— ווי מיר דאַכט זיך, האָט קענעדי געזאָגט, זענען מיר געוועזען בשעת פאַלען ניט ווייט פון אַ קעמפּע.

— עס איז טאַקי אמת, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, נאָר די אַלע קעמפּעס אויף דער אָזיערע טשאַד זענען בעזעצט מיט מענשענפרעסער און אויב דזשאָע איז אַריינגעפאַלען צו זיי אין די הענד, ווייסט נאָר איין גאָט, וואָס מיט איהם קען זיין.

— גלויב מיר, האָט זיך קענעדי אָנגערופען, אַזאַ מענש ווי אונזער דזשאָע, וועט אויף דעם פייער אפילו אויך ניט פאַרברענט ווערען. ער וועט זיך פון די ווילדע אויך קענען אויסדרעהען.

— מהיכא־תיתי, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, הלואי דו זאָלסט אמת זאָגען. איצט, זעהסט דו, קענסט־דו געהן אויף געיעג, מיר דאַרפען זיך טאַקי פערזאָרגען מיט עסען. נאָר איך בעט דיך, פערשלאָג זיך ניט גאַנץ ווייט.

בשעת קענעדי איז געוועזען אויף דער יאַכט, האָט דער דאָקטאָר דערווייל אויסגערעכענט, וויפיעל משא דער קלענער לופטבאַלאָן קען אויפהייבען. פאַרנאַכט איז קענעדי צוריקגעקומען מיט אַ סך געשאָסענע ווילדע גענז און קאַטשקעס, וואָס ער האָט זיי אַליין אָבגעבראָטען און איינגעפּאַקט אין דעם שיפעלע.

ביי נאַכט האָט איטליכער אויף זיין וואַך גוט געקוקט אין אַלע זייטען. עס האָט זיך זיי אַלע מאָל געדאַכט, אַז זיי הערען דזשאָעס קול. נאָר עס איז אָבער געוועזען אַ טעות, מען האָט ניט געהערט און ניט געזעהן. אין דער פריה האָט דער דאָקטאָר אויפגעוועקט קענעדי'ן און איהם געזאָגט, אַז ער האָט בדעה צוריקצופליהען אויף דער אָזיערע, אַזוי ווי דער ווינד בלאָזט בלויז אַהין, און דאָרטען זיך האַלטען אין דער הויך דעם גאַנצען טאָג, בכדי דזשאָע זאָל זעהן, אַז מען זוכט איהם, וועט ער געוויס געבען פון זיך אַ ידיעה.

— און לאָמיר אפילו אָננעהמען, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. אַז דזשאָע איז געפאַנגען, וועט ער אין דעם פאַל אויך אונז קענען צו וויסען טאָן, אַז מיר זאָלען איהם ראַטעווען, מחמת ביי די ווילדע געהען די געפאַנגענע אַרום פריי, אָהן שומרים. באַם אָבער, אַז מיר וועלען איהם אויף די קעמפּעס ניט געפינען, וועלען מיר זיך לאָזען צוריק צו דעם איצטיגען אָרט, און גוט בעטראַכטען דעם גאַנצען ברעג און אין דער צייט וועט זיך אפשר דזשאָע צו אונז צו־שלאָגען.

דער דאָקטאָר האָט אָבגעמאָלט דאָס שטיקעל אָרט, אויף וועלכען ער איז געשטאַנען און בערעכענט, אַז ער געפינט זיך אין צפון־זייט פון דער אָזיערע טשאַד, צווישען דער שטאָדט לאַרי און דעם דאָרף אינזע־מיני. זיינער זיבען איז דער לופטבאַלאָן אַוועקגעפלויגען גלייך אויף דער אָזיערע נישט מעהר ווי הונדערט איילען די הויך. קענעדי האָט אָפּט געשאָסען פון דעם ביקס, און זיך צוגעקוקט אומעדום אויף אַלע ערטער, וואָס אַ מענש קען זיך דאָרט בעהאַלטען. אַזוי איז פערגאַנגען צוויי שעה און דאָס זוכען איז געוועזען אומזיסט.

ביז זיינער עלף איז „וויקטאָריע" אײנגעפלויגען אַכציג מייל. דער ווינד האָט זי דערנאָך אַ טראָג געגעבען קיין מזרח־זייט, און זי איז גע־פלויגען איבער דער גרויסער קעמפּע פאַראַם, וואָס זי איז בעזעצט מיט מענשען. דער דאָקטאָר האָט זיך געשטעלט דאָרטען וואַרטען, טאָמער וועט דזשאָע געבען פון זיך עפּיס אַ ידיעה. איז ער פריי, האָט ער ביי זיך געטראַכט, וועט ער איהם אַרויפנעהמען צו זיך נאָר אָהן צרות, און אויב ער איז געפאַנגען, וועט ער געברויכען דאָ די אייגענע קונץ, ווי בשעת ער האָט מציל געוועזען דעם פראַנצויז. נאָר אומזיסט זיין טראַכ־טען, פון דזשאָען האָט מען קיין שום שפור ניט געקענט טאַפּען. זיי זענען געוועזען אויסער זיך פאַר עגמת נפש.

דער דאָקטאָר האָט געהאַט גרויס האַרצוועהטאָג, וואָס דער ווינד בלאָזט אַלץ קיין מזרח־זייט און האָט מורא געהאַט, אַז זיי זאָלען ניט פערטראָגען ווערען ווידער אין דער מדבר אַריין. אַ גאַנצע שעה האָט ער זיך געדרעהט אין דער לופט אַרויף און אַראָב ביז ער האָט צום סוף גע־פונען אַ ווינד, וואָס האָט איהם נאָך אַמאָל אַוועקגעטראָגען צו דער אָזיערע. דער דאָקטאָר האָט שוין אָנגעהויבען מסופק צו ווערען, צו געפינט זיך נאָר דזשאָע אויף איינער פון די קעמפּעס, וואָרום ווי וואָלט ער ביז אַהער שוין ניט געגעבען פון זיך אַ ידיעה. אפשר איז ער,

חלילה, דערטרונקען געוואָרען, אָדער אפשר האָט איהם גאָר אַ קראָקאָדיל איינגעשלונגען, נאָר ער האָט זיך אָבער אין האַרצען געטרייסט, אַז די קראָקאָדילען געפינען זיך מיינסטענס נאָר נעבען ברעג, און גידער זענען זיי דאָ ניט אַזוי מסוכן.

אַרום זיינער פינף פאַר נאַכט האָט דער דאָקטאָר דערזעהן די שטאָדט לאַרי. די איינוואוינער האָבען אַראָבגענומען פון די פעלדער זייער בוימוואָל. דער ווינד האָט זיי געטראָגען און געבראַכט צוריק אויף דעם איינענעם אָרט, פון וואַנען זיי זענען אין דער פריה אַוועקגעפלויגען. דער אַנקער איז פערשמירט געוואָרען אין בלאָטע צווישען טשערעט. דער ווינד איז שטיל געבליבען און די רייזענדע זענען די נאַכט ניט געשלאָפען

———

כב.

זייגער דריי אין דער פריה איז דער ווינד אַזוי שטאַרק געוואָרען, אַז „וויקטאָריע״ האָט זיך קוים געהאַלטען אויף דעם אַנקער.

— מיר מוזען פון דאַנען באַלד אַוועקפליהען, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, וואָרום ווען ניט, קען נאָך דער לופטבאַלאָן צעריסען ווערען. ווען אפילו דער שטורעמווינד זאָל אונז פערטראָגען גאַנץ ווייט, וועל איך אַהער צוריק קומען אָפּצוזוכען דזשאָען. דאָס האַרץ וויינט אין מיר, אַז מיר מוזען אַוועקפליהען אָהן איהם, נאָר וואָס העלפט דאָס, אַז מען קען בעסער ניט מאַכען.

ביי דעם אַוועקפליהען האָבען אונזערע רייזענדע ערשט געפיהלט אַז אָהן דזשאָען זענען זיי ווי אָהן אַ האַנד. זיי האָבען זיך ביידע, נעבעך שטאַרק געמוטשעט אַרויסצוציהען דעם אַנקער, נאָר עס איז זיי ניט געגאַנגען, דער דאָקטאָר האָט פשוט איבערגעהאַקט דעם שטריק און געלאָזט דעם אַנקער אין בלאָטע, וויקטאָריע האָט באַלד געגעבען אַ שפּרונג אויף הונדערט איילען פון דער ערד. עטליכע מינוט זענען זיי געזעסען ווי דערשלאָגען און ניט גערעדט קיין וואָרט. דערנאָך האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען צו קענעדי'ן:

— עס קען זיין, אַז גאָט שטראָפט אונז דערפאַר, וואָס מיר האָבען זיך מפקיר געווען, אַרויפצופליהען אויף די וואָלקען. אפשר טאָהרען עס מענשען גאָר ניט פריווען. ערשט צוריק מיט עטליכע טעג זענען מיר קוים אַרויס פון אַזוי פיל סכנות און איצט האָבען מיר פערלאָרען אונזער טייערען דזשאָען און דער ווינד טראָגט אונז נאָך אַוועק ווייט פון איהם.

— איך פרעג דיך נאָר, סאַמועל, האָט קענעדי געזאָגט, פאַר וואָס זאָל אונזער דזשאָע, ווען ער לעבט נאָר, זיך אויך ניט קענען אויס-

דרעהען פון די ווילדע, אַזוי ווי אַנדערע רייזענדע, אַ שטייגער, ווי דענהאַם און באַרט.

— עס איז אַ גרויסער חילוק, מיין ליבער פריינד, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, יענע האָבען געקענט דאָס לשון פון די ווילדע מענשען און האָבען געהאַט אַרום זיך סאָלדאַטען מיט געוועהר. אַ חוץ דעם האָבען זיי געגעבען אומעדום די עלטסטע פון די ווילדע גרויסע מתנות און נאָך די אַלע זאַכען האָבען זיי פונדעסטוועגען געהאַט גענוג צו זינגען און צו זאָגען, אונזער דזשאָע אָבער איז איין מוטערמענש, נאַקעט און בלויז און פאַרשטעהט ניט דאָס לשון פון די ווילדע פעלקער. גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ צרות ער וועט, נעבעך, דאָרטען אויסשטעהן. נאָר מיר וועלען זיך אָבער אומקעהרען אַהער און איהם אויפזוכען, אפילו ווען מיר וועלען דאַרפען פערלאָזען דעם לופטבאַלאָן און געהן צו-פוס, אפילו ווען מען וועט דאַרפען געהן אַליין צו דעם ווילדען סולטאַן פון באָרנואַ און איהם בעטען.

— איך וועל מיט דיר אומעדום געהן, האָט קענעדי געזאָגט, אַז דזשאָע האָט אַיינגעשטעלט זיין לעבען פאַר אונז. מוזען מיר אויך דאָס אייגענע טאָן.

דער שמועס האָט די רייזענדע אַביסעל שטאַרקער געמאַכט און דער דאָקטאָר האָט אָנגעהויבען צו זוכען אין דער לופט אַ ווינטעל, וואָס ער זאָל איהם טראָגען צו דער אָזיערע טשאַד, נאָר אומזיסט, דער ווינד האָט פערטראָגען „וויקטאָריען״ צוריק אין דער מדבר, וואָס דאָרט האָט זיך נאָך געזעהן אַ שפור פון קאַראַוואַנעס. באַלד איז פאַר זיי פערשוואונדען געוואָרען דער בעריהמטער אָאַזיס, וואָס האָט אַ סך בוימער און פופציג ברונענס. זיי זענען אַריינגעפלויגען אין דער טיפער מדבר.

דער ווינד איז אַלע מאָל שטאַרקער געוואָרען און האָט אויפגעהויבען גאַנצע בערג זאַמד. אַ קאַראַוואַן, נעבעך, וואָס איז דאָרט געגאַנגען, האָט אָנגעהויבען פערשוואונדען צו ווערען אונטער די דאָזיגע בערג. די קעמלען זענען זיך צולאָפען און האָבען שרעקליך געברומט. אַ געשריי, אַ געוויין פון מענשען איז געגאַנגען ביז אין הימעל אַריין, און אין מיטען דעם חורבן האָט דער ווינד געשטורמט מיט אַ וויינענדיג קול באַלד איז אויף דעם גלייכען סטעפּ געוואָרען אַ הויכער באַרג פון זאַמד וואָס אונטער איהם איז בעגראָבען געוואָרען דער גאַנצער קאַראַוואַן.

דער דאָקטאָר און קענעדי, וואָס האָבען צוגעזעהן די אַלע זאַכען.

זענען געוועזען טויט פאַר שרעק. דער לופטבאַלאָן האָט זיך אַזוי שטאַרק געדרעהט אין דעם שטורמווינד, אַז ס'איז איהם אונמעגליך געוועזען זיך אויפצוהייבען העכער, דאָס שיפעלע האָט זיך אַזוי געשאָקעלט, אַז די רייזענדע האָבען זיך געמוזט אָנהאַלטען אין די שטריק, זיי זאָלען ניט אַרויספאַלען, מיט אַ מאָל איז וויקטאָריע געבליבען שטעהן און געגעבען אַ פליה אין איין אַנדער זייט. דער צפון־ווינד האָט בייגעקומען דעם דרום־ווינד און האָט אַוועקגעטראָגען דעם לופטבאַלאָן צוריק פון וואַנען ער איז אַוועקגעפלויגען.

— גאָט ווייסט, וואָס ער טהוט, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, דער ווינד טראָגט אונז צוריק אויף דעם אָרט, וואָס מיר האָבען שוין ניט געהאַפט עס צו זעהן. מיך אַרט ניט וואוהין ער וועט מיך פערטראָגען, קיין קוקוא אָדער קיין חאַדי, אַנידערשטעלען וועל איך מיך שוין.

— מיר דאַכט זיך, אַז דער ווינד ווערט שטילער, האָט קענעדי געזאָגט, דער הימעל הייבט זיך אָן אויסצולייטערן.

— זעהר גוט, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, איצט דאַרף מען קוקען אויף דעם שפּאַקטיוו, אַז קיין שום זאַך זאָל מען פון די אויגען ניט אַבלאָזען.

קענעדי האָט גענומען דעם שפּאַקטיוו און האָט זיך געזעצט אַראָבקוקען פון דעם שיפעלע.

כג.

לאָמיר לאָזען די רייזענדע פליהען און זיך נעהמען צו אונזער דזשאָען.

ווי ער איז אַריינגעפאַלען אין אָזערע, האָט ער צום אַלעם ערשטען געגעבען אַ קוק אַרויף, וואוהין איז הינגעקומען דער לופטבאַלאָן, און אַז ער האָט איהם דערזעהן פליהען, איז איהם פּשוט אַראָב ווי אַ שטיין פון דעם האַרצען.

— אַ גליק, כ'לעבען, האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט, וואָס איך בין געפאַלען אויף דעם שכל אַראָבצושפּרינגען. ווען איך זאָל דאָס ניט געוועזען טאָן, וואָלטען מיר אַלע דריי אומגעקומען. נאָר איצט, אַז איך לעב, דאַרף מען טראַכטען אַרום זיך.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אַראָבקוקענדיג פון דעם שיפעלע בשעת ער איז געפלויגען, האָט ער געזעהן אַ קעמפּע. בכדי צו־צושווימען צו איהר האָט ער אַראָבגעוואָרפען פון זיך אַ טייל פון זיינע קליידער. וואָס נעהנטער ער איז אָנגעקומען צו דער קעמפּע, האָט ער זיך אַלץ מעהר געשראָקען פאַר די ווילדע פעלקער, וואָס זיצען דאָרטען און פאַר די קראָקאָדילען, וואָס געפינען זיך אין וואַסער. ער האָט זיך אָנגעהויבען אַרומצוקוקען אין אַלע זייטען און איז געשוואומען זעהר פאָרזיכטיג. עטליכע הונדערט איילען פון דעם ברעג האָט ער דערפיהלט דעם ריח פון אַ קראָקאָדיל, ער איז גיך אַראָב אונטער דעם וואַסער און שווימענדיג אַזוי, האָט ער זיך צודראַפּעט די פּלייצע אין דעם קראָקאָדילס שאַרפע שופּען. ער האָט געמיינט, אַז ער איז שוין פערפאַלען, און האָט אָנגעהויבען צו שווימען מיט אַלע זיינע כחות. עס האָט זיך איהם אַלץ אויסגעוויזען, אַז דער קראָקאָדיל לויפט איהם נאָך און וויל איהם איינשלינגען. מיט אַ מאָל האָט ער דערפיהלט, ווי מען האָט איהם אָנגעחאַפּט אין דער קווער און מען ציהט איהם ניט אַראָב צום אָבגרונד, אַזוי ווי די קראָקאָדילען טהוען, נאָר אַרויס פון דעם וואַסער.

אַז ער האָט געעפענט די אויגען, האָט ער דערזעהן, אַז איהם האַלטען צחוי שוואַרצע נעגערען, זיי האָבען איהם אוועקגעפיהרט צום ברעג און ער איז מיט זיי געגאַנגען גאָר אָהן פּחד. מסתמא האָבען זיי געזעהן, האָט ער בּיי זיך געטראַכט, ווי איך בּין אַראָבגעפאַלען פון דער הויך, חעלען זיי פאַר מיר אודאי דרך ארץ האָבען. טראַכטענדיג אזוי, איז דזשאָע אָנגעקומען צום ברעג, וואָס דאָרטען זענען איהם אקעגען געקומען אַ גאַנצע מחנה פון מאַנסבּילען, ווייבער און קינדער, אלע שוואַרץ ווי קייל. דאָס זענען געוועזען די בּידיאָמאַנען. ער האָט בּאַלד דערשמעקט, אַז דער עולם בּוקט זיך צו איהם, און חאָטשע די מעשה פון קאַזעג איז איהם נעקומען אויף די געדאַנקען, פונדעסטוועגען האָט ער זיך בּערוהיגט.

— מיר דאַכט זיך, האָט ער בּיי זיך געטראַכט, אַז איך וועל נאָך אַ מאָל ווערען אַיין אָבּגאָט, מען נעהמט מיך דאָ, אַ פּנים, אויך אָן פאַר דער לבנה'ס זוהן. נאָר וואָס זאָל מען טאָן, אַז עס איז ניטאָ קיין אַנדער מלאָכה, מוז דאָס אויך גוט זיין. טאָמער חעט דערוויל אָנקומען „חיקטאָריע“, חעל איך זיי ווייזען, ווי איך וועל אַרויף גלייך אין הימעל.

דער עולם האָט זיך לעת עתה געשטופּט אַרום דזשאָען, אָנגעהויבען איהם צו גלעטען און ווערען מיט איהם נעהנטער. מען האָט איהם געבּראַכט אַ גרויסע שיסעל פול מיט זויערמילך, מיט רייז און מיט האָניג. דזשאָע האָט גאַנץ געשמאַק געגעסען און דער עולם האָט געגאַפט אויף איהם קוקענדיג. ווי די נאַכט איז נאָר צוגעפאַלען, האָבען איהם די מכשפים פון דער קעמפע גענומען אונטער די הענד און איהם אַריינגעפיהרט אין אַ שטיבעל, וואָס עס איז געזעצען אַרום און אַרום בּעהאַנגען מיט קמיעות.

דזשאָען האָט געגרוילט דאָס לייב, אַז ער האָט אַ קוק געגעבען אויף דעם הויפען בּיינער פון מענשען, וואָס עס איז געלעגען פאַר דעם שטיבעלע, און ער האָט נעטוג געטראַכט דעריבּער, אַז ער איז דאָרטען נעבּליבען איינער אליין פערשלאָסען. בּיז האַלבער נאַכט האָט ער געהערט, ווי מען טאַנצט, מען זינגט און שפּרינגט אַרום דעם שטיבעל. און אַיין אַנדער צייט וואָלט דזשאָע פון דעם גאַנצען טאַראַראַם געהאַט אַ גרויסע הנאה, נאָר איצט אָבער האָט ער מורא געהאַט, דער כבוד ...ל איהם ניט טייער קאָסטען.

— אפשר קען זיין, האָט ער בּיי זיך געטראַכט, אַז די לייט עסען דערנאָך גאָר אויף זייער אָבּגאָט.

נאָר פאַר גרויס מידינקייט האָט ער אין אַלע צרות פאַרגעסען און איז אַנשלאָפען געוואָרען. ער וואָלט זיכער געוועזען אזוי געשלאָפען בּיז טאָג, נאָר עס איז איהם מיט אַ מאָל קאַלט געוואָרען און ער האָט זיך אויפגעהאַפּט. דאָס שטיבעל איז געוועזען האַלב מיט וואַסער, וואָס איז געגאַנגען אַלע מאָל העכער. דזשאָע האָט לאַנג ניט געטראַכט און האָט דורכגעבּראָכען מיט דער פּלייצע די וואַנד, וואָס איז געוועזען געמאַכט פון טשערעט, די קעמפּע איז געוועזען איינגאַנצען פערטרונקען, אזוי ווי עס טרעפט זיך אָפט מיט די קעמפעס פון דער אָזיערע טשאַד. דזשאָע האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין וואַסער און זיך געלאָזט שווימען, בּאַלד האָט ער דערזעהן אַ לעדיג שיפעל. ער האָט זיך אין דעם געשווינד אַריינגעהאַפּט און דער שטראָם האָט איהם פערטראָגען צו אַ בּרעג. דאָרט האָט ער געפונען אַ בּוים, אויף וועלכען ער איז אַרויפגעקראָכען און געוואַרט בּיז די זון וועט אויפגעהן

קוים איז נאָר ליכטיג געוואָרען, האָט זיך דזשאָע שרעקליך דערשראָקען, אַ קוק געבּענדיג אויף דעם בּוים, ווי ער איז בּעדעקט פון אויבען בּיז אַראָב מיט שלאַנגען און יאַשטשערקעס. ער איז גיך פון דאַנען אוועק אין וועג אַריין און האָט זיך געלאָזט זעהר פאָרזיכטיג אַלץ קיין צפון-זייט. אַ גאַנצען טאָג האָט ער זיך אומזיסט די אויגען אַרויסגענומען, קוקענדיג אויף דעם הימעל צו זוכען „וויקטאָריען“. דער הונגער האָט איהם שטאַרק געמוטשעט און ער האָט זיך געמוזט בּעגנוגען מיט בּלעטער און עטליכע טייטלען, וואָס ער האָט געפונען אויף דעם וועג.

אזוי איז ער געלאָפען אַלץ ווייטער אָהן אַ נשמה און האָט אפילו ניט געפיהלט, ווי די דערנער האָבען איהם אויף דעם וועג צוריסען דאָס לייב און צושטאָכען די פיס. אַז די זון איז אונטערגעגאַנגען, האָט ער זיך געשטעלט נעכטיגען.

איצט האָט ער ערשט געזעהן, וואָס הייסט אַזוינס צו-בּריינגען אַ נאַכט אויף דעם בּרעג פון דער אָזיערע טשאַד. די גאַנצע ערד איז געוועזען בּעדעקט מיט אַלערליי פליגען און גרויסע מורעשקעס, וואָס אין צוויי שעה האָבען זיי אויפגעגעסען דאָס לעצטע בּיסעל קליידער, וואָס איז נאָך אויף איהם געבּליבען, און האָבען איהם ניט געלאָזט קיין אויג

צו־מאַכען. אין די חעלדלעך, אין די וואַסערען האָט זיך געהערט א שרעקליכער קאָנצערט פון חילדע חיות, וואָס האָבען די גאַנצע נאַכט געריוועט און געברומט, אַז דזשאָען האָבען זיך די האָר געשטעלט קאַפּויר און ער האָט זיך מירא געהאַט אַ ריהר צו טאָן.

קיים איז נאָר טאָג געוואָרען, האָט ער זיך אָבגעבאָדען און זיך געלאָזט ווידער אין חעג אַריין, און אַלץ געקוקט, טאָמער פליהט ערגיץ „חיקטאָריע". געהענדיג אַזוי איז ער אַריין אין אַ חאַלד, וואָס דאָרטען זענען געשטאַנען נעגערען און האָבען בעשמירט זייערע פיילען מיט אַ סין גיפטיגען סאָק, וואָס ער הייסט וואָלפסמילך. ער האָט זיך גיך פערטאַיעט אונטער אַ בוים, אַז די נעגערען זאָלען איהם ניט זעהען. אין דער מינוט מאַקי אָבער האָט ער דערזעהן דורך די צווייגען, ווי „וויקטאָריע" פליהט גלייך צום אָזיערע, אינגאַנצען פופציג איילען פון איהם אין דער הויך, און דאָ טאָהר ער ניט געבען פון זיך קיין שום צייכען, דער דאָקטאָר זאָל זיך צו איהם אַראָבלאָזען. ער האָט פערשטאַנען, אַז דער דאָקטאָר זוכט איהם, און ווי באַלד די נעגערען זענען אַחעקגעגאַנגען, האָט ער זיך געלאָזט לויפען נאָך דעם לופטבאַלאָן, ער האָט געמאַכט מיט די הענד און געשריגען אויף אַ קול, נאָר אַלץ אומזיסט. דער ווינד האָט פערטראָגען דעם לופטבאַלאָן זעהר חייט און ער איז פערשוואונדען געוואָרען פון די אויגען.

אַ גאַנצען טאָג און אַ טייל פון דער נאַכט איז ער געגאַנגען ווי אַ משוגענער, דאָס גאַנצע לייב און די פיס זענען איהם געוועזען צו־בלוטיגט, ער איז געקראָכען אויף אַלע פיער און האָט געפיהלט, ווי די כחות נעהען איהם אוים. קריכענדיג אַזוי איז ער אַריין אין אַ זומפּ, און וואָס מעהר ער האָט זיך געמוטשעט אַרויסצוקראַפּקען, איז ער אַלץ מעהר געזונקען אין דער בלאָטע. ער האָט געפיהלט ווי ער גראָבט אליין פאַר זיך אַ קבר. די אויגען האָבען זיך איהם פערמאַכט פאַר שרעק.

— העלפט מיר, האָר פערגיסאָן, האָט ער געגעבען אַ געשריי נאָר קיינער אָבער האָט איהם ניט געהערט אין דער פינסטערער נאַכט

איצט לאָמיר זיך אומקעהרען צו די רייזענדע און זעהן, וואָס זיי מאַכען.

קענעדי איז אַלץ געזעסען און האָט בעטראַכט דורך דעם שפּאַקטיוו אַלע זאַכען, וואָס זענען איהם נאָר געפאַלען אין אויג אַריין.

— מיר דאַכט זיך, האָט ער זיך אָנגערופען צום דאָקטאָר, אַז העט גאַנץ חייט זעה איך עפּים אַ מחנה פון מענשען אָדער פון חיות, איך וועל זיי פון דעם אויג ניט אָבלאָזען ביז איך חעל וויסען אַקוראַט.

דער דאָקטאָר האָט אויך אַ קוק געגעבען אויף דעם שפּאַקטיוו און געזאָגט.

— איך מיין, אַז דאָרטען פאָהרען רייטענדיג אַראָבער פונקט אויף דעם אייגענעם וועג, וואָס אונזער לופטבאַלאָן פליהט.

אין אַ האַלבער שעה אַרום וועלען מיר זיי שוין זעהן און וויסען, וואָס מיר האָבען צו טאָן

— דו האָסט רעכט, האָט איהם קענעדי געזאָגט אַביסעל שפּעטער, אַ פּנים דאָס זענען טאַקי אַראַבער, וואָס פאָהרען אויף גמלים און יאָגען זיך נאָך עפּים גאַנץ געשווינד. איך זעה שוין אפילו זייערע בורנאָסען און זייער עלטסטען, וואָס לויפט אַ הונדערט איילען פריהער. נאָר ווייסט דו וואָס איך וועל דיר זאָגען, אַז דאָס איז גאָר ניט קיין געיעג, נאָר זיי יאָגען נאָך דעם אומגליקליכען מענשען, וואָס ער לויפט פריהער.

– לאָז־זשע איהם ניט אָב פון דעם אויג און מיר וועלען זעהן, וואָס עס וועט ווערען

ער לופטבאַלאָן איז נעהענטער צוגעפלויגען צו די רייטערס, וואָס זענען געלאָפען ווי די רוחות.

— דאָס ראַטעווועט ער זיך, האָט קענעדי אַ געשריי געטאָן מיט אַ ציטערדיג קול, סאַמועל, דאָס איז ער.

— יאָ, דאָס איז דזשאָע, האָט דער דאָקטאָר אויך אַ געשריי געגעבען. מיר מוזען גיך איבעריאָגען די אַראַבער, בכדי דזשאָע זאָל אונז דערזעהן. ווען זיין פערד וועט נאָר אויסהאַלטען יאָגענדיג, וועלען מיר איהם מציל זיין פון זייערע הענד.

— געוואַלד, ער איז פערפאַלען, האָט קענעדי אַ געשריי געטאָן מיט גרויס שרעק, ווי ער האָט דערזעהן, אַז דזשאָע איז אַראָבגעפלויגען פון דעם פערד, וואָס איז געבליבען אונטער איהם טויט, אָט דעריאָגען איהם די אַראַבער און דערשטעכען איהם.

מאַקי באַלד איז צוגעלאָפען אַ אַראַבער מיט אַיין אויסגעשטרעקטער שפּיז, נאָר דזשאָע האָט זיך געשווינד ווי אַ לעמפּערט אַרויפגעכאַפּט צו איהם אויף דעם פערד, האָט איהם ביי דעם נאַרגעל אַראָבגעשליידערט אין זאַמד אַריין און אַליין איז ער אַנטלאָפען רייטענדיג ווייטער.

— אַ העלד דזשאָע, האָט קענעדי געזאָגט מיט שמחה, ער האָט זיך גוט אָבגערעכענט מיט דעם אַראַבער און נאָך צייט געהאַט צו געבען אַ צייכען, אַז ער זעהט אונז.

די אַראַבער האָבען מיט גרויס אימפּעטנד נאָכגעיאָגט דזשאָען און האָבען מחמת גרויס אַיילעניש ניט געזעהן, אַז נאָהענט פון זיי פליהט אַ לופטבאַלאָן. איינער פון זיי האָט שוין דעריאָגט דזשאָען און האָט איהם געוואָלט דורכשטעכען. קענעדי האָט אויסגעשאָסען און דער אַראַבער איז אַראָבגעפאַלען טויט אויף דער ערד. אַ טייל זענען געבליבען שטעהן, אַז זיי האָבען פלוצלים דערזעהן דעם לופטבאַלאָן. די איבּריגע אָבער האָבען נאָכגעיאָגט דזשאָען, וואָס ער האָט זיך ניט אָבגעשטעלט אויף איין מינוט.

דער דאָקטאָר האָט געגעבען קענעדי'ן הונדערט מיט פופציג פונט משא, ער זאָל דאָס האַלטען גרייט אויף אַראָבצוואַרפען און אַליין האָט ער גענומען דאָס לייטעריל. אַז דער לופטבאַלאָן איז שוין געקומען נאָהענט, האָט דער דאָקטאָר אַראָבגעלאָזט דאָס לייטעריל דזשאָען פאַר די אויגען און ער האָט זיך גיך אַנגעטשעפּעט אין דעם זיצענדיג אויף דעם פערד. קענעדי האָט באַלד אַראָבגעוואָרפען די משא און דער

לופטבאַלאָן האָט זיך אויפגעהויבען מיט אַ הונדערט איילען העכער. דזשאָע האָט זיך געהידעט מיט דעם לייטעריל אין דער לופט. ער האָט אַרויסגעשטעלט אַ צונג די אַראַבער, וואָס זענען געבליבען שטעהן, ווי אָבגעשמיסען, און האָט זיך אַרויפגעקראַפּקעט ווי אַ קאַץ אין שיפעלע אַריין. ער האָט מעהר ניט געקענט אַ געשריי טאָן: „מיין ליבער האר דאָקטאָר. מיין ליבער האר קענעדי!" און איז געבליבען חלשות.

דער דאָקטאָר האָט איהם פערבונדען די וואונדען, וואָס זענען געוועזען אויף דעם גאַנצען ליב, און האָט איהם אַנידערגעלעגט אין דער פאַלאַטקע.

דזשאָע איז באַלד געקומען צו זיך און האָט געבעטען אַ קעליישעקעל בראַנפען. ער האָט געוואָלט דערצעהלען, וואָס מיט איהם האָט זיך פּאַסירט, נאָר זיינע פריינד האָבען איהם ניט ערלויבט צו רעדען און ער איז ווידער אַנשלאָפען געוואָרען. פון דזשאָעס אָנקומען ביז נאַכט איז „ויקטאָריא" איינגעפלויגען צוויי הונדערט מייל און דער ווינד האָט זי ווידער פערטראָגען צו דער מדבר

דער לופטבאַלאָן איז געשטאַנען פעראַנקערט אויף אַ בוים. דזשאָע איז געשלאָפען פיער און צוואַנציג שעה כסדר, דער דאָקטאָר און קענעדי האָבען אויף איהם די גאַנצע צייט אַכטונג געגעבען.

אין דער פריה האָט דער ווינד אַוועקגעטראָגען דעם לופטבאַלאָן קיין מערב־זייט. דער דאָקטאָר האָט אַ קוק געגעבען זיין לאַנדקאַרטע און געזעהען, אַז זיי געפינען זיך אין דעם קעניגרייך דאַסערנאַ! די דערפער פון דעם לאַנד זענען אַלע געוועזען אויסגעבויעט פון טשערעט און געפלאָכטען מיט צווייגען פון ביימער. גרויסע סטערטעס תבואה זענען געשטאַנען אין מיטען די פעלדער אויף ברעטער הויך פון דער ערד, בכדי זיי זאָלען בעוואָהרענט זיין פאַר מייז און פאַר די גרויסע ווייסע מורעשקעס, וואָס הייסען טערמיטען.

באַלד זענען זיי אָנגעקומען צו דער שטאָדט זינדער. אויף דעם פּלאַץ אין מיטען דער שטאָדט שטעהט אַ בוים, נעבען איהם שטעהט אַ תלין, וואָס ער הייננט אויף איטליכזי, ווער עס געהט דורך דעם שאָטען פון דעם בוים.

זוי דער קאָמפּאַס ווייזט, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, פליהען מיר ווידער קיין צפון־זייט און אויב מיר וועלען אָנקומען קיין טעמבוקטו, וועט שוין זיין איין עק פון אונזער נסיעה.

דזשאָע איז אויפגעשטאַנען און האָט אַרויסגעזוכט דעם קאָפּ פון דער פּאַלאַטקע.

— האָט אַ פּנים, האָט ער געזאָגט, דער האַר קענעדי איז ניט געזעסען לעדיג, אין דער צייט וואָס איך בין ניט געוועזען. גיט נאָר מיר אויך עפּיס פערזוכען פון אייערע קאַטשקעס, וואָס ליגען דאָ, וועל איך אייך דערצעהלען אינגאַנצען, וואָס מיט מיר האָט זיך פּאַסירט, אַז דזשאָע האָט אָבגעגעסען האָט ער דערצעהלט אַלצדינג, וואָס עס האָט זיך מיט איהם געטראָפען ביז ער איז אַריין אין דער בלאָטע.

— איך האָב געמיינט, האָט ער געזאָגט, אַז דאָ איז שוין אַיין עק פון מיין לעבען, נאָר פלוצלים האָב איך דערזעהן צוויי טריט פון מיר עפּיס אַ שטריק הייננט אין דער לופט. איך האָב מיך אין איהם אָנגעהאַפּט מיט אַלע כחות און בין אַרויס אויף דער טריקעניש. דאָס איז געוועזען דער שטריק מיט דעם אַנקער פון דעם לופטבאַלאָן. דאָס איז מיר געוועזען אַ סימן, וואוהין איהר זייט אַוועקגעפלויגען און איך האָב מיך געלאָזט אין וועג. געהענדיג נעבען אַ וועלדעל האָב איך דערזעהן אַ גאַנצע סטאַדע מיט פערד. מיינער איז אַרויף אויף אַ פערדעל און סאַרש אין וועג אַריין. איך וועל אַייך ניט מאריך בדרוש זיין, דורך וואָס פאַר אַ פעלדער און וועלדער איך בין געפאָהרען, קורץ איך האָב מיך צוגעשלאָגען ביז צו דער מדבר און האָב אָנגעהויבען צו קוקען אין אַלע זייטען, פליהט ניט ערגיץ וויקטאָריע. אין דריי שעה אַרום בין איך אַריינגעפאַלען אומגעריכט אין אַ לאַגער פון אַראַבער, זיי האָבען זיך אָנגעהויבען צו יאָגען נאָך מיר און איך בין פלינק אַנטלאָפען. איך בין אַזוי לאַנג געלאָפען ביז דאָס פערדיל איז געפאַלען אונטער מיר טויט און איך האָב דערזעהן „וויקטאָריען״. דעם שפּיץ פון דער מעשה ווייסט איהר אַליין. קיין גרויסער שכל שטעקט ניט אין דעם, עס איז גאַנץ פּראָסט און עס איז ניט ווערט די רייד.

דער לופטבאַלאָן איז אין דעם טאָג זעהר פיעל איינגעפלויגען און זיינער צעהן ביי נאַכט האָט ער זיך געשטעלט אויף אַ פעלד מיט הערז ניט וויט פון דער שטאָדט אַגאַדעס.

די נאַכט איז געוועזען זעהר אַ שטילע. ערשט אַ קענען טאָג האָט אָנגעהויבען בלאָזען אַ קליין ווינטעל קיין מערב־זייט און אונזערע רייזענדע זענען ווייטער אַוועקגעפלויגען.

כה.

דעם גאַנצען טאָג האָט זיך מיט די רייזענדע גאָר נישט געטראָפען. ביי נאַכט האָט דער דאָקטאָר געהייסען אָנפילען אַלע כלים מיט וואַסער און האָט געזאָגט זיינע פריינד, אַז ער וועט שוין כסדר פליהען און ערניץ ניט נעכטיגען, מחמת עס ווייזט זיך איהם אויס, אַז דער לופטבאַלאָן איז אַביסעל קאַליע. דער גאַז געהט ביסלעכווייז פון איהם אַרויס און ער קען זיך שוין ניט אויפהויבען אַזוי הויך ווי פריהער.

דריי טעג זענען אונזערע רייזענדע געפלויגען איבער פערשיעדענע לענדער און איבער דעם גרויסען טייך ניגערא. דער דאָקטאָר האָט זיי דערצעהלט, וויפיעל בלוט עס האָט געקאָסט די מענשען פון אייראָפּא איידער מען האָט געפונען די קוועלען פון דעם דאָזיגען טייך.

דעם צוואַנציגסטען מאַי אין דער פריה זענען די רייזענדע געפלויגען איבער דער בעריהמטער שטאָדט טעמבוקטו, וואָס פאַרצייטען איז זי געוועזען די גרעסטע שטאָדט אין גאַנץ אַפריקא און דאָרטען האָבען זיך געפונען אַ סך פילאָזאָפען און געלעהרנטע מענשען. איבער די גרויסע מלחמות, וואָס די שטאָדט פיהרט שוין אַכט הונדערט יאָהר, איז זי היינט שטאַרק געפאַלען.

— מיר מוזען נאָך אַביסעל משא אַראָבוואַרפען, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט אַריבערפליהענדיג איבער דער שטאָדט טעמבוקטו, וואָרום דער גאַז איז נאָך וועניגער געוואָרען און דער לופטבאַלאָן קען שוין אַזוי פיעל ניט אויפהויבען. ווי העלפט גאָט צו־שלאָגען קיין סיעראַ־ליענאַ, וועלען מיר שוין זיין ווי אין דער היים, מחמת דאָרטען וואוינען פראַנצויזען און ענגלענדער

ווי עס איז נאָר נאַכט געוואָרען, האָט דער דאָקטאָר אַראָב־

געוואָרפען די לעצטע זעקלעך מיט זאַמד, נאָר דער לופטבאַלאָן האָט זיך פונדעסטוועגען פאָרט ניט אויפגעהויבען הויך, חאָטשע דאָס גאַז־רעהריל האָט שטאַרק געברענט. אויף דעם אַנדערן טאָג האָבען זיך אונזערע רייזענדע געפונען ניט ווייט פון דער אָזיערע רעבאַ

דער ווינד האָט זעהר שטאַרק געטראָגען דעם לופטבאַלאָן קיין דרום־זייט. דער דאָקטאָר האָט מורא געהאַט, ער זאָל, חלילה, ניט פערטראָגען ווערען קיין גווינעאַ, אָדער קיין דאַנאָמעאַ, וואָס דער דאָרטיגער קעניג קוילעט אַלע יאָהר צו זיינע אָבגעטער קרבנות פון מענשען. דער לופטבאַלאָן איז וואָס ווייטער אַלץ שוואַכער געוואָרען און קוים מיט צרות געטראָגען דאָס ביסעלע משא, וואָס עס האָט זיך געפונען אין שיפעלע.

פליהענדיג האָבען די רייזענדע פלוצלים בעגעגענט אַ שוואַרצע געדיכטע חמאַרע, וואָס האָט אין מיטען העלען טאָג פינסטער געמאַכט די זון. זיי האָבען זיך דערשראָקען און מורא געהאַט, אַז די חמאַרע זאָל ניט אויסגיסען אַ גאַנצען מבול און זאָל ניט עקען מיט דעם לופטבאַלאָן. נאָר באַלד אָבער האָבען זיי דערזעהן, אַז דאָס איז גאָר אַ מחנה פון טויזענדער מיליאָנען היישרעקען, וואָס האָבען זיך אַראָבגעלאָזט אויף די פעלדער און אויפגעגעסען ביז איין קערנדיל תבואה און אַלע בלעטער פון די בוימער

— דאָס איז די גרעסטע פלאָג פון דעם קאַנט, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אַקעגען זיי איז ניטאָ קיין שום רפואה, מען האָט שוין נעפּריווט אָנצינדען אונטער זיי גאַנצע וועלדער, נאָר דאָס האָט אויך ניט געהאָלפען. זיי זענען אַזוי פיעל אַראָבגעפאַלען, אַז זיי האָבען אַוש דאָס פייער פערלאָשען און די איבריגע האָבען טאַקי ווייטער אויפגעגעסען אַלצדינג אויף די פעלדער

ביי נאַכט זענען די רייזענדע אָנגעקומען צו דער שטאָדט זענע. דער דאָקטאָר האָט זיך אפילו געוואָלט דאָ אַנידערשטעלען, מחמת זענע איז זעהר אַ גרויסע האַנדעלשטאָדט און דאָרט זיצען אַראַבער, וואָס זיי זענען שוין געוועזען אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך, נאָר אַזוי ווי ער האָט געזעהן, אַז דער ווינד נעהמט זיך אַביסעל קיין מערב־זייט, האָט ער פאַרענדערט זיין פּלאַן. ער האָט אַראָבגעוואָרפען אַלע זאַכען, וואָס זענען נישט נייטיג, און זיך ווייטער געלאָזט איז וועג אַריין. זייגער פיער

אין דער פריה זענען זיי שוין געפלויגען איבער דער שטאָדט סענאָ, וואָס זי איז די רעזידענץ פון באַמבאַרא.

— אַז מיר וועלען אַזוי גיך פליהען ווי איצט, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, וועלען מיר אין צוויי טעג אָנקומען צו דעם גרויסען טייך סענעגאל, און דאָרטען, ווען אפילו דער לופטבאַלאָן וועט שוין אונז ניט מעהר וועלען דינען, וועלען מיר זיך ווי עס איז שוין קענען צו־שלאָגען צו אַ פראַנצויזישער קאָלאָניע.

אויף דעם אַנדערן טאָג אין דער פריה זענען אונזערע רייזענדע אָנגעקומען צו דער גרעניץ פון דעם טייך סענעגאַל. דאָס שטיקעל לאַנד איז דאָס ערגסטע אין גאַנץ אַפריקא, די לופט איז דאָ זעהר אומגעזונד און די מענשען זעהר ווילד. דער דאָקטאָר האָט עס געוואוסט פון די רייזענדע, וואָס זענען דאָ געוועזען, און דעריבער האָט ער זיך ניט געוואָלט אַראָבלאָזען אין דעם לאַנד אפילו אויף איין מינוט.

דער לופטבאַלאָן איז נאָך שוואַכער געוואָרען און מען האָט געמוזט ווידער אַראָבוואַרפען זאַכען, בכדי מען זאָל קענען פליהען. אַ פּנים, די גוטאַ־פּערטשע איז צושמאָלצען געוואָרען פון דער היץ, און דער גאַז געהט אַרויס דורך די לעכלעך פון דער מאַטעריע.

— מיר האָבען איצט ניט קיין אַנדער מיטעל, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, נאָר אַראָבצוּוואַרפען משא און גרינגער מאַכען דעם לופטבאַלאָן

דזשאָע האָט אַראָבגעוואָרפען די פאַלאַטקע און דער לופטבאַלאָן האָט זיך אויפגעהויבען אַביסעל אין דער הויך, נאָר באַלד האָט ער זיך ווידער אָנגעהויבען אַראָבצולאָזען נידריגער.

— מיר מוזען אַראָבוואַרפען אַלצדינג, וואָס עס איז אונז ניט נייטיג, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, בכדי מיר זאָלען קענען פליהען און ניט בלייבען שטעהן אין אַזאַ לאַנד, וואָס די פעלקער זענען ערגער פון חיות רעות. מיר זענען שוין אפילו ניט ווייט פון דעם טייך סענעגאַל, נאָר איין זאַך מאַכט מיר עגמת נפש, וואָס מיר דאַרפען אַריבערפליהען איבער די הויכע בערג, וואָס געפינען זיך פאַר איהם און וועלכע עס איז אוממעגליך אויסצומיידען.

דער ווינד האָט געטראָגען דעם לופטבאַלאָן אַקעגען די בערג זעהר שטאַרק, אַז דער דאָקטאָר האָט מורא געהאַט, זיי זאָלען זיך חלילה ניט אָנשלאָגען אין די גרויסע פעלזענשטיינער. מען האָט אַראָבגעוואָרפען אינגאַנצען דאָס וואַסער און אַלע קעסטלעך מיט שפּייז, נאָר דער לופטבאַלאָן איז פאָרט געבליבען נידריגער מיט צוויי הונדערט איילען פון די בערג. מען האָט אַרויסגעוואָרפען נאָך אַ פופציג פונט משא. דער לופטבאַלאָן אָבער האָט אַלץ ניט געקענט אַריבערפליהען דעם באַרג און דאָ טראָגט איהם דער ווינד אַזוי שטאַרק, אַז אַט, אַט שלאָגט ער זיך אָן אין באַרג און ווערט צושאָטען אויף שטיקלעך.

— דו וועסט מוזען אַראָבוואַרפען דיין געוועהר, קענעדי, האָט צו איהם דער דאָקטאָר געזאָגט, מיר זענען שוין גאָר נאָהענט און דער באַרג איז נאָך העכער פון אונז מיט אַ דרייסיג איילען.

דזשאָע האָט אַראָבגעוואָרפען די קאָלדרעס, די קוילען מיט פולווער, און דער לופטבאַלאָן האָט זיך אויפגעהויבען ביז דעם שפּיץ פון דעם באַרג.

— קענעדי, וואַרף גיך אַראָב די ביקסען, האָט דער דאָקטאָר אַ געשריי געטאָן, וואָרום ווען ניט, זענען מיר פערפאַלען.

— חאַפּט זיך ניט, האַר קענעדי, האָט דזשאָע געזאָגט, און איידער קענעדי האָט זיך נאָך אַרומגעקוקט, איז דזשאָע שוין פערשוואונדען געוואָרען.

— דזשאָע, דזשאָע, האָט דער דאָקטאָר און קענעדי אַ געשריי געטאָן.

— שרעקט זיך ניט, מיינע ליבע האַרען, האָט זיך אָנגערופען אַ קול פון אונטער דער שיפעלע, מיר פליהען אַריבער גליקליך דעם באַרג.

דזשאָע האָט זיך מיט די הענד אָנגעהאַלטען אונטען ביי דעם שיפעלע און ווי נאָר זיי זענען בשלום אַריבער דעם באַרג, האָט ער זיך אַריינגעחאַפּט צוריק אין דעם שיפעלע.

— וואָס האָט איהר זיך דאָ אַזוי דערשראָקען, מיינע האַרען, האָט דזשאָע זיך אָנגערופען אַריינגעהענדיג, איך האָב געזשאַלעוועט דעם

האַר קענעדי'ס ביקס, בין איך אַראָבגעשפּרונגען אַביסעל צוגעה די פיס.

אויף יענער זייט באַרג איז געוועזען אַ וואַלד מיט הויכע בוימער. דער לופטבאַלאָן האָט זיך פערפאַנקערט אויף אַ בוים און די רייזערנע ווײַסע געבליבען נעכטיגען.

כז.

— אונז בלייבט נאָך אינגאַנצען פינף און צוואַנציג מייל ביז דעם טייך סענעגאַל, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, נאָר מיר מוזען פריהער פון דעם לופטבאַלאָן אַרויסנעהמען אַלע מאַשינען, וואָס וועגען ניין הונדערט פונט, בכדי מיר זאָלען קענען מיט איהם אַריבערפליהען דעם טייך און קומען גליקליך צום ברעג.

אַלע דריי האָבען זיך געשטעלט באַלד צו דער אַרבייט און עס האָט זיי גענוג מיה געקאָסט ביז זיי האָבען צונומען אַלע שרייפלעך, שפּרוזשינעס און מאַשינדלעך און זיי אַרויסגעוואָרפען פון דעם שיפעלע. אַז מען איז פאַרטיג געוואָרען מיט דער אַרבייט און אָבגעגעסען, האָט זיך קענעדי און דזשאָע געלעגט שלאָפען, און דער דאָקטאָר האָט זיך געשטעלט אויף דער וואַך. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז אין אַ וואַלד געהען עפּיס אום מענשען, און אַ פּאָר מאָל האָט אַ בלישטשע געטאָן פאַר זיינע אויגען ווי פייער, נאָר די וואַך איז איבערגעגאַנגען בשלום. זייגער צוועלף האָט ער אויפגעוועקט קענעדי'ן און האָט איהם אָנגעזאָגט, ער זאָל גוט אַכטונג געבען, ווארום איהם דאַכט זיך אויס, אַז אין וואַלד געפינען זיך ווילדע מענשען, וואָס מען דאַרף זיך פאַר זיי היטען.

קענעדי האָט עטליכע מאָל אַראָבגעקוקט, נאָר אַזוי ווי ער האָט נאָר נישט געהערט־געזעהן און דער שלאָף האָט איהם שטאַרק געמאַרעט, איז ער גאַנץ רוהיג אַנשלאָפען געוואָרען. מיט אַ מאל אבער אי איהם זעהר היס געוואָרען און ער האָט זיך אויפגעחאַפּט

— עס ברענט, האָט ער אַ געשריי געטאָן.

דער דאָקטאָר און דזשאָע האָבען זיך באַלד אויפגעהאַפּט און אין דער מינוט האָט ער דערהערט אַ געשריי פון אונטען, נעבען די בריי־ נענדיגע בוימער.

— דאָס האָבען די ווילדע טאַליבאַסען אונטערגעצונדען דעם וואַלד, מיר זאָלען פערברענט ווערען, האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען.

דאָס פייער האָט אַרומגערינגעלט דעם לופטבאַלאָן פון אַלע זייטען און אונזערע רייזענדע האָבען אונטער זיך געזעהן, ווי דער גרויסער וואַלד ברענט פון איין עק ביז דעם אַנדערן. דער דאָקטאָר האָט באַלד אָבגעהאַקט דעם שטריק פון דעם אַנקער און „וויקטאָריע" איז אַרויפגעפלויגען פינף הונדערט איילען אין דער הויך. פון דעם וואַלד האָט מען געהערט אַ שרעקליך געשריי און ווי אַ סך ביקסען האָבען מיט אַ מאָל אויסגעשאָסען. דער ווינד האָט אַוועקגעטראָגען דעם לופטבאַלאָן קיין מערב־זייט. עס איז שוין געוועזען זייגער פיער אין דער פריה.

קוים זענען זיי אַריבער דעם וואַלד, האָבען זיי געזעהען, ווי אַ דרייסיג רייטער געלאָרען מיט ביקסען און פיקעס לויפען זיי נאָך.

— אָט דאָס זענען די טאַליבאַסען. האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, איך וואָלט בעסער געוואָלט בעגעגענען ווילדע חיות אין מיטען וואַלד איידער אַריינצופאַלען צו די רוצחים אין די הענד אַריין, טהוט זאַ קוק די אַלע פערברענטע דערפער און פעלדער, דאָס איז אַלץ זייער אַרבייט. עס איז נאָך אַ גליק, וואָס מיר האָבען אַרויסגעוואָרפען אינגאַנצען די משא, ווען ניט, וואָלטען מיר ניט געקענט איצט פליהען.

קענעדי האָט אָנגעלאָדען די ביקס און האָט זי געהאַלטען גרייט. דער לופטבאַלאָן איז געפלויגען פיער הונדערט איילען אין דער הויך און דער ווינד האָט אָנגעהויבען שטיל צו ווערען. די טאַליבאַסען האָבען נאָכגעיאָגט דעם לופטבאַלאָן אַ גאַנצען פריהמאָרגען און אונזערע רייזענדע זענען איינגעפלויגען פופצעהן מייל קיין מערב־זייט. דער דאָקטאָר האָט געפיהלט, אַז זיי לאָזען זיך אַלץ נידריגער אַראָב און צום טייך סענעגאַל איז נאָך געבליבען צוועלף מייל. די טאַליבאַסען האָבען שטאַרק צולאָזט זייערע פערד און מיט אַ מאָל אויסגעשאָסען פון אַלע ביקסען.

— מיר פליהען שטאַרק נידריג, האָט דער דאָקטאָר אַ געשריי געטאָן.

קענעדי האָט אויסגעשאָסען און געטראָפען דעם עלטסטען, וואָס ער איז אַראָבגעפאַלען פון זיין פערד. די טאַליבאַסען האָבען זיך אָנידערגעשטעלט און „וויקטאָריע" איז ווייטער געפלויגען.

— מיר מוזען זיך אויפהויבען העכער, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, וואָרום ווען ניט, וועלען זיי אונז געוויס דעריאָגען.

דזשאָ האָט אַראָבגעוואָרפען דאָס לעצטע ביסעל סעחערעס און גערייכערט פלייש, וואָס האָט געוואויגען דרייסיג פונט, און דאָס שיפעלע, וואָס איז שוין געוועזען האַרט ביי דער ערד, האָט זיך אַביסעל אויפגעהויבען, נאָר באַלד אָבער האָט זיך ווידער אַראָבגעלאָזט און די ווילדע טאַליבאַסען זענען מיט אַ געשריי צוגעלאָפען צו דעם. דער לופטבאַלאָן האָט זיך צום גליק ווידער אויפגעהויבען און אָבגעפלויגען איין מייל. דער גאַז האָט אָנגעהויבען שטאַרק אַרויסצוגעהן דורך די לעכער פון דער מאַטעריע און דאָס שיפעלע איז נאָך אַ מאָל אַראָב.

— וואַרף גיך אַראָב דעם בראַנפען, אַלע אינסטרומענטען און דעם לעצטען אַנקער, האָט דער דאָקטאָר אַ געשריי געטאָן צו דזשאָען.

דאָס אַלצדינג איז געשווינד געטאָן געוואָרען, נאָר דער לופטבאַלאָן, וואָס ער האָט זיך אויף איין מינוט אויפגעהויבען, איז ווידער אַראָבגעפאַלען און די טאַליבאַסען זענען געוועזען פון איהם אינגאַנצען צוויי הונדערט טריט.

— וואַרף אַראָב ביידע ביקסען, האָט דער דאָקטאָר אַ געשריי געטאָן.

— איך וועל זיי צום ערשטען אויסלאָדען, האָט קענעדי געענטפערט, און אין דער מינוט זענען פיער קוילען אַריין צווישען די רייטער און פיער טאַליבאַסען זענען אַראָבגעפאַלען טויט פון זייערע פערד.

דער לופטבאַלאָן האָט זיך ווידער אַביסעל אויפגעהויבען און האָט אָנגעהויבען צושפּרינגען אויף דער ערד.

— אָט אַ פנים, גאָט וויל אונז פערלאָזען, אַז מיר זענען שוין ביי דעם ברעג, האָט זיך קענעדי אָנגערופען.

— מיר האָבען נאָך הונדערט מיט פופציג פונט משא אַראָבצוּוואַרפען, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. איך מיין, מיר וועלען אַראָבוואַרפען דאָס שיפעלע און זיך אָנהאַלטען אין דער סיעטקע, און אַזוי וועלען מיר ווייטער פליהען.

דזשאָ האָט געחאַפּט דאָס מעסער און אָבגעשניטען די שטריק

און קוים איז דאָס שיפעלע אַראָבגעפאַלען אויף דער ערד, האָט זיך דער לופטבאַלאָן ווידער אויפגעהויבען אין דער הויך.

— אורראַ, האָבען זיי אַלע אַ געשריי געטאָן, בשעת זיי זיינען אַרויף הייגענדיג ביי די שטריק אין דער לופט.

די טאַליבאַסען האָבען אָנגעהויבען שרעקליך שטאַרק צו טרייבען זייערע פערד. נאָר דער ווינד האָט „וויקטאָריען" אַוועקגעטראָגען איבער אַ באַרג. דאָס איז געוועזען דאָס גליק פון די רייזענדע, ווארום די טאַליבאַסען האָבען געדאַרפט דעם באַרג אַרומפאָהרען און דערוויל איז דער לופטבאַלאָן אַוועקגעפלויגען ווייטער.

צוויי מייל פון די רייזענדע האָט זיך טאַקי אַרויסגעוויזען דער גרויסער טייך סענעגאַל.

— נאָך איין פערטיל שעה, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, וועלען מיר אַריבערפליהען דעם טייך און אַרוים פון דער סכנה.

נאָר זיין האָפנונג איז אָבער געוועזען אומזיסט. דער לופטבאַלאָן, וואָס האָט כמעט דעם גאַנצען גאַז פערלאָרען, האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף דער ערד. אויף דעם גאַנצען פלאַץ האָט מען מעהר נישט געזעהן ווי שטיינער און פערטריקענט גראָז, פאַרברענט פון דער זון. „וויקטאָריע" האָט שוין מעהר ניט געקענט פליהען, זי איז געשפרונגען אויף דער ערד ביז די בוחות זענען איהר אויסגעגאַנגען און זי איז געבליבען שטעהן פאַרטשעפעט מיט דער סיעטקע אויף אַ צווייג פון אַ בוים.

— איצט האָט זיך שוין אַלצדינג אויסגעלאָזט, האָט קענעדי געזאָגט, און אינגאַנצען זענען מיר נישט מעהר ווייט ווי הונדערט איילען פון דעם טייך.

אַלע אונזערע דריי רייזענדע האָבען זיך אַראָבגעלאָזט אויף דער ערד און צוגעגאַנגען צו דעם טייך. נעבען ברעג האָבען זיי געזעהן, ווי דער טייך פאַלט דאָרטען אַראָב מיט אַ שרעקליכען רעש. דאָס רוישען פון דעם וואַסער האָט פערטויבט די אויערן, מחמת עס האָט זיך געמוזט דורכשלאָגען דורך די הויכע סקאַלעס, וואָס זענען געשטאַנען פונקט אויף דעם וועג. די רייזענדע האָבען ניט געפונען קיין שיפעלע, קיין שום לעבעדיגע נשמה, און האָבען געזעהן, אַז עס איז ניטאָ קיין שום מיטעל אַריבערפראַווען זיך דעם טייך, וואָס ער האַלט טויזענד איילען די ברייט.

— זייט זיך נאָך ניט מיאש, מיינע פריינד, האָט דער דאָקטאָר גאַנץ פרעהליך אַ געשריי געטאָן צו קענעדי'ן און דזשאָע'ן, וואָס זיי זענען געשטאַנען זעהר טרויעריג, מיר האָבען נאָך אַ גאַנצע שעה צייט ביז די טאַליבאַסען וועלען אָנקומען אַהער. מיר טאָהרען ניט פערלירען קיין איין מינוט און לאָמיר דאָ צונויפנעהמען טרוקען גראָז אַקעגען אַ הונדערט פונט. דאָס גראָז וועלען מיר אָנצינדען אונטער דעם לופטבאַלאָן. דורך דעם וועט אינוועניג אין איהם ווערען די לופט ווארמער און אַ סך גרינגער פון דער לופט אין דרויסען און מיט דער אָנגעוואַרמטער לופט וועלען מיר ווי-עס-איז אַריבערפליהען דעם טייך אַקוראַט ווי מיט גאַז.

דער דאָקטאָר איז צוגעגאַנגען צו דעם לופטבאַלאָן און האָט אונטען אין איהם, אויסגעשניטען אַ לאָך, בכדי עס זאָל אַרוים דאָס לעצטע ביסעל גאַז, און באַלד טאַקי אָנגעצונדען אונטער איהם טרוקען גראָז. דער לופטבאַלאָן האָט זיך אָנגעהויבען אָנצופילען און קיילעכדיג ווערען ווי פריהער. עס איז דערווייל אַוועקגעגאַנגען דריי פערטעל שעה, און פון דערווייטענס האָט זיך שוין געהערט דאָס געשריי פון די טאַליבאַסען און דאָס טופּען פון זייערע פערדס קאָפּיטעס.

— ניך אַהער נאָך גראָז, האָט דער דאָקטאָר אַ געשריי געטאָן, ווארום נאָך אין צוואַנציג מינוט וועלען די רוצחים שוין דאָ זיין.

מען האָט באַלד פאַרגרעסערט דאָס פייער אונטער דעם לופטבאַלאָן און ער האָט זיך אָנגעפילט ביז צוויי דריטעל. אין צעהן מינוט אַרום איז „וויקטאָריע" שוין פאַרטיג געוועזען אַוועקצופליהען און די טאַליבאַסען זענען אָנגעקומען שוין גאָר נאָהענט, אינגאַנצען אַ דריי הונדערט איילען.

— געשווינד צו דער סיעטקע, מיינע פריינד, האָט דער דאָקטאָר אַ געשריי געטאָן.

אַלע דריי רייזענדע האָבען זיך אָנגעכאַפּט אין די שטריק פון דער סיעטקע און דער לופטבאַלאָן האָט זיך מיט זיי אויפגעהויבען אין דער הויך.

— זייט געזונד, מיינע ליבע לייט, האָט דזשאָע פון דער הויך אַ געשריי געגעבען צו די טאַליבאַסען.

אויף דעם „זייט געזונד" האָבען זיי איהם געענטפערט מיט אַלע

ביקסען און אין קויל האָט טאַקי אַ דראַפּ געטאָן דזשאָען אין דער פלייצע.

די טאַליבאַסען האָבען ארויסגעלאָזט אַ שרעקליך געשריי, אז זיי האָבען דערזעהן, ווי דער לופטבאַלאָן ווערט פערשוואונדען אין דער הויך. אַ שטאַרקער ווינד האָט איהם אַ הויב געטאָן אויף פיער הונדערט איילען אין דער לופט און איהם געטראָגען גלייך איבער דעם װאַסערפאַל. אין צעהן מינוט ארום האָבען זיי אָנגעהויבען נעהענטער צו קומען צו יענער זייט ברעג.

דאָרטען פון יענער זייט זענען געשטאַנען אַ צעהן זעלנער אין פראַנ־צויזישע מונדירען. איהר קענט אייך משער זיין זייער גרויס פערוואונ־דערונג, אז זיי האָבען פלוצלים דערזעהן, ווי מענשען פליהען אראָפּ אַזוי ווי פון דעם הימעל. נאָר זייערע צוויי אָפיצערען, וואָס האָבען גע־לייענט אין די צייטונגען פון דעם דאָקטאָר פערגיסאָנס נסיעה, האָבען זיך געשטויסען, וואָס דאָס בעטייט.

די הייסע לופט איז אלע מאָל קיהלער געוואָרען אין דעם לופט־באַלאָן און ער האָט זיך אָנגעהויבען גלייך אראָבצולאָזען, נאָר אַזוי ווי ער איז נאָך עטליכע איילען ווייט געוועזען פון דעם ברעג, האָבען זיך די פראַנצויזען אריינגעוואָרפען אין וואַסער און ארויסגעטראָגען די ענגלענדער אויף די הענד. אין דער מינוט האָבען די חוואַליעס פון דעם טייך אוועק־געטראָגען דעם לופטבאַלאָן צו דעם וואַסערפאַל.

— זייט איהר דאָס דער האר פערגיסאָן, האָט דער אָפיצער גע־פרעגט דעם דאָקטאָר.

— איך בין עס, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, און די צוויי זענען מיינע פריינד.

קענעדי און דזשאָע האָבען זיך אַ וואָרף געטאָן צו דעם דאָקטאָר און איהם אָנגעהויבען צו האַלזען און צו קושען. דער דאָקטאָר האָט געהאַט פאַר גרויס שמחה.

דער פיש

װאָס האָט איינגעשלונגען יונה הנביא

דער פיש.

צווישען די אַלע גרויסע נסים ונפלאות, וואָס זענען געשעהן אויף דער וועלט זייט זי איז בעשאַפען געוואָרען, געפינט זיך אַ וואונדערליכע מעשה, וואָס האָט זיך פערלאָפען צוריק מיט דריי טויזענט יאָהר און וואָס האָט אָנגעמאַכט אַזאַ רעש אויף דער וועלט, אַז פון יענער צייט אָן ביז איצט הערען נאָך נישט אויף פיעל געלערנטע מענשען פון איהר צו רעדען. און טאַקי נישט אומזיסט האָט מען צו טהון מיט דער דאָזיגער געשיכטע, מחמת איינער אַ געטליכער מאַן דערצעהלט אַליין די מעשה, וואָס מיט איהם טאַקי האָט זי זיך פאַסירט. דער געטליכער מאַן איז יונה הנביא.

יונה הנביא דערצעהלט אין זיין הייליגען ספר, אַז ער האָט אמאָל נעהאַט אַ בעפעהל פון גאָט, זיך אַוועקצולאָזען אין דער גרויסער הויפט־שטאָדט נינוה און שרייען דאָרטען אין אַלע גאַסען, דער עולם זאָל באַלד תשובה טהון אויב זיי ווילען, אַז די שטאָדט זאָל ניט אי־בערגעקעהרט ווערען. ער אָבער האָט גאָטס בעפעהל ניט געפאָלגט און האָט זיך אין יפו אויפגעזעצט אויף אַ שיף צו ענטלויפען קיין תרשיש. פאָהרענדיג אויף דעם ים איז פלוצלים געוואָרען אַ שטורמווינד און מען האָט בעשיינפערליך געזעהן, אַז אָט־אָט ווערט דאָס שיף צעבראָכען. אַלע מענשען, וואָס האָבען זיך געפונען אויף דעם שיף, האָבען געוואָר־פען צווישען זיך גורל בכדי צו וויסען, צוליעב וועמענס חטאים איז אויף זיי אַזאַ אָנשיקעניש געקומען, און אַז דער גורל איז געפאַלען אויף יונה הנביא, האָט ער מודה געווען זיין גאַנצען חטא און געהייסען, מען זאָל איהם אריינוואַרפען אין ים, וועט דורכדעם דער שטורמווינד אויפהע־

רען. קיים האט מען איהם נאר אראָבגעוואָרפען, האט איהם אויף גאָטס בעפעהל א גרויסער פיש איינגעשלונגען. דריי טעג און דריי נעכט איז ער געלעגען ביי דעם פיש אין בויך און האט מתפלל געווען ביז גאָט האט זיך אויף איהם דערבאַרעמט און דער פיש האט איהם אויסגעמייקעט אויף דער יבשה.

איבער דער דאָזיגער מעשה מיט יונה הנביא געפינען זיך פיעל דעות. דער זוהר הקדוש נעהמט אָן, אז די מעשה איז פשוט אמת אזוי ווי זי איז געשריעבען, און זאָגט נאָך דערביי א דרש, אז דאס איז א משל אקעגען דעם מענשען, אז דער גוף שלינגט איין זיך איין די נשמה, בשעת דער מענש קומט אויף דער וועלט, אזוי ווי דער פיש האט איינגעשלונגען יונה הנביא. אונזערע הייליגע חכמים נעהמען עס אָן פשוט און בעשרייבען נאָך אפילו, ווי די מעשה איז געשעהן מיט די ווערטער: דג גדול זכר היה, והיה עומד בו בריות וכו' והקיאו לתוך פיה של נקבה, שהיתה מלאה עוברים וכו', דאס הייסט, אז צום ערשטען איז יונה הנביא איינגעשלונגען געוואָרען פון א פיש א זכר, און אז דער פיש האט איהם אויסגעמייקעט, האט איהם נאָך א מאל איינגעשלונגען א פיש א נקבה, וואס זי איז געוועזען אינעווייניג פול מיט קינדער. עס האבען זיך אָבער תמיד געפונען אזעלכע, וואס האלטען זיך פאר גרויסע פילוסופים, און האבען געלייקענט די גאנצע מעשה מיט יונה הנביא און שטארק לצנות געמאכט איבער די ווערטער פון אונזערע הייליגע חכמים. ערשטענס, האבען זיי געפרעגט: ווי געשיקט זיך עס, אז א פיש זאל איינשלינגען א מענשען און דער מענש זאל נישט אין איהם טאקי באלד צוקאָכט ווערען? און צווייטענס, ווען יונה איז איינגעשלונגען געוואָרען, איז ער דאָך אראָפּ גלייך אין מאָגען, ווי זשע קומט עס, אז אין א מאָגען זאָלען זיין קינדער? וועלכע חיה אויף דער וועלט טראָגט קינדער אין מאָגען?

ווען, א שטייגער, א יוד, אפילו א גאנץ פרומער און א גרויסער למדן, דערהערט פלוצלים פון עמיצען אזא מין שאלה, בלייבט ער דאָך נעביך טאקי שטעהן און ווייסט נישט וואס צו ענטפערן. יענער דערווייל מיינט, אז ער איז א ווילדער חכם, און בתוך=כך קומט ארויס א חלול=השם. און פאר וואס דאס איז טאקי אזוי? מחמת א'נזער עולם איז כמעט גאר ניט בעקאנט מיט דער טבע פון אלע בעשעפענישען. דער גרעסטער טייל פון זיי ווייסט אפילו ניט, אויב זיי געפינען זיך גאר אויף דער וועלט. ווען ער זאל אָבער אלסדינג יאָ וויסען, וואלט עס

איהם זעהר צוניטץ געקומען און ער וואלט זיך אליין געקענט פערענטפערן פיעל שאלות.

דאריבער איז זעהר רעכט און ניצליך דאָ צו בעשרייבען די טבע פון א מין פיש, וואס דורכדעם וועלען מיר, ערשטענס, וויסען, אז ס'איז בנמצא, אז א פיש זאל איינשלינגען א מענשען; צווייטענס, אז די מעשה מיט יונה הנביא איז א ריינער אמת, און דריטענס, אז די ווערטער פון אונזערע הייליגע חכמים זענען זעהר טיעף, און ווען מען קען די חכמת הטבע, פערשטעהט מען ערשט זייער מיין און ווי ווייט זיי האבען נאָך אין יענער צייט געקענט די טבע פון גאָטס בעשעפענישען.

אזוי ווי דער לייב און דער לעמפּערט האבען צווישען אלע חיות אויף דער יבשה זיך קונה שם געוועזען מיט זייערע נעגעל און ציין און זיי זענען בעקאנט דער גאנצער וועלט פאר די גרעסטע רוצחים און עזות=פנימער, וואס פאלען איטליכען אָן און רייסען גרויס און קליין גאר אָהן רחמנות, אזוי האט זיך אין ים אויך קונה שם געוועזען א שרעקליכע משפחה פיש, וואס פאר זייער מויל ציטערען אלע חיות אין ים. די דאָזיגע שרעקליכע משפחה רופט מען האי=פיש. די חברה=לייט זענען גרויסע פרעסערס, בראַקעווען ניט קיין שום זאך, אלסדינג איז פאר זיי א מאכל, אפילו אז דער מאָגען קען עס ניט פערדייען. לעבעדיגע אָדער טויטע חיות זענען ביי זיי גאר גלייך, אבי אנשטאָפּען די קישקע. האָפּטעסווייז שווימען זיי אין ים נאָך די שיפען און חאַפּען אויף ווי הייסע לאָקשען אלסדינג, וואס פאלט פון דאָרטען אראָב. דאס זענען אזעלכע ארץ=עזות=פנימער, אז גאר אָהן פחד פאלען זיי אָן מענשען, וואס באָדען זיך אין ים, און א טהייל שלינגען מיט א מאָל איין א גאנץ פערד ווי א האלעשקע און דאס קלעקט ביי זיי פונקט תי אויף איין צאָהן. זיי הערען גאר ניט די וועלט, זיי זענען זעהר ספּריטנע, באָרען זיך מיט די שטאַרקסטע ים=חיות און בלייבען תמיד פון אויבען. אָט די משפחה פישעלעך געפינען זיך אין אלע ימים פון דער וועלט און אומעדום האט מען פון זיי צו זינגען און צו זאָגען. א טהייל פון זיי לייגען פייערעקעכדיגע לעבעדיגע אייער, און אנדערע געווינען טאקי לעבעדיגע קינדער.

די משפחה האי=פיש ווערד איינגעטהיילט מעהר ווי אין דרייסיג מינים. אלע צווישען זיך זענען גאר לייבליכע קרובים, כמעט מיט איין נאַטור. דער חילוק צווישען זיי איז גאר אין די אויסענווייניגסטע פּרימעטעס, היינו: די פלאָספעדערן זענען ניט ביי אלע גלייך אין דער צאָהל

און שטעהען נישט אויף דעם רוקען בײ אלע גלייך פונקט אויף די אײגענע ערטער. א חוץ דעם איז נאך בײ זײ א נפקא מינה אין דער פארב פון דער הויט און אין דער צאהל פון די צײן, וכדומה אזעלכע זאכען. אין דער שענער משפחה נעפינט איהר אלערלײ שלעק, און אז מיר האלטען שוין יא אין שמועס, איז כדאי דערווייל א ביסעל זיך צו בעקענען האטש מיט עטליכע פון די פארשוינען:

די קלײנסטע פון די הײ-פיש זענען דער הונד מיט דער קאטץ, און באמת פערדיענען זײ טאקי די שענע נעמען, מחמת אין ים זענען זײ פונקט אזעלכע רוצחים ווי אויף דער יבשה, ווי דער לייב מיט דעם לעמפערט פון דער משפחה קעטץ, און דער וואלף מיט דער היענע, פון דער משפחה הינד. ווי באלד זײ דערשמעקען נאר ערגיץ א מחנה פיש, וואס שווימען זיך זייער וועג, פאלען זײ אריין צווישען זײ ווי א הונגעריגער וואלף אין דער טשערעדע און פרעסען זײ אויף. מעהר פון אלע פיש ליידען פון די דאזיגע פרעסערס די הערינג. זײ פערשלינגען די הערינג נעביך נאר אהן א צאהל, און אז דער מאגען ווערט בײ זײ פול, מייקענען זײ זיך אויס און נעהמען זיך צום עסען נאר אויף דאס ניי, און אלע מאל אויסמייקענדיג קענען זײ אוועקפרעסען א גאנץ לאנגע צייט, אהן איין עק און אהן א סוף. בשעת זייערע א חברה פרעסען די הערינגלעך הערט זיך גאנץ ווייט א ריח פון טראהן, דאס וואסער ווערד פון אויבען גלאנצענדיג, גלייך ווי מען וואלט דארטען אויסגעגאסען גאנצע פעסער מיט אייל. די פישער האבען נענוג צרות אויסצושטעהן פון די פרעסער. א חוץ דעם, וואס זײ שלינגען איין אלע פיש. וואס מען וואלט געקענט חאפען צום עסען און צום פערקויפען, טהוען זײ נאך אן גענוג שאדען דערמיט, וואס זײ צערייסען מיט זייערע שארפע צײן די ווענטקעס. נאר פאפאדעט זיך אבער איינער פון די לייט אויף דעם האטשיק, מעג ער זיך שוין געזעגענען מיט דעם לעבען. די פישער מאכען איהם דעם טויט, חאטש ער טויג נאר נישט צום עסען.

אין אסיען איז בײ די דאזיגע הײ-פיש די צייט, וואס זײ פרוכפערן זיך, תחלת ווינטער הויבען אן די נקבות צו לייגען אייער צווישען געוועקס אין ים. דארטען פיהרען זיך די קינדערליך אליין אויס און בשעת זײ קריכען ארויס פון דעם איי הענגט איטליכען נאך פון אונטען א טארבעלע מיט א ביסעל איבערגעבליבענעם געלכען, וואס דערפון שפייזט ער זיך ביז עס שניידען זיך איהם אויס די צײן, קוים לאזט זיך איהם אויס דער חארטש און דאס טארבעלע פאלט פון איהם

אראפ, קען ער שוין זיין שטעדטיל אליין בעשטעהן און ווערד אזא רוצח ווי זיין טאטע און זיין מאמע.

פון די פיש קען מען ניט עסען נאר די לעבער, וואס זי האט אין זיך א סך טראהן. דער פראנצויזישער דאקטאר סאוואזש זאגט, אז זייער לעבער איז אבער זעהר שעדליך. ער דערצעהלט, ווי פיער מענשען, וואס האבען אויפגעגעסען איין לעבער, זענען באלד אין א האלבע שעה ארום נאך דעם עסען קראנק געווארען און אוועקגעשלאפען דריי טעג כסדר; בשעת זײ האבען זיך אויפגעחאפט, האט זײ שטארק געגודעט. דאס פנים איז בײ זײ געווען פול מיט רויטע פלעקען און זײ זענען ערשט פטור געווארען פון דער קראנקהייט דעסטמאל, אז עס האט זיך בײ זײ אבגעשיילט די הויט פון דעם גאנצען לייב און פון דעם קאפ.

נאר דער שרעקליכסטער פיש פון דער גאנצער משפחה איז דער מענשען-הײ, אדער ווי מען רופט איהם נאך מיט א נאמען דער מענשענפרעסער. ער וואקסט אויס פון זיבעצעהן ביז אכטצעהן איילען די לענג. זיין מויל איז שרעקליך גרויס און ברייט. בײ א סך פון דעם מין פיש האט מען אין בויך געפונען גאנצע פערד, וואס זײ האבען פערשלונגען. מאכט זיך א מאל, אז אזא מין פארשוין ליעגט אויסגעצויגען טוידט אויף דעם ברעג, קריכען איהם אריין דורך דעם אפענעם פיסק גאנץ גרויסע הינד העט ווייט אין זיין מאגען און נעהמען זיך ארויס פון דארטען אזוי ווי פון א קעלער אלסדינג, וואס דער מאגען האט נאך ניט פערדייעט. דער דאזיגער פיש האלט זיך אויף אין אלע ימים און אומעטום איז ער דער גרעסטער תקיף. אלע חיות אין ים ציטערען פאר זיין פארע, ער שלינגט זײ אלע אהן רחמנות איין, און אפילו דער מענש, דער מושל פון דער גאנצער וועלט, איז בײ איהם אויך קיין גרויסער יחסן ניט: דערטאפט ער איהם נאר, צי טוידט, צי לעבעדיג, חאפט ער איהם אריין גלייך אין מאגען. אלע מענשען וואס זיצען נעבען ברעג און אלע, וואס פאהרען אויף דעם ים, פערשעלטען איהם זיין געביין. ער געהט נאך די שיפען ווי א קוה א קאלב און לאזט זײ ניט אב ביז צום ברעג. צום מייסטען האלט ער זיך נעבען די שיפען, וואס פיהרען פון אפריקא קיין אמעריקא די אומגליקליכע געפאנגענע שקלאפען. ער שטויסט זיך א פנים, אז נעבען די שיפען קען מען זיך פאזשיווען, ווארום באמת שטארבען טאקי פיעל נעגערן אויף ם שיף איידער מען דערפיהרט זײ צום ארט און מען ווארפט זײ גלייך

אראָפּ אין ים אריין. ווען עס כאַפּט זיך אַריין אויף אַ שיף דאָס גאַלע פּיע-
בער און מענשען הויבען אָן צו שטאַרבען, אַז מען מוז זיי כסדר אַריינ-
וואַרפען אין ים, דענסטמאָל לויפען נאָך דעם שיף גאַנצע מחנות פון
די האַי-פיש מיט אַזאַ אימפּעט און אַ מין רציחה, אַז אַפילו ביי די
שטאַרקסטע מאַטראָזען, וואָס זענען שוין פון קליינווייס-אויף געוועהנט
מיט דער חברה, קלאַפּט אויך גוט דאָס האַרץ און די האָר שטעלט
זיך ביי זיי קאַפּויר. אינ'ם יאָהר 1798, בשעת דער גרויסער בעריהמטער
מלחמה אויף דעם ים נעבען דעם דאָרף אַבוקיר אין מצרים, וואָס
נאַפּאָלעאָן האָט זיך געשלאָגען מיט די ענגלענדער און מענשען
זענען געפאַלען ווי שטרוי, האָט מען דענסטמאָל געזעהן אַרומשווימען
צווישען די ענגלישע און פראַנצויזישע קאָראַבען אהין און אַהער גאַנ-
צע מחנות האַי-פיש, וואָס האָבען אויפגעכאַפּט אַלע מענשען, וואָס זע-
נען אַראָבגעפאַלען אין ים אַריין און האָבען זיך גאָר ניט געשראָקען
פאַר די טייוענדער האַרמאַטעס, וואָס האָבען געדונערט פון ביידע צדדים.
דער האַי-פיש לאַקאָמעט זיך אַזוי אויף מענשענפלייש, אַז ער שפּרינגט
אַרויס פון דעם ים גאַנץ הויך, אַבי דאָס מאכל צו כאַפּען. עס האָט
זיך שוין אַ מאָל אַזאַ מעשה געטראָפען, אַז דער מענשען-האַי איז אַרויס-
געשפּרונגען צעהן איילען הויך פון דעם וואַסער און האָט אַראָבגעכאַפּט
אויבען פון דעם שיף אַ געשטאָרבענעם נעגער. דער בעריהמטער ראָנ-
דעלעט דערצעהלט, אַז ער אַליין האָט מיט זיינע אויגען געזעהן, ווי
מען האָט געפונען אין אַ מאָגען פון אַ האַי-פיש אַ גאַנצען מענשען אָנ-
געטאָן מיט כלי-זין, דער גרויסער נאַטורפאָרשער מילער דערצעהלט,
אַז אין יאָהר 1758 האָט זיך אַזאַ מעשה פערלאָפען: אין מיטעללענדי-
שען ים איז געגאַנגען אַ שיף; עס איז געוואָרען אַ שטורמווינד און איין
מאַטראָז איז אַריינגעפאַלען אין ים. ער האָט אָנגעהויבען צו שווימען
און צו שרייען, מען זאָל איהם ראַטעווען; עטליכע מאַטראָזען האָבען זיך
אַראָבגעלאָזט אין אַ קליין שיפעלע. נאָר איידער אָבער זיי האָבען זיך
גערירט צו ראַטעווען זייער חבר, האָט איהם שוין אַ האַי-פיש איינגע-
שלונגען. דער קאַפּיטאַן, וואָס האָט עס צוגעזעהן, האָט געהייסען באַלד
פון אַ האַרמאַט אויסשיסען. די קויל האָט געטראָפען דעם פיש און ער
האָט באַלד אויסגעשפּיגעט דעם מאַטראָז לעבעדיגערהייט און קיין האָר
איז איהם ניט געוועזען געקרימט. פעליע דערצעהלט, ווי ער האָט
מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהן, ווי דער האַי-פיש האָט איינגעשלונ-
גען אַ מיידעל. דער היינטיגער גרעסטער נאַטורפאָרשער ברעהם דער-

צעהלט מיט די ווערטער: בשעת איך האָב מיך אויפגעהאַלטען אין דער
שטאָדט אַלכסנדריא אין מצרים, איז די גאַנצע צייט אינמעגליך געווען
זיך צו באָדען אין ים, מחמת אַ האַי-פיש האָט זיך דאָרטען איינגעניסט
און אַוועקגעכאַפּט מענשען פון די הייזער, וואָס שטעהען אויף דעם
ברעג.

אַלע רציחות פון דעם האַי-פיש צו בעשרייבען איז אָהן אַ סוף
און אָהן אַ ברעג. געניג מענשען האָבען שוין אין זיין מאָגען זייער קבר
געפונען און זעהר פיעל זענען געבליבען קאַלעקעס אָהן הענד און אָהן
פיס, וואָס דער רוצח האָט זיי אָבגעריסען. זיין מאָגען איז פשוט אַ
מאַגאַזין פון אַלערליי זאַכען. אין אַמעריקא, נעבען דער שטאָדט יאַק-
סאָ האָט מען פון אַ מאָגען פון אַ געהרגעטען האַי-פיש אַרויסגענומען
אַ גאַנצען פריידיק, אַ סך ביינער פון שאָף, אַ האַלבען חזיר, דעם
קאָפּ מיט דעם פעדער-חלק פון אַ גרויסען הונד, עטליכע פונט פערדענ-
פלייש, אַ גאַנץ שטיקעל גראָב ליינווענד, וואָס מען מאַכט דערפון זעק, און
נאָך אַ דראָטענע באַרשט. אַ מאָל געפינט מען אין זיין מאָגען נאָך דערצו
צינערנע כלים, אייזענוואַרג, געהילץ און לעדער, ווי ביי אַ רעכטען
בעל הבית אין קאַמער

שען איז נאָר צו זעהן, ווי דער מענש, וואָס ער ווייכט תמיד
אויס דעם האַי-פיש און וויל מיט איהם קיין שום עסק ניט האָבען,
ווערד פלוצלים נאָר אַ נאָהנטער מחותן בשעת ער נעהט פאַנגען דעם
גרויסען וואַלפיש. דענסטמאָל ווען דער מענש שטעקט איהם אייזערנע
קרוקעס אין ריקען אַריין, רייסט איהם דערווייל דער האַי-פיש אויס
גאַנצע שטיקער פלייש פון אונטען.

דער מענש, וואָס הערשט מיט זיין שכל פון אייביג אָן איבער
אַלע בעשעפעניש פון דער גאַנצער וועלט, איבער חיות אויף דער
יבשה, איבער פייגעל אין דער לופט און איבער פיש אין דעם ים,
לערנט אויך אַ מאָל אָן דעם גרויסען פאַני-בריה און ווייזט איהם ווער
עלטער איז. רייזענדע דערצעהלען, אַז די נעגערן אין מערב-זייט פון
אַפריקא געהען גאַנץ דרייסט אין ים אַקעגען דעם האַי-פיש מיט אַ לאַנג
מעסער אין דער האַנד און שניידען איהם אויף דעם בויך. דער
ענגלענדער דיקסאָן דערצעהלט, אַז ער האָט אַליין געזעהן ווי די איינ-
וואָהנער פון די קעמפּעס זאַנדוויך האָבען זיך געשלאָגען מיט דעם האַי-
פיש איבער דעם דרויב פון אַ חזיר, וואָס די ענגלישע מאַטראָזען האָבען
אַראָפּגעוואָרפען אין ים אַריין.

אויף אַזאַ גראָבען אופן צו שלאָגען זיך מיט דעם האי=פיש שטעלען זיך נאָר איין ווילדע מענשען; די געבילדעטע מענשען אָבער פון אונזער איירָאָפּא חאַפּען איהם מיט אַנדערע הסברות. מען זעצט ארויף אויף אַ גאַנץ גרויסען האַטשיק, וואָס איז צוגעטשעפּעט צו אַ גאַנץ שטאַרקער אַייזערנער קייט, אַ שטיק פלייש אָדער אַ פיש און מען לאָזט דאָס אַראָפּ אין ים אַריין. קוים דערשמעקט עס דער האי=פיש פון ווייטענס, קומט ער באַלד צולויפען און חאַפּט עס אין מויל אַריין. אַבי דאָס האַטשיקעל האָט זיך ביי איהם איננווייניג פאַרטשעפּעט, איז מען מיט דעם פאַרשוין באַלד פאַרטיג. העננלין בעשרייבט גאַנץ בפרטיות, ווי אַזוי מען האַפּט דעם דאָזיגען ריז. ער דערצעהלט, אַז בשעת ער איז געשטאַנען מיט זיין שיף אין ים=סוף האָט ער געשאָסען אַ גרויסען פויגעל, וואָס איז באַלד אַראָפּגעפאַלען אין וואַסער אַריין. איינער פון די מאַטראָזען האָט זיך אַראָבגעלאָזט אין ים צו ברענגען דעם דערשאָסענעם פויגעל; קוים איז ער נאָר אַריין צוריק אין שיף, האָט ער דערזעהען, ווי אַ האי=פיש האָט זיך צוגעלאָזט צום דעם שיף. ראַשיד, מיין מאַטראָז, אַזוי דערצעהלט ער ווייטער, איז געבליבען פאַר שרעק אָהן לשון און האָט מיר נאָר געקענט אַ צייכען געבען מיט דער האַנד, אַז איך זאָל בעטראַכטען דעם אומגעבעטענעם גאַסט. באַלד טאַקי איז גיך, ווי אַ פייל פון דעם בויגען, אָנגעקומען אַ צווייטער און נאָך איהם אַ דריטער, וואָס ער איז געוועזען אומגעלומפּערט גרויס. עס איז ביי אונז געבליבען, אַז מיר זאָלען פּרובען די דריי ליודאָיעדען פאַנגען. מיר האָבען אויף אַ לאַנגען אַייזערנעם האַטשיק, וואָס איז געוועזען צוגעטשעפּעט צו איין אַייזערנער קייט, אַרויפגעזעצט אַ געריבערטען פיש א'ן איהם אַריינגעלאָזט אין ים אַריין. די אַייזערנע קייט איז געוועזען שטאַרק צוגעקרעמפּעוועט צו אַ שרעקליך גראָבען שטריק פון דעם שיף. קוים איז דער געריבערטער פיש אַראָפּ אויף אַ קלאַפּטער אין וואַסער, איז דער קלייננסטער פון די דריי חברה=לייט צוגעשוואומען און האָט איהם געפּראַוועט פערזוכען. אַז ער האָט זיך שוין גוט פערטשעפּעט, האָט מען פערוואָרפען דעם גראָבען שטריק אויף אַ ראָד און אַלע מענשען פון דעם שיף האָבען זיך גענוג געמוטשעט איידער זיי האָבען איהם אַרויפגעשלעפּט אויף דעם שיף. דאָרטען האָבען זיי דעם שיינעם גאַסט מקבל פנים געווען מיט שאַרפע העק און מיט אַייזערנע דאָבניעס; ער האָט גוטע קלעפּ בעקומען, ביז ער איז געבליבען ליעגען אַזוי ווי פערשמעליט. אַז מען איז מיט איהם פאַרטיג געוואָרען,

האָט מען נאָך אַ מאָל אַראָפּגעלאָזט דעם האַטשיק. דער צווייטער גאַסט האָט זיך אויך גיט געלאָזט לאַנג בעטען און האָט געחאַפּט דעם איינגענעם פּסק ווי דער ערשטער. דער גרעסטער איז לעת עתה פערשוואונדען און ערשט אין עטליכע שעה אַרום איז ער צוריק געקומען. מען האָט איהם געפּרובט פערנאַרען צום האַטשיקעל מיט שאָפּען=פלייש, ער אָבער האָט זיך גאָר ניט ווילסענדיג געמאַכט און איז געשוואומען נעבען דעם, גלייך ווי ער זעהט עס ניט. מען האָט אַראָפּגעלאָזט דעם האַטשיק נאָך טיעפער, דער האי=פיש האָט זיך שוין מעהר ניט געקענט איינהאַלטען און האָט זיך גענומען צום שאָפּענפלייש. לעבעדיגערהייט אַרויפצושלעפּען אַזאַ ריז איז געוועזען אַ גרויסע סכנה, ער וואָלט געקענט פון אַלעמען מאַכען אַ תל. דעריבער בשעת ער איז נאָך שלעפענדיג געהאַנגען אין דער לופט, האָט מען איהם אַריינגעשאָסען צוויי קוילען אין מוח אַריין און אין די וואונדען האָט מען אַריינגעשטאָכען אַייזערנע העק, וואָס מיט זיי האָט מען איהם ערשט אַרויפגעצויגען אויף דעם שיף. די אַלע דריי לייט, ווי צוקאַרעדאַשעט זיי זענען געוועזען, האָבען זיך נאָך אַזוי שטאַרק געוואָרפען, אַז דער גאַנצער אָקרענט האָט געציטערט. מען האָט נאָך אין זיי גענוג העק און שפּיזען אַריינגעלעגט איידער זיי זענען טויט געבליעבען. מען האָט אַרויסגענומען פון זיי די לעבער, וואָס איטליכע האָט געהאַלטען ביז צוויי איילען די לענג, און מען האָט זיי פערפּאַקט אין זייערע איינענע מאָגענס. פון די לעבערס מאַכט מען דעם בעסטען טראָהן. די פלאָספעדערן האָט מען אויך אָבגעהאַקט, מחמת דאָס איז אַ סחורה, וואָס ווערד געברויכט אין אינדיען צום פאָלירען און אָבצוציהען אויף זיי מעסערס. דאָס פלייש, וואָס טויג נישט צום עסען, האָט מען צוריק אין וואַסער אַריינגעוואָרפען.

אָבער נישט תמיד גערעאָטה עס צו חאַפּען דעם האי=פיש אויף אַזאַ אופן. עס מאַכט זיך זעהר אָפט, אַז ווי באַלד ער דערפיהלט נאָר דעם האַטשיק ביי זיך אין מויל, הויבט ער זיך אָן אַזוי שטאַרק צו דרעהען, אַז ער קען אפילו דעם גרעבסטען שטריק איבעררייסען, און דעריבער איז אַ סכנה מיט איהם אָנצוהייבען פון אַ קליינעם שיפעל, וואָס דאָרטען זענען וועניג מענשען. ווען ער זעהט, אַז עס איז פון דעם האַטשיק נישט פּטור צו ווערען, הויבט ער אָן אַזוי שטאַרק צו מייקענען ביז ער מייקעט אויס דעם מאָגען מיט דעם האַטשיק.

די גרויסע האי=פיש, אָדער מענשענפרעסער, פאָרען זיך דאָס

דוב נאָהנט פון דעם ב״ענ. די זכרים רייכען זיך אַמאָל איבער אַ
נקבה. די נקבה ווערד מעוברת מיט דרייסיג ביז פופציג אייער. וואָס
זי זיצט זיי אויס טאַקי ביי זיך אין בויך, און געווינט לעבעדיגע קינדער.
אַט דאָס קליינוואַרג, ווי עס קומט נאָר אַרויס אויף דער וועלט, געהט
עס גלייך אַראָפּ אויף אייגענע קעסט און דאַרף קיינעמס לאָסקע ניט
האָבען; עס איז פאַרזאָרגט מיט אַלע כּלי־זין און קען שוין זיין
שטיקעל ברויט בעקימען. פונדעסטוועגען האַלטען זיי זיך נאָך אַ לאַנגע
צייט ביי דער מאַמעס פאַרטוך און זי היט זיי אָפּ פאַר אַלע צרות, און
נאָר אין אַ נויט־פאַל קריכען זיי אַריין צו דער מוטער אין מויל, אָדער
גאַנץ טיעף אין מאָגען אַריין. עס האָט זיך שוין ניט איין מאָל
געטראָפען, אַז מען האָט אַרויסגענומען ביי אַזאַ געהרגעטער נקבה לע־
בעדיגע קינדער פון איהר מאָגען.

אַ חידוש נפלא איז, אַז דער גרויסער שרעקליכער האַי־פיש, וואָס
פאַר איהם ציטערט דער גאַנצער ים, לעבט גאָר פריינדליך מיט אַ
קליין פישעלע, וואָס איז אינגאַנצען גרויס ווי אַ קאַרעסעל. אַט דאָס
קליינע פישעלע לויפט איהם אומעטום נאָך ווי אַ געטריי הינטעל. עס
דרעהט זיך איהם ביי די זייטען, שווימט איהם פאַר דעם מויל, לויפט
פריהער און מאַכט איהם אַ ווארע. דאָס מין פישעלע האָט פאַרצייטענס
געהייסען פּאָמפּילוס, היינט רופט מען עס לאָטזועפיש. דער
בעריהמטער קאָמערסאָן שרייבט פון דעם פישעלע די ווערטער: איך
האָב תמיד געהאַלטען אין דער סברא, אַז די מעשה, וואָס די וועלט
דערצעהלט פון דעם האַי־פיש מיט דעם לאָטזועפישעלע, איז גאָר איין
אויסגעטראַכטע זאַך; איצט אָבער בין איך גאָר ניט מסופק, אַז די
מעשה איז טאַקי אמת, ווייל איך האָב עס אַליין מיט מיינע אויגען גע־
זעהן. אַט דאָס קליינע פישעלע עסט תמיד די שיריים פון דעם האַי־
פיש, און ס׳איז נאָר אַ גרויס חידוש, ווי אַזוי דער גרויסער פרעסער
שלינגט ניישט איין דאָס פיצעלע, וואָס עס דרעהט זיך איהם שטענדיג
פאַר דער נאָז. איך האָב עפטערס געזעהן, אַז מען האָט אַרויסגעוואָר־
פען פון דעם שיף אַ שטיק פלייש און דאָס לאָטזועפישעלע האָט עס
נאָר דערשמעקט, איז עס באַלד געלאָפען צו דעם האַי און האָט עס
איהם אַהין צוגעבראַכט. חאַפּט מען אַמאָל אַ האַי, לויפען איהם
לאָטזועך, זיינע באַסאַקעס נאָך, און טרעטען נישט אָב פון איהם ביז
מען ציהט איהם נישט אַרויס. טעג לאַנג געהען זיי נאָך דעם פיש ביז
זיי געפינען נישט איין אַנדער האַי, וואָס זיי זאָלען זיך קענען אַרום

איהם דרעהען. אַלע געלעהרענטע, וואָס געהען אויף דעם ים, דערצעהלען
אויך דאָס אייגענע און זענען אינגאַנצען מסכים מיט קאָמערסאָן. נאָר
ווי קומט עס פאַרט, אַז דאָס קליינע פישעלע זאָל זיין אַזאַ נאָהענטער
מחותן מיט דעם ים־גזלן? דאַרויף געפינען די געלעהרענטע כּמה
טעמים. אַ טהייל זאָגען, אַז די גרויסע פריינדשאַפט צווישען זיי קומט
דאַריבער, מחמת דאָס קליינע פישעלע מיט זיין גוטען חוש־הריח פיהרט
תמיד דעם האַי צום רויב, בכדי עס זאָל קענען זיך אויך מפרנס זיין
פון די ברעקלעך, וואָס פאַלען יענעם אַראָפּ. עס מיינט, נעביך, נישט
מעהר נאָר ווי דאָס שטיקעלע פרנסה. אַנדערע ווילען האָבען, אַז דאָס
לאָטזועפישעל האַלט זיך דאַריבער נעבען דעם האַי, כּדי זיך צו בע־
וואָהרענען פאַר זיינע שונאים אין ים; פאַר איהם אַליין אָבער האָט עס
ניט וואָס מורא צו האָבען, מחמת עס קען זיך תמיד פון איהם אויס־
דרעהען. רזשאָפּרע דערצעהלט, אַז פאָהרענדיג אויף דעם ים קיין
מצרים האָט ער געזעהן אַ גרויסען האַי, וואָס פאַר איהם זענען געלאָ־
פען צוויי לאָטזועפישלעך. אַז די צוויי באַסאַקעס זענען צוגעשוואומען
צום שיף, זי בעשמעקט פון אַלע זייטען און גאָר נישט געפונען, האָבען
זיי זיך צוריק געקעהרט צו זייער בעל־הבית און איהם אָוועקגעשלעפּט
ווייטער. דערווייל האָט אַ מאַטראָז אַראָבגעלאָזט אין ים אַ שטיק פלייש
אויף אַ האַטשיק. קוים האָט דאָס פלייש אַ פליעסקע געגעבען אין וואַסער,
האָבען זיך די לאָטזועפישלעך גאַנץ ווייט אומגעקעהרט ווי אַ פייל פון
דעם בויגען, האָבען אַ לעק געטהון דאָס שטיקעל פלייש, באַלד זענען
זיי געלאָפען מודיע צו זיין פון דעם זייער בעל־הבית און זענען מיט
איהם תיכּף צוריקגעקומען. דער בחור, פאַרשטעהט זיך, האָט אַ חאַפּ
געטהון דאָס פלייש אין מויל אַריין און מען האָט איהם באַלד אַרויסגע־
צויגען געפאַנגען אין שיף אַריין. אין צוויי שעה אַרום האָט מען אויך
געחאַפּט איינעם פון די לאָטזועפישלעך, וואָס האָט בשום אופן ניט
געוואָלט אָבטרעטען פון דעם שיף, ביי דער גרויסער מלחמה ביי אבוקיר,
וואָס מיר האָבען שוין אויבען בעשריבען, זענען דאָרט די לאָטזועע־
פישלעך אויך געלאָפען ווי די פעלדיעגערס פאַר די האַי־פיש און זיי
אָנגעוויזען די טוידטע מענשען.

איצט, רבותי! אַז איהר האָט שוין אַלסדינג אָפּגעלייענט וועגען
דעם האַי־פיש, קענט איהר זיך שוין אַליין אָנשטויסען, אַז נאָר אַ האַי־
פיש האָט איינגעשלונגען יונה הנביא, מחמת ערשטענס שלינגט ער
טאַקי איין מענשען, און דער מאָגען זיינער איז אַזוי גרויס, אַז מען

קען זיך אין איהם בעהאלטען; צווייטענס האט ער די טבע, נישט באלד צו פארדייען דאס, וואס ער שלינגט איין, און דאס מיינט טאקי דער פסוק דערמיט, וואס ער זאגט „ויקא" דאס הייסט: דער פיש האט יונה הנביא אויסגעשפייקעט — און פירטענס איז ער נאר דער איינציגער, וואס קען האלטען זיינע קינדער אין מאגען. פון דעם זעהט מען ארויס בעשיינפערליך, ווי וויט אונזערע הייליגע חכמים האבען געקענט די חכמת הטבע, און ווי מען זעהט ארויס פון זייערע רייד, האבען זיי געהאלטען, אז נאר א האי-פיש האט איינגעשלונגען יונה הנביא, און מיט רעכט האבען זיי געדרונגען פון דעם ווארט „דגה", אז ער איז איינגעשלונגען געווארען פון א פיש א נקבה בשעת אז אין איהר מאגען האבען זיך בעהאלטען, אזוי ווי דער שטייגער איז, איהרע איי-גענע קינדער און טאקי דער פאל איז געווען א נס בהשגחה פרטית, וואס יונה הנביא האט געקענט ליגען אין דעם מאגען דריי טעג מיט דריי נעכט און זיין ביי דעם גאנצען פערשטאנד און ארויסגעהן נאכדעם לעבעדיגערהייט.

אלע געלעהרטע, וואס גיבען זיך אב היינטיגע צייטען מיט חכמת הטבע, זאגען אלע בפה אחד, אז נאר דער האי-פיש האט איינגע-שלונגען יונה הנביא, און רופען איהם אין דער נאטור-געשיכטע לכבוד דעם נביא, יונה'ס-פיש, דאס הייסט: דער פיש וואס האט איי-שלונגען יונה הנביא.

צום צענטען יארצייט פון
מענדעלע מוכר-ספרים
(שלום יעקב אבראמאוויטש)

צום צענטען יארצייט האט דער פארלאג „מענדעלע" ארויסגעגעבען אלע ווערק פון מענדעלע מו"ס אין א נייער, באארבעטער און קאנטראלירטער אויסגאבע. פאר יעדן באנד קומט אן אריינפיר און אויך א בעהעריקע אפהאנדלונג-כאראקטעריסטיק פון די ווערק.

אויסער די פריערדיקע צוואנציק בענדער, האט דער פארלאג ארויסגעגעבען צום יארצייט נייע צוויי בענדער: באנד XXI „מעשיות וועגן מענדעלען" און באנד XXII „דער מענדעלע-טורעם".

- באנד 1 מענדעלע מוכר-ספרים (זיין לעבן און שאפן)
- באנד 2 דאס קליינע מענטשעלע
- באנד 3 פישקע דער קרומער
- באנד 4 די טאקסע אדער די באנדע שטאט-בעלי-טובות.
- באנד 5 די קליאטשע
- באנד 6 לופט באלאן. דער פיש
- באנד 7 יודעל
- באנד 8 שבתדיקע זמירות. פרק-שירה
- באנד 9 מסעות בנימין השלישי
- באנד 10 דער פריזיוו
- באנד 11 דאס ווינשפינגעריל, I טייל
- באנד 12 דאס ווינשפינגעריל, II טייל
- באנד 13 צוריק אהיים. אלטע מעשה. שם און יפת אין וואגאן
- באנד 14 אין א שטורעם-צייט. אין דער ישיבה של מעלה. א סגולה צו יידישע צרות
- באנד 15 די נשרפים. ספר הבהמות. ספר הגלגולים. דאס קעלבל
- באנד 16 שבת און יום-טוב. חג האסיף. דער חילוף. שבת. וואס הייסט חנוכה. אויף אסיפות. א שטאט אין מזרח-וואנט. די אנטדע-קונג פון וואלין.
- באנד 17 עלטערן און קינדער
- באנד 18 שלמה ר' חיימס (1 טייל)
- באנד 19 שלמה ר' חיימס (2 טייל)
- באנד 20 זכרונות וועגן מענדעלען

נייע צוויי בענדער

- באנד 21 מעשיות וועגן מענדעלען
  מעשיות, זכרונות, עפיזאדן און קוריאזן דערציילט פון שלום-עליכם, ציטראן, אנ — סקי, ראווניצקי, קלויזנער, שניאור, ביכמאן א. א.
- באנד 22 מענדעלע-טורעם
  ארטיקלען פון פרץ, בערדיטשעווסקי, גינזבורג, דובנאוו, דינעזאן, בער-קאוויטש, ספעקטאר, וויטער, גא-רעליק, פרילוצקי, ניגער, נאדיר, אויסלענדער, דאברושין, מייזיל, גראס א. א.

די ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים זענען די גרונט-שטיינער פון דער יידישער ליטעראטור. דאס איז איר אנהייב, איר ערשטער אויסדרוק פון קראפט, פון פארם, פון פארצלעכער און קינסטלערישער פארווירקלעכונג.

מענדעלע איז ביז היינט דער גרעסטער קינסטלער פון יידישן ווארט.

זיין ווערק איז צום לערנען, צום שטודירן און צום געניסן צוגלייך.

מענדעלעס ווערק דארפן זיך געפינען אין יעדן יידישן הויז!

פארלאג געזעלשאפט „צענטראל" ווארשע, נאוואליפקי 7.